STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02191

# DER YIDISHER HURBN IN UKRAYNE

Leon Chasanowitch

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# 1. טייל

ענטהאלט מאטעריאלען און דאָקומענטען איבער

1) די פּאָגראָמען פון פּעטליורא'ס טרופּען,

2) פּאָגראָמען פון באנדעס און

3) באָלשעוויסטישע עקסצעסען און הילפס־אַקציע.

# אָוורוטש

(בעריכט פֿון אַ. ר. גיללערסאָן, פערטרעטער פֿון צענטראלען אידישען הילפֿס-קאָמיטעט).

אָוורוטש איז אַנ'אויעזדנע שטאָדט אין וואלינער גובערניע מיט א בעפֿעלקערונג פֿון אַנ'ערך 10 טויזענד מענשען. מעהר ווי צוויי דריטעל דערפֿון זיינען אידען. די אידישע בעפֿעלקערונג האט זיך ס'רוב ניט געמישט אין פּאָליטיק; קיין חשוב'ע רעוואלוציאנערען האט זי פֿון זיך ניט ארויסגעגעבען. אין דער תקופה פֿון די צאַרישע פּאָגראָמען האט אָוורוטש ווענינ געליטען.

## דער פאגראם אין דעם חודש דעצעמבער פֿון דעם יאהר 1917.

דער ערשטער פאגראם אין אָוורוטש איז פֿאָרגעקומען אין דעם חודש דעצעמבער 1917, אין דער צייט פֿון דער ערשטער ראַדאַ. די פּוילישע פריצים, וועלכע האבען געוואהנט אין שטאָדט און אינ'ם אויעזד, ווי אויך די געוועזענע צאַרישע טשינאווניקעס, וועלכע זיינען אין הארצען געבליבען געטריי די טראַדיציעס פֿון דער צארישער פּאליטיק, האבען, ווי דער שטייגער איז, אומעטום געזייט מחלוקת און געוועקט א שנאה צו אידען דורכדעם, וואס זיי האבען ארויסגעלאָזט א קלאַנג, אז די אידען זיינען שולדיג אין דעם יקרות. אונטער דער השפעה פֿון דער דאזיגער אגיטאַציע האט דער 165-טער אוקריינישער פּאָלק, וועלכער איז דעמאלט געשטאַנען אין אָוורוטש, בשעת דער דעמאביליזאציע אין דעם חודש דעצעמבער פֿונ'ם יאהר 1917 אנגעהויבען ראַבעווען אידישע געשעפֿטען און א תל מאכען פֿון די סחורות. די פויערים פֿון די ארומיגע דערפער זיינען געקומען צופאהרען אויף פֿוהרען און אוועקגעפיהרט מיט זיך אלץ, וואס איז נאך גאנץ געבליבען פֿון דעם חורבן. אַגב האט אויך די אָרטיגע פּויערישע בעפֿעלקערונג דאס אייגענע געטהאָן. גערויבעוועט האט מען נאר אידישע געשעפטען, אידישע וואהנונגען האבען קיין שאָדען ניט געליטען.

## די בעציהונג צו אידען אונטער דעם העטמאַן.

אונטער דעם העטמאן זיינען פאגראמען בכלל ניט פֿאָרגעקומען. די ממשלה פֿון דעם העטמאן איז אין תוך גערעדט געווען א ממשלה פֿון רעסטאַוראַציע, ד. ה. זי האט זיך געסטארעט אויפֿצובויען דעם אלטען רעזשים; זי האט געטראָגען בכלל א צאַרישען כאראקטער, אבער דער דאזיגער כאראקטער האט זיך געביטען לויט די

פערשיידענע תּנאים פֿון דעם פּאָליטישען מאמענט, און ווען דער פּאָליטישער מאמענט האט עס געפֿאָדערט, האט דער צאַרישער כאראקטער אנגענומען א שטאַרק אבגעשוואַכטע פֿאָרם. קיין פּאגראמאגיטאציע איז אונטער דעם העטמאַן ניט געווען, אבער אנטיסעמיטישע פּראָפּאגאנדאַ האט אויך ניט געפֿעהלט. אַגב איז פֿון זשיטאמיר אָנגעקומען אין אווראטש בסוד א בעפֿעהל, אז מען זאל אידען ניט צולאזען צו שטעלעס אין דער רעגירונג, און אז מען זאל די אידען, וועלכע זיינען שוין דאָ אויף אזעלכע שטעלעס, ביסלעכווייז פֿון זיי ארויסשטופּען.

דעם העטמאַנס ממשלה, וועלכע איז אייגענטליך געווען א הֶמשך פֿון דער צארישער ממשלה, הַגם אין אַנ׳אבגעשוואַכטער פֿאָרם, איז ביי דער אוקריינישער פּויערשאַפֿט געווען זעהר ניט פּאפּולער. און בשעת די דייטשען האבען צוליעב געוויסע פּאָליטישע סבות אנגעהויבען צו פערלאזען דאס לאנד, האבען זיך אין א סך ערטער אנגעצונדען בונטען.

## דער בונט פֿון די פּויערים און די בעשאַפֿונג פֿון אַנ׳אָווראטשער רעפּובליק.

דעם 30-טען נאוועמבער פֿון דעם יאָהר 1918 האבען זיך די פּויערים פֿון פּאקאלעווסקער וואָלאסט, אין אווראטשער אויעזד, צעבונטעוועט. זיי האבען ערקלערט, אז די ממשלה פֿון דעם העטמאַן איז בָּטל, און בעשאַפֿען אַנ׳אָווראטשער רעפּובליק. די 100 פֿרייוויליגע אָפֿיצערען, אויף וועלכע עס האט זיך געהאלטען דעם העטמאַנ׳ס ממשלה, זיינען אָהן קיין שום קאמף צעלאָפֿען. די פּויערים האבען אין אָווראטש איינגעפֿיהרט א פֿעסטע ארדנונג. זיי האבען תיכף בעפֿרייט פֿון דער תפיסה אלע, וועלכע זיינען דארט געזעסען וועגען פּאָליטישע פֿערברעכענס. צווישען די דאזיגע בעפֿרייטע האבען זיך געפֿונען דער פּויער דמיטריוק, וועלכען זיי האבען געמאַכט פֿאַר א קאמיסאַר, און דער בונדיסט פֿרידמאַן, וועלכען זיי האבען געמאכט פֿאַר א וויצעקאָמיסאר. אגב האבען זיך די פּויערים געווענדעט צו דער אידישער קהלה מיט א פֿאָרשלאַג צו ארגאניזירען און ארויסצושטעלען א מַחנֶה פֿון 150 מאַן, וועלכע זאל גרייט זיין צו קעמפֿען; נאָך א לאנגען ישוב הדעת האבען די אידען בעשלאָסען, אז אזוי ווי די פּויערישע רעגירונג קען ניט עָרב זיין פֿאַר א זיכערען און פֿעסטען קיום, קענען זיי ניט ארויסשטעלען אזא מין מחנה; זיי האבען זיך אויף אזא אופן פֿון דעם דאזיגען פארשלאג אבגעזאגט און ארויסגעוויזען דורכדעם א ריכטיגען טאַקט. אין דערזעלביגער צייט איז דעם העטמאַנ׳ס ממשלה אין אוקריינע שטארק אבגעשוואַכט געווארען, און עס איז אויפֿגעקומען די דירעקטאָריע פֿון פּעטליוראַ׳ן.

## דער באלשעוויזם ביי די פּאָקאַלעווער פּויערים.

אונטער דער השפּעה פֿון די ווייסרוסישע באלשעוויקעס, וועלכע זיינען דורך קאָלינקאָוויטשי די נאהענטסטע שכנים פֿון די פּאָקאַלעווער פּויערים, האבען זיך ביי די דאזיגע פּויערים אנגעהויבען שטארק צו ענטוויקלען באלשעוויסטישע נטיות און אלץ שטארקער געלאָזען הערען באלשעוויסטישע לאָזונגען. די פּויערשע

בעפֿעלקערונג איז צעטיילט געווארען אויף צוויי פּאַרטייעס: די גרעסערע איז אריבער־געגאנגען צו די באלשעוויקעס און געווארען באלשעוויסטיש, די קלענערע איז גרייט געווען צוצושטעהען צו דער אוקריינישער נאציאָנאלער בעוועגונג. דמי־טריוק און פֿרידמאַן, וועלכע האבען פֿערנומען דעם ערשטען ארט אין דער אוורוטשער רעפּובליק, זיינען ארויסגעטראָטען מיט פּראָטעסטען אקעגען די באלשע־וויסטישע נטיות פֿון די פּאקאלעוועր פּויערים. דער סוף איז געווען, אז דמיטריוקן האט מען געהרג׳עט, און פֿרידמאַן האט געמוזט אנטלויפֿען, כדי צו ראטעווען די נשמה.

אחוץ דעם איז אין אוורוטש געווען איינער אַ מעשאַנצשוק, וועלכען די פּאקאלעווצעס האבען געמאכט פֿאר דעם קאמאנדאנט פֿון שטאָדט, און וועלכער איז, דוכט זיך מיר, געווען אנ׳אנטיסעמיט און א שווארצ׳מאהניק. ער האט זיך שטילינקערהייט צענויפֿגערעדט מיט פּעטליורא׳ס רעגירונג אין קאראסטען, איהר דערצעהלט מכח די באלשעוויסטישע נטיות פֿון דער אוורוטשער בעפּעלקערונג, און האט אריינגעבעטען אין אוורוטש דעם אזוי אָנגערופֿענעם „קורען (פּאלק) פֿון טויט״.

## דער „קורען פֿון טויט״.

דער דאזיגער „קורען פֿון טויט״ איז ביי נאכט צוגעגאנגען צו דער שטאָדט, האט ארומגערינגעלט די פּאקאלעווצעס און ביי זיי צוגענומען די כלי זיין. נאכדעם האבען די קאזאקען פֿון דעם דאזיגען „קורען״ אנגעהויבען ארומצוגעהן איבער די אידישע הייזער, כדי אוועקצונעהמען פֿון דארט דאס געוועהר. קיין געוועהר האבען זיי ניט געפֿונען, אבער דערפֿאר האבען זיי אין אַ סך הייזער געפֿונען געלט און סתם ווערטפֿולע זאכען. דאס אלץ האבען זיי צוגענומען. אט אזוי האט זיך אנגעהויבען דער סדר פֿון די גזלות. די אידען האבען זיך געקלאָגט פֿאר דעם קאמאנדאנט מעשאנצשוק, וועלכער האט זיי בערוהיגט און ערקלערט, אז באלד וועט אריינקומען א רעגוליארנער חיל און מאכען א סוף צו די גזלות. און כך הווה: דעם 25. דעצעמבער איז אין אוורוטש אָנגעקומען א מחנה פּאַרטיזאַנער אונטער דער אָנפֿיהרונג פֿון דעם אַטאַמאַן קאָזיר־זירקאַ. די בעלי בתים, וואס זיינען געקומען איהם מקבל פּנים זיין, האט קאזיר־זירקא ערקלערט, אז זיין ציל איז מאַכען ארדנונג אין שטאָדט. אנדערע דערצעהלען, אז בעת מעשאנצשוק האט אבגעגעבען א דין וחשבון פֿון דעם מצב, אין וועלכען עס געפינט זיך די שטאָדט, האט ער אגב אורחא געגעבען צו פֿערשטעהן, אז דאָרט ווילדעוועט דער באלשעוויזם, און אז שולדיג אין דעריין זיינען די אידען.

## דער אַטאַמאַן קאָזיר־זירקאַ.

וועגען דער פּערזענליכקייט פֿון קאזיר־זירקא האבען זיך אין אָוורוטש ארומ־געטראָגען גאנצע לעגענדעס. מען האט פֿון איהם פּשוט דערצעהלט נסים ונפלאות. א טייל האבען געזאָגט, אז אונטער דעם נאמען פֿון קאזיר־זירקא בעהאַלט זיך איינער א גראף פֿון בעלאיאַ־צערקאוו, און אז זיין אֶמת׳ן נאמען וויים מען ניט. אנדערע ווידער האבען דערצעהלט אַלס א פֿאקט, אז דאס איז גאר אנ׳אנטלאָפֿענער ארעסטאנט פֿון א גאליצישער געפֿענגניש, אַ סִימן, האבען זיי געזאגט, אז ביי

איהם אויפֿן האנד געפֿינען זיך איינגעגראָבענע צייכענס. נאר ווי די מעשה איז, אלע בעשרייבונגען פֿון זיין פּערזענליכקייט זיינען מסכים געווען אין דעריין, אז דאס איז א יונגער פּאַרשוין, א טיפֿער ברונעט אויפֿן ציגיינערשען שטייגער, אַנ׳אויסטערלישער בעל דרשן, וועלכער האט ניט גערעדט אויף קיין אנדערע שפּראך, ווי דעם גאליציש־אוקריינישען לשון. רוסיש האט ער ניט גערעדט, הגם ער האט די דאזיגע שפּראך זעהר גוט פֿערשטאַנען.

קאָזיר־זירקאַ האָט קודם כל געהאַלטען פֿאַר נויטיג בעקאַנט צו ווערען מיט דער שטימונג פֿון די פֿערשיידענע געזעלשאַפֿטליכע גרופּעס, ווי אויך מיט דער שטימונג, וועלכע האט געהערשט ביי די פֿערטרעטער פֿון די פֿערשיידענע געזעל־שאַפֿטליכע ארגאַניזאציעס, בעזונדערס ביי די פּאליאקען און די געוועזענע צארישע טשינאווניקעס. וועגען וואס די פֿערבעטענע האבען גערעדט מיט קאזיר־זירקא איז ניט שווער געווען צו פערשטעהען, הגם אלע זייערע געשפּרעכען זיינען געהאלטען געוואָרען בסוד, און מען האט ניט געקענט וויסען אויף קלאָר, וועגען וואס עס האט זיך דארט גערעדט.

## דער רָב ארעסטירט.

נאכדעם ווי דער אטאַמאַן האט אויסגעהערט די פֿערטרעטער פֿון דער פּויערשער געזעלשאַפֿט, האט ער בעשלאָסען אויסצוהערען אויך די פֿערטרעטער פֿון דער אידישער געזעלשאַפֿט. און מהאי טעמא האט ער געהייסען ארעסטירען און ברענגען צו זיך דעם רב. דעם 26. דעצעמבער, 2 א זייגער בייטאָג, האט מען דעם רב ארעסטירט און געבראכט אין דער קאמאנדאטור. דארטען האט מען איהם אבגע־האלטען ביז 10 אַזייגער ביינאכט, און ער האט דערביי געמוזט אויסשטעהן כל׳ערליי בעליידיגונגען מצד די קאָזאַקען. ערשט 10 אזייגער ביי נאכט האט ער געהאט די זכיה פֿארגעשטעלט צו ווערען פֿאר דעם אטאמאן קאָזיר־זירקא. דער אַטאַמאַן האט איהם אויפֿגענומען זעהר גראָב, האט איהם אנגעהויבען אויסצו־פֿרעגען מיט רשעות, און צום סוף ערקלערט:

„איך ווייס, אז דו ביסט א באָלשעוויק, אז אלע דיינע קרובים זיינען באָלשע־וויקעס, אז אלע זשידעס זיינען באָלשעוויקעס. טאָ זיי זשע וויסען, אז איך וועל עוקר מן השרש זיין אלע זשידעס אין שטאדט. פֿערזאמעל זיי אין די שולען, און זאג זיי אָן וועגען דעם.“

מיט די דאזיגע ווערטער האט ער דעם רב |שפּעט ביינאכט אוועקגעשיקט אַ היים. אין דערזעלביגער נאכט האבען קאזאקען ארומגערינגעלט א פּויערשען וואָגען, אויף וועלכען עס זיינען געפֿאהרען א אידישער גימנאזיסט און א גימנאזיסטקע פֿון מאָזיר. די קאָזאקען האבען פֿערלאנגט, אז די פּויערים זאלען זיי אבגעבען די „זשידעניאטעס“, אבער די פּויערים האבען זיך פֿאר די קינדער איינגעשטעלט. דערפֿאר אבער האבען זיי ארעסטירט אַ אידישען יונגען מאן, וועלכער איז פֿון קאָלינקאָוויטשי דורכגעפֿאהרען דורך אָוורוטש, און געבראכט איהם צום אַטאַמאַן. און אויף דעם סמך פֿון דעם, וואס דער יונגער מאן איז געווען פֿון קאָלינקאָוויטשי, וואס איז געלעגען אין די הענד פֿון די באלשעוויקעס, האט ער איהם דערקלערט פֿאר אַ באלשעוויק, און געהייסען דערשיסען.

## זלזולים.

מען האט אחוץ דעם געכאפּט צוויי אידען, וואס זיינען געקומען צו פאהרען פֿון נאראַדיטשי. דאס זיינען געווען צוויי קליינע סוחרים, וואס האבען געהאנדעלט מיט טאבאק און שוועבעלעך. מען האט זיי ערקלערט פֿאר שפּעקולאנטען און געבראכט צום אטאַמאַן. דארטען האט מען זיי אויסגעטהאָן נאַקעט, געשמיסען מיט קאנטשיקעס און געצוואונגען צו טאַנצען. דערביי האט מען איינעם פֿון זיי אריינגעשטופּט אין מויל א פּעקיל טאבאק און דעם אנדערען א קעסטעל שוועבעלעך. קאזיר־זירקא אליין, בכבודו ובעצמו, איז געשטאנען דערביי מיט איין אויפֿגעהויבענעם רעוואלווער און געסטראשעט זיי, אז ער וועט שיסען, אויב זיי וועלען אויפהערען צו טאַנצען. דערנאך האט מען זיי געצוואונגען, אייגער זאָל דעם אנדערען שמייסען, און איינער זאל ביי דעם אנדערען קושען דעם געשמיסענעם ארט. מען האט זיי אויך געצוואונגען זיך צו צלמ'ען און אזוי ווייטער. און נאכדעם ווי מען האט זיי אנגעטהאָן אט די אלע דאזיגע בזיונות און זלזולים, האט מען זיי ארויס־געטריבען נאקעטע אויפ'ן גאס און נאכגעווארפֿען זיי די קליידער. (לויט די עדות פֿון דעם רב קיפּנים, באילערמאן און אנדערע).

## קאזיר־זירקא טרעט אב, און די שטאדט ווערט פֿערנומען פֿון די פּאָקאַלעווצעס.

דאס אויסראבעווען פֿון אידישע הייזער, הגם אין א קליינעם מאָס, האט געדויערט דעם גאנצען טאָג פֿון דעם 27. דעצעמבער, אין דער דאזיגער צייט איז פֿארגעקומען אזא מין פֿאל. א מחנה פֿון קאזאקען האט זיך א לאז געטהאָן אין דאס שטעדטעל נאראדיטשי, כדי צו רעקווירירען פֿעל. צוריקגעהענדיג אהיים, האט זיך די מחנה צוגעזעצט אברוהען אין איין דארף. דארטען האבען זיך די קאזאקען אָנגע'שיכור'ט. אז זיי זיינען אוועקגעפאהרען ווייטער, האבען די פּויערים אנגעהויבען פֿון א בעהאלטענעם ארט אויף זיי צו שיסען. 4 קאזאקען זיינען דערביי גע'הרג'עט געווארען, און די איבעריגע האבען זיך אוועקגעלאזט גיך קיין אווורוטש. אט דער דאזיגער פֿאל האט געמאכט א שרעקליכען רושם אויף קאזיר־זירקא'ן און זיינע אָנהענגער, וועלכע האבען נאך אין דערזעלביגער נאכט פֿערלאזען אָווורוטש. זיי זיינען צוריקגעטראטען קיין קאָראָסטען. די פּאקאלעוועס פּויערים זיינען ווידער געווארען די בעלי הבתים פֿון שטאָדט. קודם כל האבען זיי זיך אריינגעכאפּט אין די געפֿענגעניטען, וואו עס זיינען געזעסען די נאך פֿון פֿריהער ארעסטירטע פּריצים מיט דעם אויפֿזעהער פֿון וואלד, און האבען זיי אלעמען דער'הרג'עט אויפ'ן אָרט. דערנאך זיינען זיי אָנגעפֿאַלען אויף א פּאר פּריצים, וועלכע האבען געוואהנט אין שטאָדט, האבען זיי געשלאגען מכות רצח, האבען דער'הרג'עט די ווייב פֿון דעם ארעסטירטען וואלדאויפֿזעהער, און דערביי שטארק פֿערוואונדעט זיינע א שוועסטער, וועלכע איז געווען ביי איהם צו גאסט, און איהר'ס א קינד.

## דער נייער אָנגריף פֿון קאזיר־זירקא.

דעם 31. דעצעמבער איז קאזיר־זירקא אויף ס'ניי צוגעטראטען צו אווורוטש. דאסמאל האט ער פֿערמאגט פֿרישע חיילות, און מיט די דאזיגע ניי־צוגעקומענע

כחות האט ער זיך גענומען בעשיסען די שטאדט פֿון שווערע הארמאטען; די פּאקאַ־לעווצעס האבען אויך ניט געשוויגען און איהם געענטפֿערט מיט א שיסעריי אין א משך פֿון א שעה. אויף מעהר אבער האט ביי זיי ניט געקלעקט קיין מאטעריאל, און זיי זיינען אַנטשוויגען געווארען. קאזיר־זירקא האט ווייטער געשאסען, און צום סוף האבען זיך זיינע באנדעס אריינגעריסען אין שטאָדט, וואו עס האט זיך אָנגעהויבען א בלוטיגע מהומה.

## דער פּאגראם אין דעם דארף פּאָטאַפּאָוויטשי און אין גאָשעוואָ.

איידער מיר געהען אריבער צו די פּרטים פֿון דעם פּאגראָם, מוזען מיר בעמערקען, אז ניט ווייט פֿון דער סטאנציע פּאָטאַפּאָוויטשי אויף דעם וועג קיין אוורוטש האט זיך ארויסגעוויזען, דאס די ליניע פֿון דער אייזענבאהן איז געווען פֿונאנדערגענומען. עמיצער האט א זאג געטהאָן, אז דאס האבען געמאכט די „זשידעס‟. די קאזאקען האבען דאַן בעשלאסען, זיך אבצורעכענען מיט די אידען פֿון די נאהענטסטע דערפֿער.

אין פּאָטאַפּאָוויטשי האבען סך הכל געוואהנט פֿיער אידישע פֿאמיליעס. אז די קאזאקען זיינען אריינגעקומען אין שטאדט אריין, האבען זיי באלד אנגעהויבען צו ראבעווען, צו הרג׳ענען און מאַנס צו זיין די ווייבער. אין איין הויז, וואו דער בעל הבית איז ניט געווען אין דער היים, זיינען געבליבען דריי טעכטער און איין איידעם. איינע פֿון די טעכטער האט בעהאלטען אונטער איהרע קליידער א פּאר הונדערט רובעל. די קאזאקען האבען צוגענומען די בעהאלטענע פּאר הונדערט קערבלעך, אויך אנדערע געלד און אחוץ דעם אַלע ווערטפולע זאַכען, וועלכע האבען זיך געפונען אינ׳ם הויז. זיי האבען מאנס געווען די פֿרויען, און אזוי ווי די דאזיגע פרויען, בעזונדערס צוויי מיידלעך, האבען זיך ניט געלאָזען, האט מען זיי אזוי שטארק צעביילט, אז זייערע פֶּנים׳ער זיינען אין גאנצען געווארען אויפֿגעשוואלען און אונטערגעלאָפֿען מיט בלוט. דעם איידעם, וועלכער איז אָקערשט צוריקגעקומען פֿון קריגסגעפֿאנגענשאפֿט, האט מען ארויסגעפיהרט אויפ׳ן הויף, וואו עס איז שוין געשטאנען נאך איין אנדערער איד. אין ביידען האט מען אנגעהויבען אריינצולאזען קוילען פֿון ביקסען; דער איינער פון זיי איז דער׳הרג׳עט געווארען אויפ׳ן אָרט, דער אנדערער איז נאָר פֿערוואונדעט געווארען, און אזוי ווי ער האט זיך געמאכט, אז ער איז טויט, האט זיך איהם איינגעגעבען צו ראטעווען זיין לעבען. פֿון דארטען זיינען זיי אוועקגעגאנגען צו א אידען, א שמיד, וואס איז ניט לאנג צוריקגעקומען פֿון דעם פֿראָנט. זיי האבען אין איהם אריינגעלאזען 3 קוילען, און אנגעהויבען צו מאכען הכנות צו דערשיסען א רוסישען אינגעל, וועלכער האט געדינט ביי דעם דאזיגען שמיד, און וועלכער האט זיך איצט געווארפֿען אין א היסטערישען אָנפֿאל. דער שמיד, וועלכער איז געווען פֿערוואונדעט אויף טויט, האט צוזאמענגענומען זיינע לעצטע ביסעל כחות און האט א זאָג געטהאָן: „פֿאר וואס הרג׳עט איהר איהם אוועק, ער איז דאָך א רוסישער‟. אז די קאזאקען האבען דערזעהן, דאָס דער אינגעל איז אין דער אמת׳ן א רוסישער, האבען זיי איהם געלאזט צו רוה, אבער אזוי ווי דער שמיד, וואס האט זיך אָנגענומען פֿאר׳ן אינגעל, האט דורכדעם בעוויזען, אז ער לעבט נאך, האבען זיי איהם אין גאנצען דער׳הרג׳עט. דערנאָך זיינען זיי ארוים אויפ׳ן

הויף, וואו זיי האָבען אַנגעטראָפען אויף דעם אלטען שווער, וועלכען זיי האבען דער׳הרג׳עט אויפ׳ן ארט; אויך האבען זיי דער׳הרג׳עט דעם קליינעם פלימעניק פון דעם שמיד. פון פאָטאַפּאָוויטשי זיינען זיי אוועקגעגאנגען קיין גאָשעוואָ, כדי דארט ארויסצוזוכען אידען. אין דעם דאזיגען דארף האבען געוואוינט עטליכע אידען, נאר עס האט זיך זיי איינגעגעבען צו ענטלויפען. עס איז נאר דארט פערבליבען איין אלטער טויבער מלמד. איהם האבען די קאזאקען פערנומען מיט זיך און אוועקגעפיהרט אין דער ריכטונג פון אָוורוטש. אויפ׳ן וועג האבען זיי אנגעטראָפען אויף דעם אלטען שוחט, וועלכער איז געגאנגען א היים, צו זיך אין שטעדטעל אריין. דעם שוחט האבען זיי אויך פערנומען, און האבען די ביידע אלטע לייט אויפגעהאנגען אויף א הויכען בוים, דעם איינעם פון זיי דורך א טעלער־גראָפען דראָהט, דעם אנדערען דורך א רימען. ווי די פויערים דערצעהלען, האט זיך דער שוחט עטליכע מאל אבגעריסען פון בוים, נאר מען האט איהם איטליכעס מאל ווידער אויפגעהאנגען. דערנאך האבען זיי די ביידע אלטע לייט אראבגענומען פון דעם הויכען בוים און אויפגעהאנגען אויף א נידריגערען, צו וועלכען זיי האבען צוגעשלאגען א צעטעל, וואו עס איז געווען אנגעשריבען, אז „ווער עס וועט זיי אראבנעמען, וועט ניט לעבען מעהר ווי צוויי מינוט". די פויערים האבען דערפאר ניט געלאזען אראבנעהמען די בר־מינן׳ס, ביז זיי האבען אנגעהויבען צו פוילען; ערשט דאַן האט זיך די אידען איינגעגעבען זיי אראבצונעהמען פון דער תליה, און זיי מקבר צו זיין אין דער נאהענטסטער שטעדטעל. אין גאַנצען זיינען אין פאָטאַפּאָוויטשי גע׳הרג׳עט געווארען 9 אידען (לויט דער עדות פון גלאזמאן), דאָס איז געווען דער פאָרשפּיל צו דעם, וואס האט זיך דערנאך אבגעטהאָן אין אָוורוטש.

## רציחות און גזלות אין אָוורוטש.

בעת די קאזאקען זיינען דעם 31־טען דעצעמבער נאכמיטאג אריין אין אָוורוטש, האבען זיי זיך פאנאדערגעלאזט איבער דער שטאדט און אנגעהויבען ראבעווען און אויס׳הרג׳ענען אידען.

א מחנה קאזאקען איז אוועקגעגאנגען אויפ׳ן מארק, וואו זי האט פערכאפט ארום 10 אידישע מיידלעך, וועלכע זיי האבען פערשלעפט אין איין אכסניה, און אבגעטהאָן מיט זיי כל׳ערליי מעשים תעתועים. אין דערזועלביגער צייט האבען אנדערע קאזאקען דער׳הרג׳עט אלע אידען, וועלכע זיי האבען געטראָפען אויפ׳ן וועג. אויך האבען זיי זיך אריינגעריסען אין די הייזער, און דארטען געמארדעט. א פאר קאזאקען האבען זיך נאכגעיאָגט נאָך א אידען, וועלכער האט זיך בע־האלטען אין איינעם פון די נאהענטסטע הייזער. אריינגעהענדיג אין איינס פון די הייזער, אין וועלכען עס האט זיך לויט זייער מיינונג בעדארפט פערבעהאלטען דער איד, האבען זיי אנגעטראָפען א טאטען מיט דריי זיהן זיצענדיג ארום טיש. נאכדעם ווי זיי זיינען אריין צו דעם אדוואקאט גלאזמאנען אין שטוב, האבען זיי דעם אלטען גלאזמאן צוזאמען מיט זיין זוהן, אנ׳אינטעליגענטען יונגען מאן, א מיטגליעד פון דער קהלה, ארויסגעפיהרט אויפ׳ן הויף. זיי האבען דערנאך בעשלאסען דעם אלטען צו בעפרייען און איהם פארנעשלאגען, ער זאָל אוועקגעהען. דער אלטער האט ניט געוואלט פערלאזען דעם זוהן. די קאזאקען האבען דאַן אב־

געהויבען צו שלאָגען דעם אלטען מיט קאַנטשיקעס; זיי האבען דערבײַ בײַ דעם אלטען אויסגעשלאָגען דאס אײנציגע אויג, וואס איז בײַ איהם געבליבען, ווארום דאס אנדערע אויג האט ער שוין געהאט פריהער פערלארען; דעם זוהן האבען זיי דערשאסען אויפ'ן אָרט. דער אטאַמאַן קאזיר־זירקא האט זיך צוגעקוקט צו דער דאזיגער דערשיסונג, זיצענדיג אויפ'ן פערד, אויף וועלכען ער האט געריטען. דערבײַ איז פארגעקומען א כאראקטעריסטישער פאַל: דער פארשטעהער פון שטאדט מאָשינסקי איז גראד פערבײַגעגאנגען אין דערזועלביגער צײַט, ווען מען האט געמאכט הכנות צו דערשיסען דעם יונגען גלאזמאן, און אז דער דאזיגער, וועלכער האט דעם פארשטעהער מאשינסקי גוט געקענט, האט זיך צו איהם געווענדט מיט א בקשה, ער זאל זיך פאר איהם אָננעהמען און ערקלערען די קאזאקען, צו ער איז א באלשעוויק, האט זיך מאשינסקי געמאכט ניט הערענדיג און איז זיך אוועקגעגאנגען ווײַטער. די קאזאקען האבען זיך פונאדערגעלאזט איבער'ן שטאדט, זײַנען קופּקעסווײַז ארײַן אין די הײַזער, האבען געשלאגען די אלטע לײַט מכות רצח, דער'הרג'עט די יונגע לײַט און מאנס געווען די ווײַבער. עס פערשטעהט זיך, אז זיי האבען דערבײַ געראבעוועט און צוגענומען אלץ, וואס זיי האבען נאָר געקענט. אסך פון די פער'משפט'ע צום טויט האבען זיך אבגעקויפט מיט געלד. די סומעס זײַנען געווען גרויסע. למשל אזא פאַל: צו ראָזענמאַנען אין שטוב זײַנען שפעט בײַ נאכט ארײַנגעקומען עטליכע קאזאקען. א חוץ דער אלטער מאמען און צוויי טעכטער, זײַנען אין שטוב געווען צוויי זיהן, אײַנער פון וועלכע איז שוין אין א משך פון עטליכע וואכען געלעגען קראנק אין בעט. דעם געזונטען זוהן, וועלכען זיי האבען געהאלטען פאר א רוס, (ווײַל ער איז אין דער אמת'ן ניט עהנליך צו א אידען) האבען זיי געהייסען אוועקגעהן, אבער נאכדעם, ווי זיי האבען זיך דערוואוסט פון איהם, אז ער איז דער בעל הבית'טעס א זוהן, האבען זיי איהם געהייסען בלײַבען. זיי האבען געפאָדערט, אז דער קראנקער זוהן זאָל זיך אנטהאָן און געהען מיט זיי. אבער אז זיי האבען דערזעהען, אז ער איז אויף אנ'אמת שווער קראנק און קען ניט אויפשטעהען, האבען זיי זיך בעגנוגענד דערמיט, וואס זיי האבען אוועקגעשטעלט נעבען זײַן בעט א קאזאק; דעם געזונדען זוהן האבען זיי ארויסגעפיהרט אויפ'ן הויף, וואו עס האבען געווארט אנדערע קאזאקען. דארטען האבען זיי איהם אוועקגעשטעלט צו א וואַנד, און אײַנער פון זיי האט אנגעלאדען דעם ביקס. דער יונגער מאן האט זיך אנ־געהויבען בעטען בײַ זיי, זיי זאלען איהם לאזען לעבען, און ער האט צוגעזאגט צו געבען א גרויסען פדיון פאר זײַן נשמה. „דו וועסט געבען 12 טויזענד רובעל?" האט געפרעגט אײַנער פון די קאזאקען. דער יונגער מאן האט אנ־געהויבען ארײַנצו'טענ'ען אין זיי, אז זײַנע קרובים וועלען שוין צענויפבריינגען פאר איהם די דאזיגע סומע. די קאזאקען האבען איהם דאן ארײַנגעבראכט אין שטוב ארײַן, וואו זײַן מאמע און זײַנע שוועסטער זײַנען געלעגען אין חלשות. מען האט די פרויען אבגעמינטערט, און די קאזאקען האבען אנגעהויבען צו זוכען געלד. אבער אין שטוב זײַנען געווען מעהר ניט ווי צוויי טויזענד רובעל. די קאזאקען זײַנען מושבה געווארען דאס געלד צוצונעהמען מיט דעם תנאי, אז די איבעריגע 10 טויזענד רובעל זאל מען זיי אבצאהלען מארגען 10 אזייגער אין דער פריה. זיי האבען צוגעזאגט צו קומען צו דער אבגערעדטער צײַט, און אויב זיי וועלען ניט געפינען דאס אבגעציילטע געלד, וועלען זיי אלעמען הרג'ענען. און כך הווה: אויף מארגען זײַנען געקומען 2 קאזאקען צו דער אבגערעדטער שעה, און אז

זיי האבען ערהאלטען די 10 טויזענד רובעל, האבען זיי ערקלערט, אז פֿון היינט אָן קענען די ראָזענמאַנ׳ס זיין רוהיג, ווייל זייער נאמען וועט זיין פֿערשריבען אין שטאַב, און קיינער וועט זיי מעהר ניט טשעפּען. די קאזאקען האבען געהאלטען וואָרט, די ראָזענמאַנ׳ס האט קיינער ניט געטשעפּעט, בעת צו אנדערע אידען פֿלעגען נאָכאַנאנד קומען קאזאקען איינע נאָך די אנדערע, און וואָס די איינע האבען איבערגעלאָזט, האבען די אנדערע צוגענומען. קיין זאַך איז פֿאר די קאזאקען ניט געווען צו קליין. זיי האבען אראבגענומען פֿון די אידען די קליידער און די שטיוועל. עס איז כאראקטעריסטיש, אז גראד יענער קאזאק, וועלכער האט ארויסגעפיהרט דעם יונגען ראָזענמאַנען צום דערשיסען, האט אויסגעזעהען ווי אנ׳אינטעליגענט: ער האט געהאט איידעלע, אויסגעפּיינטע הענד, אויף וועלכע ער האט געטראגען טייערע ריגנען. גערעדט האט ער מיט א שארפֿען פּוילישען אקצענט (עדות פֿון ראָזענמאַן).

אחוץ דעם איז געווען א פֿאַל, וואו אנ׳אָנגע׳שיכור׳טער אפֿיצער, וועלכער האט אָנגעפֿיהרט א סאָטניע, האט פֿערלאנגט פֿון א אידישען בעל אכסניה (דאס איז געווען א קליינע אכסניה) ער זאל אלע 100 קאזאקען געבען א מיטאג, און איהם אליין פֿערזענליך ארויסגעבען 5000 רובעל. און אז דער בעל הבית האט אנגעוויזען דערויף, אז אזאַ פֿאָדערונג קען מען בשום אופן ניט ערפֿילען, ווייל ער האט קיין געלט ניט, און א פשיטא שוין, אז ער פֿערמאגט ניט אזוי פיעל אנגעגרייטע עסענווארג, כדי ער זאל קענען געבען עסען א גאנצע סאָטניע, האט איהם דער אפיצער געהייסען אוועקליינען און שמייסען מיט קאנטשיקעס. די טאכטער, וואס האט זיך שוין געווען בעהאלטען, איז ארויסגעלאָפֿען, און האט מיט איהר אייגענעם לייב פֿערשטעלט דעם טאטען. די קאנטשיקעס האבען זיך דאן א שאָט געטהאָן אויף איהר און אויף אלע, וואס זיינען געווען אין שטוב. דערנאך האט דער סאָטניק אוועקגעפיהרט מיט זיך דעם בעל הבית. די טאכטער איז מיטגעגאנגען מיט׳ן טאַטען. דער סאָטניק האט לכתחלה געפֿאָדערט, אַז די טאכטער זאל אוועקגעהן, נאר דערנאך האט ער איהר ערלויבט, אז זי זאָל נאכגעהען נאכ׳ן טאַטען. ער האט זיי געבראכט צו זיך א היים, האט אוועקגעלייגט אויפֿ׳ן טיש א רעוואלווער, און האט געהייסען דער טאכטער, אז זי זאָל אין משך פֿון דעם טאָג צוגרייטען א מיטאג פֿאר זיינע 100 קאזאקען און אויך 5000 רובעל במזומנים פֿאר איהם אליין, ווען ניט וועט דער פֿאָטער אין אָווענד ווערען דערשאָסען. דער אלטער מאן איז דאַן געפֿאלען אויף דער המצאה דעם דאזיגען פֿאָרשלאַג אויסצונוצען, כדי צו ראטעווען דאס לעבען. ער האט אנגעהויבען צו בעוויזען דעם סאטניק, אז זיין טאכטער וועט גארנישט קענען אויפֿטהאָן, נאר אויב ער וועט איהם אבלאזען אפילו נאר אויף איין שעה, וועט ער קריגען געלד און פראוויזיע. נאך א לאנגען ישוב הדעת, האט דער סאטניק מסכים געווען אבצולאזען דעם אלטען אויף איין האלב־שעה. דער אלטער איז אוועקגעלאָפֿען צו זיך א היים — די קאזאקען האבען אויסגעראַמט די שטוב, אזוי אַז עס איז דארט גארנישט געבליבען. ער האט אנ׳עצה געגעבען דער פֿאמיליע, זי זאל זיך בעהאלטען, וואו מען קען נאר, און דערנאך האט ער זיך אליין בעהאלטען אויף א ביידעם ביי זיינע בעקאנטע. צום סוף איז ער מיט זיין פֿאַמיליע ענטלאָפֿען אין שטאָדט (די עדות פֿון וואכליז).

אין די ערשטע 2 טעג זיינען דער׳הר׳גענט געווארען 17 אידען. די אידען האבען זיך געווענדט מיט א בקשה צום פארשטעהער פֿון שטאדט מאשינסקי, ער

זאל שיקען א דעפוטאציע פֿון 2 קריסטען און 1 אידען צום אַטאַמאַן, כדי בעטען איהם, ער זאל מאכען א סוף צו די רציחות. דער שטאדטפֿארשטעהער האט עס צוגעזאגט צו טהאָן, ער האט אבער אין דער אמת'ן גארנישט געטהאָן. דאן האבען זיך אלע אלטע לייט פֿון שטאדט, (די אידישע יונגע לייט האבען זיך בעהאלטען) סײ מענער ווי פרויען, א לאָז געטהאָן צום אַטאַמאַנ'ס שטוב. דער אטאמאן איז מושבה געווארען אויפֿצונעהמען א דעפוטאציע פֿון 3 מענשען. אז די דעפוטאציע איז צו איהם געקומען, האט ער פֿון איהר פֿערלאנגט, אז אויף דעם מארגעדיגען טאג זאל זיך אויפ'ן פלאץ פֿון דער קאמאנדאטור צענויפֿקומען די גאנצע מענליכע בעפֿעלקערונג פֿון 15 ביז 40 יאָהר.

## דער שרעק צווישען די אידען.

די דאזיגע פֿאָדערונג האט ארויפֿגעווארפֿען א מוראָ'דיגע אימה אויף די גאנצע אידישע בעפֿעלקערונג. עס איז ביי קיינעם ניט געווען קיין ספק, אז מען וויל דאָ אויסקוילענען די גאנצע אידישע בעפֿעלקערונג, וועלכע טויג צו ארבעט. דעם בעפֿעהל אבער האט מען געמוזט פֿאָלגען. און אויף מארגען איז די גאנצע מענליכע בעפֿעלקערונג פֿון 15 ביז 40 יאָהר, ארומגערינגעלט פֿון אלטע מענער און פרויען, צענויפֿגעקומען אויף דעם פלאץ פֿון דער קאמאנדאטור, אזוי ווי מען האט אבגערעדט. אין א פאר שעה ארום איז קאזיר־זירקא געקומען צעפֿאהרען אויף אנ'אויטאמאביל. די אידען האבען אויסגערופֿען: „דער אטאמאן זאל לעבען, עס זאל לעבען די אוקריינע". קאזיר־זירקא איז ארויס פֿון אויטאמאביל, און האט זיך צו די אידען געווענדט מיט א דרשה, אין וועלכער האט ער אנגעהויבען אויסצורעכענען אלע זייערע באָלשעוויסטישע חטאים.

## קאזיר־זירקא'ס דרשה צו די אידען.

אין זיין דרשה, וועלכע ער האט געהאלטען אויף א שיינעם אוקריייניש־גאליציַשען לשון, האט קאזיר־זירקא ארויסגעזאגט דעם געדאנק, אז ער האט דאס רעכט אויסצוקוילענען אלע אידען, און וועט עס טאקע טהאָן, אויב עס וועט ליידען אפילו איין איינציגער קאזאק. אין פּאָטאָפּאָוויטשי האט ער שוין אזוינס געטהאָן, און ער האט מיט זיינע אייגענע הענד דערשאָסען א אידישען שפּיאָן. ער וועט עוקר מן השורש זיין אלע אידען פֿון אָווורוטש, אויב עס וועט נאר ליידען איין איינציגער קאזאק. ער גיט דערפֿאר אנ'עצה די אידען, אז אויב עס געפֿינט זיך צווישען זיי אפילו איין איינציגער באלשעוויק, זאלען זיי איהם דערווערגען מיט זייערע אייגענע הענד. אז קאזיר־זירקא האט פֿערענדיגט זיין דרשה, האבען איהם די אידען צוגערופֿען: „סלאַוואַ". דער קאזיאָנער רב האט איהם פארגעשלאגען, ברענגען אלע אידען צו א שבועה, אז זיי זיינען געטריי דער אוקריינע, און אז די אידען זאלען ארויסשטעלען א קאמף־אָבטיילונג. דער אטאמאן האט געענטפֿערט, אז ער דארף ניט קיין אידישע שבועה און קיין אידישע קאמף־אבטיילונג. ער פֿערגינט די אידען צו עטעמען די אוקריינער לופֿט, אבער ער פֿערלאנגט זיי זאלען געדיינקען זיין אזהרה. די אידען זיינען זיך פֿונאנדערגעגאנגען און אנגעהויבען זיך צו

ישובֿן, וואס זאלען זיי טהאָן, כדי צו דערהאלטען אויף לענגער די גנאָד פֿון דעם אטאמאן. זיי האבען צענויפֿגעקליבען אַנ׳ערך פֿון 20000 רובעל אויף מתנות פֿאר די קאזאקען.

## דאס געלדקלייבען.

קאזיר־זירקא האט רוהיג אנגענומען דאס געלד און דערביי געמערקט, אז קיין סך מתנות קען מען פֿאר די דאזיגע סומע ניט קויפֿען. ער האט פֿערלאנגט, מען זאל איהם געבען נאך 50000 רובעל. די אידען האבען צוגעזאגט צו קריגען דאס געלד, אבער היות ווי אלע אין שטעדטעל זיינען געווארען בדיל הדַל, איז ניט געווען גרינג צענויפֿצוקלייבען אזא סומע. מען האט זיך געמוזט ווענדען צו די קליינע בעלי מלאכה, צו די אידישע משרתים און דינסטמיידלעך, און די דאזיגע האבען טאקע אבגעגעבען אלץ, וואס זיי האבען אבגעשפארט פֿון זייער אָרעמען פֿערדינסט. אז קאזיר־זירקא האט דערהאלטען די איבעריגע סומע, האט ער ארויס־געלאָזען א ערקלערונג, אין וועלכער ער האט אויסגעדריקט זיין אונצופֿרידענהייט מיט די גזלות. ניט קוקענדיג דערויף האט מען זיך ווייטער געראבעוועט.

## די רעקוויזיציע פֿון שניידערס און שוסטערס.

אין דערזעלביגער צייט האט קאזיר־זירקא ארויפֿגעלעגט א מאָנאָפּאָל אויף די ארבעט פֿון אלע אידישע שניידערס און שוסטערס פֿון שטעדטעל דורכדעם, וואס ער האט זיי געהייסען אויפֿנעהען דעם גאנצען מאַטעריאל, וואס ער האט געהאט אָנגעראבירט אין די אידישע געשעפֿטען און אידישע הייזער. מען האט זיך גענומען נעהען שטיוועל, מאנטלען, מונדירעס און ברייטע קאזאצקע הויזען. פֿון ווייבערשע זיידענע קליידלעך האט מען אויסגעשניטען באשליקעס, ברוסטטיכער און אזוי ווייטער. מען האט געצוואונגען צו ארבעטען פֿון 8 אזייגער אין דער פֿריה ביז 12 אזייגער ביי נאכט. פֿרייטאג האט מען געארבעט ווי אלע טעג אין דער וואך. צו עסען האט מען בשעת דער ארבעט ניט געגעבען (די עדות פֿון שעכטמאן און שטאָדטלאנד).

## קאזיר־זירקא ווערט א דַיָן.

קאזיר־זירקא האט זיך אויך בעשעפֿטיגט מיט מאכען פשרות אין פֿערשיידענע סכסוכים, וואס די איינוואהנער האבען צווישען זיך געהאַט. כדי צו כאראקטערי־זירען איהם אלס א דין איז גענוג, אז מיר וועלען ברענגען למשל אזא פֿאַל: א אידענע האט פֿערמאָגט א שטיקעל ערד, וואס איז צו איהר איבערגעגאנגען בירושה. דער ערשטער בעל־הבית פֿון דער דאזיגער ערד האט עס אבגעקויפֿט פֿון א פויער. א זוהן פֿון דעם פֿערקויפֿער, וואס האט געוואלט אויסנוצען די אגראַרישע מהומה אונטער דער ערשטער ראַדאַ, איז ארויסגעטרעטען מיט דער טענה, אז די ערד איז זיינס, אבער די דאָזיגע טענה איז ניט אנגענומען געווארען. אז קאזיר־זירקא איז אויפֿגעטרעטען, און פֿאר דעם פויער איז געווארען קלאָר, אז די אידען זיינען רעכטלאָז, האט ער זיך אונטערגערוקט צום אַטאמאַן מיט דער אייגענער טענה.

קאַזיר־זירקא האָט געהייסען ברענגען צו זיך דעם מאַן פֿון דער אָנגעקלאַגטער. נאָר אַזוי ווי דער דאָזיגער האָט ניט געגלויבט, אַז קאַזיר־זירקא רופֿט איהם צו זיך, איז ער צו איהם ניט געגאַנגען. דער אַטאַמאַן האָט דאַן געשיקט מענשען, מען זאָל איהם ברענגען צו פֿיהרען. אַז דער איד איז געקומען, האָט קאַזיר־זירקא ביי איהם געפֿרעגט, פֿאַר וואָס איז ער פֿריהער צו איהם ניט געקומען. דער איד האָט געענטפֿערט, אַז עס ניט געווען קיין שום לאָגישער יסוד צו גלויבען דעם פויער, אַז ער רעדט אין דעם נאָמען פֿון דעם אַטאַמאַן. קאַזיר־זירקא האָט גע־הייסען אַוועקלעגען דעם אידען, איהם אויסטהאָן, און איהם געבען 25 שמיץ מיט אַ קאַנטשיק. דער דאָזיגער בעפֿעהל איז אויסגעפֿיהרט געוואָרען אין דעם דערבייזיין פֿון דעם אַטאַמאַן. אין אַ האַלב שעה אַרום האָט ער אָנגעהויבען אויסצופֿרעגען דעם אידען מכח דער ערד. דער דאָזיגער האָט געענטפֿערט, אַז נאָך דער עקזע־קוציע איז ער בכלל ניט מסוגל צו רעדען, און וואָס איז שייך צו דער ערד, געהערט זי זיין ווייב און ניט איהם, אַזוי אַז די ווייב וועט איהם ערשט קענען געבען די נויטיגע ידיעות. דער אַטאַמאַן האָט אַרויסגערופֿען צו זיך די ווייב, וועלכע האָט איהם געוויזען אַ קאָפּיע פֿון דעם געריכטליכען פסק דין, אַז זי איז די בעל הבית׳טע פֿון דער ערד לויט דעם געזעץ. דאָס אַלץ איז פֿאַר קאַזיר־זירקאַ׳ן נישט געווען גענוג, און ער האָט פֿערלאַנגט, אַז ביידע צדדים זאָלען אַרויסשטעלען עדות, כדי אויפֿצוקלערען דעם סכסוך. מען האָט אַרויסגעשטעלט עדות, וועלכע האָבען אויפֿגעוויזען די ריכטיגקייט פֿון דעם פסק דין, אַז די אידענע איז די אמת׳ע בעל־הבית׳טע פֿון דער ערד לויט דעם געזעץ. קאַזיר־זירקא האָט דאַן געהייסען דער אידענע אַרויסגעבען דעם פויער אַ צעטעל, אין וועלכען זי זאָל שרייבען, אַז זי שענקט איהם אַוועק די ערד, און אַז זי זאָגט זיך איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל אָב פֿון וועלכע ניט איז פּרעטענזיעס אויף איהר.

## די רעקוויזיציע פֿון די מוזיקאַנטען.

קאַזיר־זירקא האָט אויך האָלט געהאַט זיך משמח צו זיין. דעם אידישען אָרקעסטער האָט ער פֿערנומען פֿאַר זיך. דער אָרקעסטער האָט געמוזט שפּילען אויף אַלע קאַזאַצקע שמחות. אונטער די קלאַנגען פֿון דעם דאָזיגען אָרקעסטער האָט קאַזיר־זירקא איינמאָל געשמיסען אַלע באַלשעוויסטישע פּויערים. מען האָט זיי געגעבען שמיץ אָהן אַ שיעור, און דערנאָך האָט מען זיי דערשאָסען. (די עדות פֿון שטאָקמאַנען.)

## קאַזיר־זירקא איז זיך משמח.

קאַזיר־זירקא האָט האָלט געהאַט ניט נאָר די פּשוט׳ע שמחות פֿון אַ גאַנץ יאָהר. ער איז אויך געווען אַ בעלן אויף אויסטערלישע, אויסגעזוכטע פֿערגעניגענס. איינמאָל אין אָוועגד האָט מען צו איהם געבראַכט 5 אידען. 4 פֿון זיי זיינען נאָך געווען במעט יונג, דער 5־טער איז געווען אַ דיקער איד אין די מיטעלע יאָהרען. די קאָזאַקען האָבען זיי געטריבען אין גאַלאָפּ. בעת זיי זיינען אריין פֿערסאָפּעטע און פֿערקייכטע צום אַטאַמאַן אין שטוב, איז ער אַליין געלעגען אין בעט אַנ׳אויס־געטהאָנער, און אויף דער אַנדער בעט איז געלעגען איינער פֿון זיינע קאַלעגעס,

אויך אנ'אויסגעטהאָנער. די אריינגעקומענע אידען האט מען געצוואונגען צו טאנצען, און דערביי אונטערגעטריבען מיט קאנטשיקעס. דער דיקער האט געקריגען מעהר פֿאר אלע אנדערע. דערנאך האט מען פֿון זיי געפֿאָדערט, זיי זאלען זינגען אידישע לידער; עס האט זיך אבער ארויסגעוויזען, אז קיינער פֿון זיי קען ניט קיין אידישע לידער אויסווענדיג. דער קאלעגע פֿון דעם אטאמאן האט דאן אנגעהויבען אונטער־צוזאגען אויף אידיש די ווערטער פֿון די לידער, און די אידען האבען זיי געמוזט זינגענדיג איבער'חזר'ן. אזוי האבען די אידען א לאנגע צייט געזונגען און געטאנצט און קאזירקא־זירקא מיט זיין חבר האבען בשעת מעשה געלאכט פֿון גרויס הנאה. דערנאך האט מען זיי אריינגעפֿיהרט אין אנ'אנדער חדר, און מען האט זיי אָנגע־טהאָן אויפֿ'ן קאפּ קאמעדיאנטישע היטלען. מען האט זיי צוריקגעבראכט צום אטאמאן, איטלעכען פֿון זיי אריינגערוקט א ליכטעל אין האנד און צעזעצט אויף שטולען. אין אזא לאגע האבען זיי געמוזט זינגען. קאזיר־זירקא און זיין חבר האבען זיך אזוי געקייקעלט פֿון געלעכטער, אז די בעט, אויף וועלכער דער חבר איז געלעגען, איז איינגעפֿאַלען. מען האט געצוואונגען די אידען אויפֿצוהויבען די בעט און זי צו רעכטצומאכען, און בשעת מעשה איז זיך דער אפיצער געבליבען ליגען. איינער פֿון די אידען האט ניט אויסגעהאלטען די אלע דאזיגע בזיונות און האט אנגעהויבען צו וויינען. קאזיר־זירקא האט דערויף בעמערקט, אז פֿאר טרערען קומט 120 שמיץ מיט ריטער. דער איד האט געזאגט: „אויף אזא אופן וועל איך זינגען," „נו, אַדרבה זינג," האט איהם געענטפֿערט דער אַטאַמאַן, און דער איד האט ווידער אנגעהויבען צו זינגען. אין איינעם פֿון די אנטראַקטען האט דער חבר פֿון דעם אטאמאן געזאָגט: „אז עס וואָלט שוין, כ'לעבען, צייט געווען זיי אראבצולאָזען די תחתונים". נאר דאָ גראד האט קאזיר־זירקא אין זיין גרויס חסד ניט געגעבען זיין הסכמה. נאכדעם ווי דער אטאמאן האט זיך משמח געווען, וויפֿיעל דאס הארץ האט געגלוסט, האט ער זיי אבגעלאזט א היים, און מיטגעגעבען זיי אויפֿ'ן וועג א שאָפֿער, וועלכער זאל זיי בעגלייטען, כדי די קאזאקען, וואס שטעהען אויפֿ'ן וואַך, זאלען זיי ניט דערשיסען. דער שאָפֿער האט זיי טאקע בעגלייט, אבער ער האט פֿערלאנגט, אז זיי זאלען איהם בעצאהלען 15000 רובעל דערפֿאר, וואס ער האט זיי ארויסגעראטעוועט פֿון טויט. אזא סומע האבען זיי בודאי ניט פֿערמאָגט. אבער דער שאָפֿער האט איטליכען פֿון זיי בעגלייט ביז אין שטוב אריין, און יעדערער האט ביי די בני בית צענויפֿגעקליבען, וויפֿיעל ער האט נאר געקענט, און דערמיט בעצאהלט. (די עדות פֿון ווייסבאנדען) עס איז שווער אויסצורעכענען אלע כאראקטעריסטישע פֿאלען, וואס זיינען פֿארגעקומען אונטער דער ממשלה פֿון דעם אטאמאן קאזיר־זירקא. אבער מען קען ניט פֿערבייגעהן און זיך ניט אבשטעלען אויף דעם דאזיגען פֿאַל.

## מעשה הערצביין.

אין זייערע בלבולים אויף די אידען האבען די פּאליאַקען און די געוועזענע צאַרישע טשינאווניקעס פֿערשפּרייט א קלאנג, אז די אידען האבען אין זינען צו מאכען מיט די קריסטען דאס, וואס די קאַטאָליקען האבען א מאָל געמאכט מיט די פֿראנצויזישע פּראטעסטאנטען (די „הוגענאטען") אין דער שחיטה פֿון דער באר־טאלאָמעאישער נאַכט, און אז זיי האבען שוין אָנגעמערקט ביז 150 קרבנות. זיי האבען געזאגט, אז עס איז פֿאראַן א רשימה פֿון די אלע דאזיגע קרבנות, און אז

די רשימה איז אנגעשריבען געווארען פֿון דעם קליינעם אדוואקאט הערצביין. מען האט דעם דאזיגען הערצביין ארעסטירט. און אזוי ווי עס טרעפֿט זיך אפֿט אין לעבען, האבען די, וועלכע האבען אויסגעטראכט דעם דאזיגען בלבול, סוף־כל־סוף אנגעהויבען צו גלויבען אין זייערע אייגענע אויסטראכטעניש. די קריסטען האבען זיך שטאַרק צערודערט, און מען האט זיך געווענדט צו קאזיר־זירקא, וועלכער האט פֿון זיין צד מַבטיח געווען, אז אזא מין רשימה איז טאקע פֿאראן, נאר ער האט זי קיינעם ניט געוויזען. דער פחד צווישען דעם קריסטליכען פובליקום איז געווארען אזוי שטארק, אז עטליכע קריסטען האבען אנגעהויבען צו פֿערלאזען די שטאדט אין גרויס איילעניש. וואס איז נוגע צו הערצביינען, מוז מען בעמערקען, אז ער האט זיך אין פאליטיק בכלל ניט געמישט. ער פֿלעגט תמיד פֿערברענגען צווישען קריסטען, וואו ער האָט געהאט א סך בעקאנטע און פריינד. צווישען אידען איז ער כמעט קיינמאָל ניט געווען. זיין ווייב האט זיך געווענדט צו זיינע קריסטליכע בעקאנטע מיט דער בקשה זיך אנצונעהמען פֿאר איהר מאן, וועלכען זיי האבען געקאנט פֿאר א מענשען, וועלכער שטעהט ווייט פֿון פאליטיק און פֿון אידען. אבער די קריסטליכע בעקאנטע האבען זיך אבגעזאגט. וואס איז נוגע צו דער בעריהמטער רשימה, איז די מעשה דערפֿון מן הסתם געווען אזוי: בעת עס איז געפֿאלען דעם העטמאנ'ס ממשלה, האט דער פֿארשטעהער פֿון שטאדט מאָשינסקי פֿערבעטען צו זיך א סך קריסטען, באזונדערס די פריצים און די טשינאווניקעס, און האט זיי פֿארגעשלאָגען, אז זיי זאלען ארגאניזירען א קאמפֿגרייטע מחנה, אויף דעם פֿאל, אז עס וועלען אנקומען די פעטליוראווצעס. מען האט צוזאמענגעשטעלט א רשימה, אין וועלכע עס האבען זיך פֿערשריבען מעהר ווי 100 קריסטען. און אזוי ווי הערצביין איז געווען בעקאנט מיט זיין שענעם כתב יד — און אפשר אויך צוליעב אנדערע טעמים —, האט איהם מאשינסקי געבעטען, ער זאל איבערשרייבען די רשימה. און הערצביין האט עס געטהאָן. עס לעגט זיך זעהר אויפֿ'ן שכל, אז עמיצער האט מיט א כיון איבערגעגעבען די דאזיגע רשימה אין די קאמאנדאטור, כדי ארויפֿצווארפֿען אויף די אידען דעם חשד, אז זיי האבען זיך דא אנגעמערקט קרבנות. הערצביינ'ס ווייב האט זיך געווענדט צו דעם פֿארשטעהער פֿון שטאדט מיט א בקשה צוזאמענצורופֿען די דומע, וועלכע זאל אויפֿדעקען דעם בלבול, און אראבנעהמען דעם פֿלעק, וואס ער האט ארויפֿגעלעגט אויף איהר מאנ'ס נאָמען. מאָשינסקי האט צוגעזאגט, אבער אז הערצביינ'ס ווייב איז נאך א מאל צו איהם געקומען, האט מען איהר געזאגט, אז ער איז אוועקגעפֿאהרען. זי האט זיך דאן געווענדט צו דעם וויצעפֿארשטעהער, וועלכער האט אויך צוגעזאגט און אויך גארנישט געטהאָן. און נאר דער יושב ראש פֿון דער דומע, דער נאטאריוס אָלשאנסקי, איז אריין אין איהר לאגע. ער האט פֿונאנדערגעשיקט איינלאדונגען צו א זיצונג, אבער היות ווי אויף דער דאזיגער זיצונג זיינען געקומען נאר אידען, און קיין קריסטען זיינען ניט געווען, האט מען ניט געקענט בעקומען די נויטיגע צאהל פֿון שטימען, איז די זיצונג ניט אבגעהאלטען געווארען. און אזוי ווי די קריסטליכע בעפֿעלקערונג האט זיך אלץ נאך ניט געקענט בערוהיגען מחמת די קלאנגען וועגען די „בארטאלאָמעישע“ נאכט, וואס דארף באלד קומען, האבען זיך עטליכע קריסטען געווענדט צו קאזיר־זירקא, ער זאל זיי ערקלערען, אויב די דאזיגע קלאנגען האבען אין דער אמת'ן א ממשות'דיגען יסוד. אויך דער נאטאריו'ס אלשאנסקי און דער טשינאווניק אידין, א גוטער בעקאנטער פֿון הערצביינען, זיינען געקומען צום אטאמאן. זיי האבען ערקלערט, אז זיי זיינען

בָטות, אז הערצביין קען ניט זיין דער מחבר פֿון דער דאזיגער רשימה. קאזיר־זירקא האט געענטפֿערט, אז ער אליין האלט וועניג פֿון דער גאנצער זאַך, הן פֿון דער רשימה, הן פֿון די פֿערשפרייטע קלאנגען מכח א בארטאָלאָמעאישע נאכט, און אז ער וועט ארויסלאזען א ערקלערונג לויט זיין דאזיגער מיינונג, כדי צו בערוהיגען די קריסטליכע בעפֿעלקערונג. וואס איז נוגע צו הערצביינען, האט ער צוגעזאגט, איהם תיכף צו בעפֿרייען. זיין צוזאָג מכח דער בעפֿרייאונג פֿון הערצ־ביינען האט ער אויך איבערגע׳חזר׳ט דער פרוי פֿון דעם דאזיגען. די ערקלערונג, אז די קלאנגען מכח א בארטאלאמעישע נאכט, וואס אידען האבען כלומר׳שט אין זינען, איז מעהר ניט ווי א בלבול און א פראָוואָקאציע, האט ער טאקע ארויס־געלאָזען. אין דער דאזיגער ערקלערונג האט זיך ס׳רוב גערעדט פֿון א הויז־שמירה. וועגען דעם וועלען מיר א ביסעל ווייטער רעדען. וואס איז שייך צו הערצביינען, האט ער איהם ניט קוקענדיג אויף אלע צוזאָגען, ניט בעפֿרייט, און דער סוף איז געווען, אז מען האט איהם דערשאָסען. (די עדות פֿון טויבע הערצביין און פֿון אידינען).

די ממשלה פֿון קאזיר־זירקא האט געדויערט ביז צום 16־טען יאנואר. די קאזאקען פֿלעגען ראבעווען אידישע הייזער אזוי ווי אלעמאָל, עס פֿלעגען פֿאר־קומען אויך רציחות.

## דער ציוויל־קאמיסאר און די הויז־שמירה.

פֿון קאזיר־זירקא׳ס מעשים האט מען זיך דערוואוסט אין זשיטאָמיר, און מען האט פֿון דארטען געשיקט א קאמיסאַר פֿאַר ציווילע אָנגעלעגענהייטען. דער דאזיגער קאמיסאר איז גראָד געווען אנ׳ערליכער מאן און די אידען האבען געקראָגען צו איהם א פֿולען צוטרוי. נאר אזוי ווי ער האט אליין געזאגט, איז ער נישט געווען בכח צו טהאָן פאר זיי עפעס, וואס זאל קענען האבען א ממשות־דיגען בעדייט, ווייל קאזיר־זירקא האט פֿערהאלטען די טעלעגראפֿישע ידיעות, וועלכע ער פֿלעגט שיקען קיין זשיטאָמיר. דאס איינציגע, וואס ער האט דער־גרייכט, דאס איז געווען די ארגאניזאציע פֿון די הויז־שמירה, וועגען וועלכע דער אטאמאן האט ארויסגעלאזט א בעזונדערע ערקלערונג. נאר אזוי ווי די דאזיגע הויז־שמירות זיינען בעשטאנען אין גאנצען פֿון אידען, האבען זיי טאקע געהאט א אידישען טעם, ד. ה. זיי האבען ניט געהאט קיין שום ממשות. די קאזאקען פֿלעגען אויסראבעווען די מיטגליעדער פֿון דער שמירה, און איינעם פֿון די מיט־גליעדער האבען זיי דער׳הרג׳ט. (די עדות פֿון גלערמאנען און אנדערע).

## מען צווינגט די אידען צו ארבעט.

דעם 15־טען יאנואר האבען די קאזאקען פֿון דער פֿריה אָן אנגעהויבען טרייבען אידישע יונגע לייט צום וואקזאל, זיי זאלען האקען האלץ און אויסרייניגען די וואַגאָנעס. ס׳רוב האט מען געטריבען יונגע לייט, אבער פֿון אלטע לייט האט מען זיך אויך ניט אבגעזאָגט. אויפֿ׳ן וועג צום וואקזאַל האבען דיזעלביגע קאזאקען זיי אויסגעראבירט. אויפֿ׳ן וואקזאל גופֿא האט מען זיי געצוואונגען

צו טהאָן אלערליי ארבעט, אפילו אזעלכע מלאכות, וואס זיינען גאר ניט געווען נויטיג. מען האט זיי אָנגעטהאָן כל׳ערליי זלזולים, געשלאגען מיט קאנטשיקעס און מיט די גראבע זייט פון די ביקסען. די, וואס זיינען געווען א ביסעל אנגעטהאָן, האט מען אבגעפיהרט אן א זייט און אראבגעצויגען פון זיי די קליידער און די שטיוועל. אז עס איז געקומען דער אָווענד, זיינען אלע געווען אויסגעראבירט. איינעם האט מען דער׳הרג׳עט, דעם אנדערן האט מען שווער פערוואונדעט. און בעת זיי האבען זיך געפונען אויפ׳ן וואקזאל, האבען קאזאקען אויסגעראַמט זייערע הייזער אין שטאָדט.

## דער שרעק און די אימה דערגרייכען די העכסטע מדרגה.

אויף דער שטאדט האט זיך אָנגערוקט א געדיכטע כמאַרע. עס האט גע־וועלטיגט א צערודערטע שטימונג. מען האט געפיהלט, אז וואס ווייטער, קומט מען אלץ נעהענטער צו א קאטאסטראפע. די אידען האבען געלעבט אין ציטערניש און טויט־שרעק. זיי האבען בעשלאָסען צו שטארבען אלע צוזאמען, און האבען זיך שוין פון אָווענד אָן צוליעב דעם פערזאמעלט אין שול. אבער די שול איז געווען צו ענג און האט ניט געהאט קיין פלאץ פאר אלעמען. די לופט איז געווען אזוי שטיקענדיג, אז א סך פון די פערזאמעלטע זיינען געפאלען אין חלשות, און עטליכע פון זיי האבען אויסגעשלאגען די פענסטער און ענטלאפען וואוהין די פיס האבען געטראָגען, ווייל זיי האבען ניט געקענט אויסהאלטען די ענגקייט און די פערשטיקטע לופט. אין שול פלעגען זיך דערוויל אריינגעהען קאזאקען און אויסראבעווען, וואס זיי האבען נאר געקענט. אנדערע קאזאקען האבען אין דערזעלביגער צייט געראבירט די מיטגליעדער פון דער הויז־שמירה, און איינעם פון די דאזיגע האבען זיי דער׳הרג׳עט, אזוי ווי מיר האבען שוין פריהער דערמאָנט. אזוי האבען דאס די אידען פון אָוורוטש פערבראכט די נאכט פון 15־טען ביז 16־טען יאַנואר.

## די מאַסענדערשיסונגען פון אידען און דאס אבטרעטען פון קאזיר־זירקא.

דעם 16־טען יאנואר אין דער פריה האבען די קאזאקען אנגעהויבען צו פערשפרייטען א קלאַנג, אז דער קאמיסאר פאַר ציווילע ענינים, צו וועלכען די אידען האבען זיך, ווי עס איז ידוע, פערהאלטען מיט א פולען צוטרוי, פערבעט צו זיך די פערטרעטער פון דער אידישער בעפעלקערונג, כדי צו מאכען זיי בעקאנט מיט א וויכטיגער ערקלערונג, וואס איז געקומען פון זשיטאָמיר. די אידען האבען זיך אָנגעכאַפּט אָן די דאזיגע ערקלערונג, האבען געגלויבט, אז עס איז אנ׳אמת, און אנ׳ערך פון 50 מענשען האבען זיך א לאָז געטהאָן צום וואָקזאַל. אויפ׳ן וועג זיינען זיי ארומגערינגעלט געוואָרען פון רייטענדיגע קאזאקען, וועלכע האבען זיי אנגעהויבען אונטערצוטרייבען מיט קאנטשיקעס און געצוואונגען צו זינגען „מה יפית“ און אנדערע ליעדער. די אונגליקליכע האבען פערשטאנען, אז מען האט זיי אריינגענאַרט אין זאק אריין. און בעת דער דאזיגער צוג איז

צוגעקומען צום וואקזאל, האבען די קאזאקען און אויך די אפּיצערען, וואס האבען זיי ארומגערינגעלט, זיי אנגעהויבען צו האקען מיט שווערדען און שיסען אויף זיי מיט רעוואלווערן. די אידען האבען אנגעהויבען זיך פּאנאנדערצולויפען אין פערשיידענע זייטען. עס האבען זיך אויף זיי א שאט געטהאָן קוילען פון ביקסען. אין דערזעלביגער צייט האבען אנדערע קאזאקען פון א בעהאלטענעם ארט אין וואקזאל גופא אנגעהויבען צו ווארפען אויף די אידען אויפפלאַ־צענדיגע קוילען. 32 מענשען זיינען געבליבען ליגען אויפ'ן אָרט. עס זיינען נעווען אויך א סך פערוואונדעטע, זעהר ווענינע זיינען ניצול געוואָרען. אז די שחיטה האט זיך פערענדיגט, האט זיך בעוויזען דער אטאמאן קאזיר־זירקא, וועלכען די קאזאקען האבען אויפּענומען מיט די ווערטער: „א דאנק גאט, טאטעלע, מען האט די זשידעס א ביסעל צעשאסען". א פאטאגראפיע פון די 32 הרוגים איז דערביי". (די עדות פון פאמערזעל, ווייגערמאן.) אין דערזעלביגער נאכט האט קאזיר־זירקא מיט זיין באנדע פערלאזען די שטאדט, ווייל פון דער זייט פון קאלינקאוויטשי זיינען אָנגעגאנגען די באלשעוויקעס.

## דער סך הכל.

דער פועל יוצא פון דער דאזיגער ממשלה איז געווען, אז מען האט דער־הרג'עט ארום 80 אידען און צעראבעוועט מעהר ווי 1200 הייזער. און נאר דורך א מקרה זיינען גאנץ געבליבען 10-15 הייזער. אין דעם דאזיגען פּאַל איז דער פאגראם דורכגעפיהרט געווארען אונטער דעם לאזונג „שלאג די זשידעס, ווייל זיי זיינען באלשעוויקעס". אבער די שטימונג פון די קריסטליכע מאַסען בנוגע צו אידען איז אזוי, אז אבי וואס פּאר א לאזונג איז מסוגל אנצוצינדען א פאגראם. מען קען זאגען אָהן א גוזמא, אז דער פאגראם האט אויסגעגלייכט אלע אידען אין דעם פרט פון אָרים און רייך: אלע אידען זיינען גלייך בדלות געווארען, און דעם פסוק „חברים כל ישראל" קען מען דא אָנווענדען אין א פולען מאָס. די שאָדענס דערגעהען ביז הונדערטע פון מיליאנען און אז מען זאל זיי אבשאצען לויט דער היינטיגער וואליוטע, וועלען זיי אפשר דערגעהן ביז צו מיליאַרדען.

## דער ארטיגער הילפסקאמיטעט פּאר די אידען, וואס האבען געליטען פון פאגראָם.

אין אָווורוטש האט זיך געגרינדעט א הילפסקאמיטעט פּאר די אידען, וועלכע האבען געליטען פונ'ם פאגראם. דער קאמיטעט ארבעט פראדוקטיוו, אבער די הילף, וואס ער גיט, איז זעהר קליין בערך צו דער גרויסער נויט, וועלכע גע־וועלטיגט אין שטאָדט. אוורוטש דארף האבען א הילף אין א סך ברייטערען מאָס, אין א מאָס, וואס נאר א מלוכה קען דאס דערוויייזען. הער ס. ס. קאַגאַן, וועלכער איז צוזאמען מיט מיר געפּאָהרען קיין אָווורוטש, האט צוגעשטעלט א בעריכט וועגען דעם כאראקטער פון דער דאזיגער הילף, ווי אויך פון דעם אופן, ווי די סומעס ווערען פערטיילט.

## די סאָוויעט־קאמיסיע צום אויספאָרשען פֿון די פּאגראמען.

אין אָוורוטש האבען מיר אנגעטראָפֿען א סאוויעט־קאמיסיע, וועלכע איז לויט א בעפֿעהל פֿון דעם אלרוסישען סאוויעט־פּארזיצענדען סווערדלאָוו אָנגעקומען פֿון דער שטאָדט מאָזיר, כדי אויסצופֿארשען די פּאָגראָמען. אז די קאמיסיע איז געקומען אין שטאדט, האט זי ארויסגעלאָזט אנ'ערקלערונג, פֿון וועלכער מיר גיבען דא אנ'עקזעמפּלאר. צום בעדויערן אבער קענען די אויספֿאָר־שונגען פֿון דער דאזיגער קאמיסיע ניט פיהרען צום געוואונשענעם ציעל, ווייל די אידען האבען מורא צוליעב פשוט'ע טעמים אנצורופֿען די נעמען פֿון אלע די מענשען, וועלכע האבען אנטייל גענומען אין די פּאגראמען, אפֿילו ווען מען קען זיי זעהר גוט. דער סוף איז, אז אלע, פֿון וועלכע מען ווייס אויף קלאָר, אז זיי האבען געהאלפֿען די פּאגראמשטשיקעס, שפּאצירען ארום פֿראנק און פֿריי, און עטליכע פֿון זיי האבען שטעלעס אין די סאוויעטישע אינסטיטוציעס. מיר האבען זיך צענויפֿגערעדט מיט דער דאזיגער קאמיסיע, און פֿון איהרע מיטגלידער האבען מיר זיך דערוואוסט, אז סווערדלאוו האט צוגעזאגט צו אסיגרינען פֿאר די פּאגראמירטע כמעט ווי 3 מיליאן רובעל. עס איז שווער צו זאגען, אויף וויפֿיעל אזא מין צוזאג האט א ממשות. אבער אַפילו אזא גרויסע סומע איז בלי שום ספק אויך צו קליין, כדי מען זאָל קענען מיט איהר אויפֿבויען אלץ, וואס איז צעשטערט געווארען אין שטאָדט.

---

# פראָסקוראָוו.

## דער פאָגראָם פֿון 15־טען פֿעברואַר 1919.

(פֿון די מאַטעריאַלען פֿון דעם הילפֿס־קאָמיטעט פֿאַר די פאָגראָם־קרבנות פֿון רוויטען־קרייז אין אוקריינע).

### צו דער פֿאָרגעשיכטע.

פראָסקוראָוו איז די בעלעבטעסטע שטאָדט אין דער פאָדאָלער גובערניע. איהר בעפֿעלקערונג ווערט געשעצט אויף 50000 נפֿשות, דערפֿון אַ העלפֿט אידען.

די דעמאָקראַטיזירטע שטאָדט־דומע איז בעשטאַנען פֿון 50 מיטגלידער: 26 קריסטען און 24 אידען. בראש פֿון דער דומע, ווי כמעט אומעדום אין פאָדאָליע, שטעהען פּאָליאַקען. דער שטאָדט־פּרעזידענט איז געווען דער פּאָליאַק ד״ר סיקאָראַ און דער פֿאָרזיצענדער פֿון דער שטאָדט־דומע איז געווען דער פּאָליאַק ד״ר סטאַווינסקי. די אייגענטליכע מאַכט אין פּראָסקוראָוו איז געלעגען אין די הענד פֿון מיליטער־קאָמענדאַנט, קיווערטשוק, וועלכער האָט נאָך אין דער צאַרישער צייט פֿערנומען אַ שטעלע אין דעם מיליטער, און פֿון קאָמיסאַר טאַראַנאַוויטש, אַ געוועזענעם פֿאָלקסשוללעהרער. פֿאַר דער רוה אין שטאָדט האָט געהאַט צו זאָרגען די שטאָדט־מיליץ, וועלכע איז געשטאַנען אונטער׳ן בעפֿעהל פֿון קאָמענדאַנט. די שטאָדטישע זעלבסטפֿערוואַלטונג, וועלכע האָט ניט געהאַט קיין ריכטיגעס פֿערטרויען צו דער שטאָדט־מיליץ, האָט אָרגאַניזירט אַנ׳אייגענעם שוץ, די אַזוי גערופֿענע „הייזער־וואַך״. בראש פֿון דער דאָזיגער וואַך איז געשטאַנען אַ צענטראַלע ביוראָ, וואס איהר פֿאָרזיצענדער איז געווען גורסקי, אַ קריסט, און זיין געהילף דער איד שיינמאַן. אַזוי ווי די שטאָדטישע וואַך איז בעשטאַנען על פי רוב פֿון אידען, האָט זיך קיווערטשוק בעצויגען צו איהר אונפֿריינדליך און האָט איהר געזוכט צו שטערען אין דער ארבעט.

אין פּראָסקוראָוו זיינען געווען פֿערטרעטען אַלע בעקאַנטע אידישע און ניט אידישע פּאָליטישע פּארטייען, אויך אַ גרופּע באָלשעוויקעס. די קליינע באָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציע האָט געפֿיהרט אין דער צייט פֿון פּעטליוראַ׳ס ממשלה אַ אונטערערדישע עקזיסטענץ.

ווי בעקאַנט, האָט זיך פּעטליוראַ׳ס רעגירונג געפֿונען אַ לענגערע צייט אין ווינניצאַ. גראָד אין דער דאָזיגער שטאָדט איז פֿאָרגעקומען, בעת פּעטליוראַ׳ס רעגירונג איז דאָרט געווען, אַ געהיימער צוזאַמענפֿאָהר פֿון די באָלשעוויקעס פֿון פּאָדאָלער

גובערניע, וועלכער האָט בעשלאָסען אויפ'ן 15-טען פעברואַר אויפצוהויבען אין גאַנץ פּאָדאָליע אַ בעוואָפענטען אויפשטאַנד.

ווי וועניג פעטליוראַ'ס רעגירונג איז געווען אָרגאַניזירט און אינפאָרמירט, בעווייזט דער פאַקט, אַז דער דאָזיגער צוזאַמענפאַהר האָט געקענט פאָרקומען אונטער איהרע אויגען. די באָלשעוויקעס האָבען אָבער געהאַט נאָך וועניגער מאַכט און השפעה, און פון גאַנצען פּראָיעקטירטען אויפשטאַנד האָט זיך אויסגעלאָזען אַ גאַנץ אונבעדייטענדער פערזוך אין פּראָסקוראָוו.

אין דער דאָזיגער שטאָדט זיינען געווען אייגגעקוואַרטירט 2 פּאָלקען: דער 15-טער בעלגאָראַדער פּאָלק און דער 8-טער פּאָדאָלער. אין דעם ערשטען זיינען געווען 240 מאַן, אין דעם אַנדערען עטוואַס מעהר. ביידע פּאָלקען זיינען געווען באָלשעוויסטיש געשטימט. 10 טעג פאַר'ן פּאָגראָם האָט זיך בעוויזען, אונטער דער קאָמאַנדע פונ'ם אַטאַמאַן סעמאָסענקאָ, די זאַפּאָראָזשיער קאַזאַקען־בריגאַדע פון דעם אוקריינישען רעפּובליקאַנישען מיליטער אויפ'ן נאָמען פון הויפּט־אַטאַמאַן פּעטליוראַ. צוזאַמען מיט דער בריגאַדע איז אָנגעקומען דער 3-טער היידאַמאַקען־פּאָלק (פרייוויליגע אוקריינישע פּויערים). דער אָפיציעלער צוועק פון סעמאָסענקאָ'ס חיל איז געווען זיך אָבצורוהען פון דער אַרבעט אויפ'ן פראָנט און טהאָן גאַרניזאָן־דינסט אין פּראָסקוראָוו.

סעמאָסענקאָ האָט געלאָזט אויסזעצען אַנ'אויפרוף, אין וועלכען ער האָט געמעלדעט, אַז ער איז דער נאַטשאַלניק פון גאַרניזאָן, אַז פערזאַמלונגען זיינען פערבאָטען און אַז יעדע אַגיטאַציע געגען דער עקזיסטירענדער מאַכט וועט בעשטראָפט ווערען לויט דעם קריגס־געזעץ. דער אויפרוף האָט אויך פערבאָטען פּאָגראָם־אַגיטאַציע און ס'איז געזאָגט געוואָרען, אַז ווען מען וועט כאַפּען ביי אַזאַ אַגיטאַציע, וועט מען אויפ'ן אָרט דערשיסען. דער אויפרוף איז אָבער געבליבען גיט געדרוקט לויט אַ בעפעהל פון שטאָדט־קאָמענדאַנט קיווערטשוק, וועלכער האָט ערקלערט, אַז ער וויים ניט וואָס פאַר פּאָלמאַכטען בעזיצט סעמאָסענקאָ.

דער דריטער היידאַמאַקען־פּאָלק האָט געהאַט הינטער זיך, ווי מען האָט דערצעהלט, אַ פּאָגראָם־פערגאַנגענהייט, און ווי ער האָט זיך נאָר בעוויזען אין שטאָדט, זיינען די אידען אַריינגעפאַלען אין אַ אונרוהיגער שטימונג.

די בעפעלקערונג פון שטאָדט האָט פון דעם פּראָיעקטירטען באָלשעוויסטישען אויפשטאַנד גאָרנישט געוואוסט, נאָר אין סאָציאַליסטישע גרופּען זיינען דערגאַנגען קלאַנגען וועגען דעם. די סאָציאַליסטען מיט דעם בונדיסט יפה בראש האָבען שטאַרק געוואָרנט די באָלשעוויקעס, אָנווייזענדיג אויף די ניט גלייכע כחות, אויף דער אונפערמיידליכער קאַטאַסטראָפע און ספּעציעל אויף דער גרויסער פּאָגראָם־סכנה. די באָלשעוויקעס אָבער האָבען ערקלערט, אַז קיין שום סכנה איז ניטאָ, ווייל דער אויפשטאַנד וועט פאָרקומען אין איין צייט אין גאַנץ פּאָדאָליע, און אַז זיין ערפאָלג איז פאָלשטענדיג געזיכערט.

דעם 15-טען פעברואַר, 6 אזייגער אין דער פריה האָט זיך דער „אויפשטאַנד" אָנגעהויבען. די באָלשעוויקעס האָבען פערכאַפּט די פּאָסט און דעם טעלעגראַף און האָבען אַרעסטירט דעם קאָמענדאַנט קיווערטשוק. זיי האָבען אויף זייער זייט אַריבערגעצויגען אַ טייל פון 15-טען בעלגאָראָדער און 8-טען פּאָדאָלער פּאָלק. די דאָזיגע סאָלדאַטען זיינען געפיהרט געוואָרען אַנטקעגען פּעטליוראַ'ס חיל, וועלכער איז קאָנצענטרירט געווען אין די וואַגאָנען אויף דער סטאַנציע. אָבער אַזוי גיך ווי די רעוואָלטירענדע סאָלדאַטען האָבען געזעהען, אַז פּעטליוראַ'ס חיל איז אַ סך

שטאַרקער אין צאָהל, זיינען זיי אָבגעטראָטען און אוועק אין פעלשטין און יאַרמאָליצי. דערמיט האָט זיך דער „אויפשטאַנד“ געענדיגט. קיווערטשוק איז גלייך בעפרייט געוואָרען, און ער האָט איצט אָנערקענט דעם אַטאַמאַן סעמאסענקאָ, וועלכער איז מיט זיין הסכמה אַריינגעטראָטען אין זיין דינסט אלס נאַטשאַלניק פון גאַרניזאָן.

## די שחיטה.

דעם דאָזיגען מאָמענט האָט ער געפייערט מיט אַ כּבוד פון שיכּרות פאַר די היידאַמאַקעס און קאַזאַקען; בעת דעם מיטאָג האָט ער זיי פיין מכבד געווען מיט בראָנפען און קאָניאַק.

נאָך דעם עסען האָט ער זיך געווענדעט צו די היידאַמאַקעס מיט אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט געשילדערט די שווערע לאַגע פון אוקריינע, די שוועריגקייטען, וואס ער האָט איבערגעטראָגען אויפ'ן שלאַכט-פעלד, און האָט בעמערקט, אז די סאמע געפעהרליכסטע שונאים פון דעם אוקריינישען פאָלק זיינען די זשידעס, וועלכע מען מוז אויסשעכטען, כדי צו ראַטעווען אוקריינאַ און זיך אליין. ער האָט גענומען ביי די קאָזאַקען אַ שבועה, אַז זיי וועלען ערפילען זייער הייליגען חוב אויסצוקוילען די אידישע בעפעלקערונג, דערביי האָט ער זיי אויך געלאָזט שווערען, אז זיי וועלען אידיש גוטס ניט ראַבעווען, ווייל רויב פאַסט ניט פאַר אַ קאָזאַק. אַלזאָ קוילען און ניט ראבעווען.

ווען אַ קאָמאַנדיר פון אַ האַלבער-סאָטניע האָט פאָרגעשלאגען אַרויפצולעגען אויף דער אידישער בעפעלקערונג אַ קאָנטריבוציע, האָט איהם סעמאָסענקאָ געסטראַשעט צו דערשיסען. עס האָט זיך געפונען נאָך אַ סאָטניע-קאָמאנדיר, וועלכער האָט ערקלערט, אַז ער וועט ניט דערלאָזען זיין סאָטניע צו קוילען אונ־בעוואָפענטע מענשען. דעם דאָזיגען סאָטניע-קאָמאנדיר, וועלכער האָט געהאַט גרויסע פערבינדונגען מיט פעטליורא'ס רעגירונג, האָט מען אינאיינעם מיט זיינע לייט אַוועקגעשיקט אין שטאָדט, און די איבעריגע קאָזאַקען, אויסגעשטעלט אין מארש-אָרדנונג, מיט מוזיק פאראוים און מיט אַסאַניטאַר־אָבטיילונג פון הינטען, זיינען אַוועק אין שטאָדט, דורכגעגאנגען די אלכסנדר־גאס, ביי דעם סוף פון וועלכער זיי האָבען זיך צעטיילט אין בעזונדערע גרופען און צושפרייט איבער די זייטיגע גאַסען, וועלכע זיינען גאַנץ בעוואָהנט מיט אידען.

די אידישע מאַסע האָט גאָרנישט געוואוסט פון דעם פאָרגעקומענעם באָלשע־וויסטישען „אויפשטאַנד“. זייענדיג צוגעוואָהנט אין דער לעצטער צייט צו אַלערליי שיסערייען, האָט זי ניט צוגעגעבען קיין שום בעדייטונג צו דער שיסעריי, וואָס האָט זיך געהערט אין דער פריה פון יענעם טאָג. דאָס איז געווען שבת, און די פרומע אידען זיינען אין דער פריה אוועק אין שול, האָבען אָבגעדאווענט און, קומענדיג אַ היים, געזעצט זיך עסען. פילע האָבען, ווי דער סדר איז, זיך צוגעלעגט שלאָפען נאָך דעם שבת'דיגען וואַרמעס.

צעשפרייטענדיג זיך גרופענווייז, פון 5—15 מענשען, זיינען די קאָזאַקען מיט גאַנץ רוהיגע פנים'ער אַריינגעגאַנגען אין די אידישע הייזער, ארויסגענומען די שווערדען און גענומען קוילען אַלע אידען, וועלכע זיינען געווען אין שטוב, אָהן אונטערשייד פון עלטער און מין. זיי האָבען גע'הרג'עט זקנים, פרויען און אַפילו

ברוסט־קינדער. זיי האָבען ניט נאָר געהרג׳עט, נאָר אויך פֿערוואונדעט, שטערבענדיג מיט די שפּיזען. פֿייערגעוועהר האָבען זיי בענוצט נאָר דאַן, ווען דעם אָדער יענעם האָט זיך איינגעגעבען ארויסכאַפּען זיך אויפ׳ן גאַס, און דאַן פֿלעגט מען זיי נאָכשיקען אַ קויל.

די אידישע בעפֿעלקערונג, צווישען וועלכער ס׳האָבען זיך פֿערשפּרייט די ידיעות וועגען דעם פֿאָרגעקומענעם פּאָגראָם, האָט זיך בעהאַלטען אויף די בוידעמער און אין די קעלערס; נאָר די קאָזאַקען פֿלעגען די בעהאַלטענע פֿון די בוידעמער אַראָבשלעפּען און דערהרג׳ענען, אין די קעלערס האָבען זיי געוואָרפֿען האַנד־גראַנאַטען.

לויט די ווערטער פֿון עדות שענקמאַן האָבען די קאָזאַקען דערהרג׳עט אויפ׳ן גאַס נעבען דער הויז זיין אינגערען ברודער און דערנאָך האָבען זיי זיך אַריינגעריסען אין שטוב און צעשפּאָלטען דעם קאָפּ זיין מוטער. די איבעריגע מיט־גלידער פֿון דער פֿאַמיליע האָבען זיך בעהאַלטען אונטער די בעטען, נאָר בעת זיין קליינער ברודערל האָט דערזעהן דעם טויט פֿון זיין מוטער, איז ער ארויס־געקראָכען פֿון אונטערען בעט און אָנגעהויבען קושען דעם בר־מינן. די קאָזאַקען האָבען אָנגעהויבען צו האַקען דאָס קינד מיט די שווערדען. דעמאָלט האָט דער אַלטער פֿאָטער ניט געקענט מעהר אויסהאַלטען און איז אויך ארויסגעקראָכען פֿון אונטערען בעט. איינער פֿון די קאָזאַקען האָט אין איהם צוויי מאָל אויסגעשאָסען און דערהרג׳עט. דערנאָך זיינען זיי צוגעגאַנגען צום בעט און אָנגעהויבען צו שטעכען די, וואָס זיינען געלעגען בעהאַלטען. נאָר שענקמאַן איז צופֿעליג נצל געוואָרען.

לויט די ווערטער פֿון עדות מאַראַנץ זיינען אין הויז פֿון זיין פֿריינד אווערבוך דערהרג׳עט געוואָרען 15 מענשען און 4 שווער פֿערוואונדעט. ווען ער האָט זיך געווענדעט צו די קריסטליכע שכנים, זיי זאָלען איהם העלפֿען ארומ־בינדען די פֿערוואונדעטע, איז נאָר איין קריסט געקומען איהם צו הילף. די איבעריגע האָבען זיך אָבגעזאָגט.

די עדות גרינפעלד דערצעהלט אז פֿון פֿענסטער פֿון איהר דירה האָט זי געזעהען, ווי נעבען דעם אַנטקעגענדיגען הויז פֿון כאַסעלעוו האָט זיך אָבגעשטעלט אַ באַנדע פֿון 20 היידאַמאַקעס, פֿון וועלכער 4 האָבען זיך אָבגעטיילט, אַריין אין שופּמאַנ׳ס שטוב און פֿערבראַכט דאָרטען אַ קורצע צייט. בשעת זיי זיינען ארויסגעגאַנגען, האָבען זיי אָבגעווישט זייערע פֿערבלוטיגטע שווערדען אָן דעם שנעע. ווי ס׳האָט זיך ארויסגעוויזען, זיינען אין דער דירה דערהרג׳עט געוואָרען 8 מענשען. דער אַנדער טייל פֿון דער באַנדע איז אריין אין דעם דערבייאַיגען האָטעל „פֿראַנציאַ“. פֿון דאָרטען איז ארויסגעלאָפֿען דער אַלטער בעל־הבית, וועמען די היידאַמאַקעס האָבען נאָכגעיאָגט. נאָך זיי זיינען געלאָפֿען די קינדער פֿון דעם אַלטען און געבעטען רחמים, איהם אפּצולאָזען.

ווי עס גיט איבער דער עדות שפּיגעל, האָט ער זיך דערוואוסט פֿון דער שחיטה זייענדיג צו גאַסט מיט זיין ברודער ביי דער פֿאַמיליע פּאָטיעכאַ. זייענדיג אומרוהיג פֿאר׳ן גורל פֿון זיין אלטער מוטער, איז ער אַוועק אַהיים און דורך הינטער־וועגלעך געבראַכט די אַלטיטשקע אין אַ הויז צו בעקאַנטע פּאָליאַקען, נאָר זיי האָבען קאַטעגאָריש זיך אָפּגעזאָגט אַריינלאָזען איהר, ערקלערענדיג, אז זיי האָבען מורא פֿאר זייער אייגענעם גורל. איהם האָט זיך איינגעגעבען אַריינברענגען זיין מוטער אין אַ הויז צו בעקאַנטע אידען. בעת ער האָט זיך ווידער אומגעקערט

צו פּאָטיעכע׳ס הויז, האָבען קריסטען, אזוי גערופענע „מעשטשאַנעס“, וואס זיינען געשטאַנען דאָרטען, איהם געוואָרנט ער זאָל אַהין ניט געהן, ווייל מען הרג׳עט דאָרטען. נאָר זייענדיג אומרוהיג פאַר זיין ברודער, איז ער אוועק אהין און האָט געזעהען, אַז די גאַנצע פאַמיליע פּאָטיעכע און אלע די, וואָס זיינען דאָרטען געווען, אריינרעכענענדיג אויך זיין ברודער זיינען געווען דער׳הרג׳עט. די אַלטע מוטער פון הויז איז געווען אויף אזוי פיעל צעהאַקט, אז ער האָט איהר געקענט דערקענען נאָר לויט דער פיגור. ביי דער אַלטיטשקע איז געלעגען דער קערפּער פון איהר זוהן, צעהאַקט דורך שווערדען און צעשטאכען פון שפּיזען. אויף אַזאַ אופן זיינען אויך דער׳הרג׳עט געוואָרען די עלטערע און מיטעלע טעכטער. די איגגערע טאָכטער און די קרובה, וואָס איז געקומען צו זיי צו גאַסט, זיינען געלעגען שווער פערוואונדעט. אויפ׳ן הויף זיינען געלעגען שווער פערוואונדעט די צוויי ברידער ברעסלער מיט זייער מוטער. איינער האָט נאך גע׳אטעמט; ער איז באַלד אויס־געגאנגען ביי איהם אויף די הענד.

אין הויז זיינען אריין נייגעריגע פויערים. ער האָט זיי געבעטען איהם צו העלפען אויסצולעגען די פערוואונדעטע אויף די בעטען. אויסער איין שכן סיקאָראַ האָבען זיך אַלע אָפּגעזאָגט. פון די פערוואונדעטע זיינען צוויי גע־שטאָרבען. די איבעריגע זיינען געזונד געוואָרען, אָבער פערבליבען קאַלעקעס.

אין וואָלפּצונג׳ס־הויז איז געווען אויסגעקוילעט די גאַנצע משפחה. גע־בליבען לעבען איז איין מיידעל, וועלכע האָט בעקומען 28 וואונדען.

אין זעמעלמאַנ׳ס הויז זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרען 21 פערזאָנען און צוויי פערוואונדעט. צום הויז זיינען צוגעגאַנגען היידאַמאַקעס אין מאַרש־אָרדנונג מיט צוויי מאַשין־געוועהר. מיט זיי איז מיטגעגאַנגען אַ באַרמהערציגע שוועסטער, און איינער מיט א צייכען פון רויטען־קרייץ אויף דער האַנד. דאָס איז געווען ד״ר מאַרינעק, דער פערוואַלטער פון דער סאַניטאַרער אָבטיילונג.

אין בלעכמאַנ׳ס הויז זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרען 6 מענשען. איינעם האָט מען גע׳הרג׳עט דורך אַ זעץ איבער׳ן קאָפּ, פון וועלכער דער שאַרבען איז צע־שפּאַלטען געוואָרען אויף צווייען. אַ מיידעל איז פערוואונדעט געוואָרען אין דער הינטערשטער טייל פון קערפּער.

פון אַכט באַנדיטען האָבען זיך פינף אריינגעריסען אין קאָרטשאַק׳ס הויז און 3 זיינען געבליבען אויפ׳ן גאַס. די אין שטוב האָבען געכאפּט דעם אלטען קאָרטשאק פאַר׳ן באָרד און האָבען איהם דורך דעם קיך־פענסטער צוגעוואָרפען צו די, וואָס זיינען געשטאַנען אויפ׳ן גאָס. די לעצטע האָבען איהם דער׳הרג׳עט. מען האָט ווייטער דער׳הרג׳עט די אלטע מוטער און צוויי טעכטער. א מיידעל, וועלכע איז געווען ביי זיי צו גאַסט, האָבען זיי געשלעפּט פאַר די צעפּ און ארויס־געוואָרפען אויפ׳ן גאַס, וואו זי איז בעסטיאַליש דער׳הרג׳עט געוואָרען. אַ 13־יאָהריגער איגגעל, וועלכען מען האָט שטאַרק פערוואונדעט, איז פון די קלעפּ גאַנץ טויב געוואָרען. אַנ׳עלטערען ברודער האָבען זיי געמאַכט 11 וואונדען אין בויך און אין זייט און איהם צוגעוואָרפען צו דער דער׳הרג׳עטער מוטער מיט די ווערטער: „איצט האָבען מיר שוין מיט איהם פערענדיגט“.

אין זאַסולע׳ס הויז איז דער׳הרג׳עט געוואָרען די טאָכטער פון בעל־הבית, וועלכע מען האָט לאַנג געפּייניגט. דאָס איגגעל, וועלכער האָט בעקומען עטליכע וואונדען, האָט זיך געשטעלט טויט. די מוטער האָט פאָרגעלעגט די מערדער געלד, זיי האָבען געענטפערט: „מיר זיינען געקומען נאָר נאָך דער נשמה“.

ווי דער עדות גליקמאַן בעריכטעט, איז ער אַרויס שבת דעם 15. פֿעברואַר אויפֿ'ן גאַס, נאָר די מיליציאַנטען האָבען איהם גע"עצה'עט געהען אַהיים. קומענדיג אַהיים, האָט ער דאָרט געטראָפֿען 16 פערשוינען שכנים. פֿון פֿענסטער האָבען זיי בעמערקט אנ'אָבטיילונג היידאַמאַקעס, בעוואָפֿענט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, וועלכע איז צוגעגאנגען אין פֿולער אָרדנונג צום שטוב. ער איז צוגעשטאַנען צו זיין ווייב און טעכטער צו בעהאַלטען זיך, ווייל ער האָט מורא געהאַט פֿאַר זייער עהרע. נאָר זיי האָבען זיך ניט געוואָלט בעהאַלטען אָהן איהם. די היידאַמאַקעס האָבען אַלעמען ארויסגעטריבען אויפֿ'ן הויף און דאַן איז איינער אונטערגעגאַנגען צום טויער און ארוף געטהאָן זיינע חברים: „קומט אַהער, דאָ זיינען אַ פֿולע זשידעס!“. די היידאַמאַקעס האָבען באַלד אַלעמען אַרומגערינגעלט. גליקמאַנען איז אויסגעקומען צו שטעהן נעבען דער טיר, וואָס פֿיהרט אין קעלער. ביי איהם איז געשטאַנען זיין פֿאַמיליע. מען האָט איהם צוויי מאָל אַ שטאָך געטהאָן מיט א באַיאָנעט, און ער איז ארונטערגעפֿאַלען אין קעלער. דאָס האָט איהם מציל געווען. זיין פֿרוי, וועלכע איז געשטאַנען אויבען, איז דער'הרג'עט געוואָרען. ער האָט נאָר בעמערקט, ווי אַ פֿערוואונדעטער יונגער־מאַן האָט זיך געבעטען מען זאָל איהם דערשיסען. איין היידאַמאַק האָט אויף איהם צוויי מאָל אויסגעשאָסען. אַ צווייטער היידאַמאַק האָט געפֿרעגט: „פֿאַרוואָס שיסט דו, דער אַטאַמאַן האָט דאָך אַנגעזאָגט קוילען און ניט שיסען“. יענער האָט איהם געענטפֿערט: „נאָר וואָס טהוט מען, ער האָט דאָך אַליין געבעטען“.

די שחיטה האָט געדויערט פֿון 2 אזייגער ביז האַלב זעקס. זי וואָלט, מסתמאַ, זיך פֿערצויגען ביז שפּעט אין דער נאַכט, נאָר אויף דעם קאָמיסאַר טאַראַנאַוויטש, וועלכער איז ניט געווען פערטרויט מיט די פלענער פֿון סעמאסענקאָ און קי־ווערטשוק, איז אַנגעפֿאַלען אַ גרויל, בעת ער האָט דערזעהען די בלוטיגע אָרגיע, וועלכע האָט זיך פֿונאַנדערגעשפּילט אין דער שטאָדט. ער איז אַוועקגעלאָפֿען צו סעמאסענקא און האָט איהם שטאַרק געבעטען אָבצושטעלען די שחיטה. ווען ער האָט ביי סעמאסענקא גאָרנישט ניט גע'פועל'ט, איז ער אַוועק צום טעלע־גראף און האָט אויף דער דירעקטער ליניע איבערגעגעבען דער גובערניאלער מאַכט אין קאַמענעץ וועגען די פּאַסירונגען און פּראָסקוראָוו. פֿון דאָרט האָט מען איהם מודיע געווען וואו ס'געפֿינט זיך דער קאָרפּוס־קאָמאַנדיר קאָנאָ־וואלעץ. טאַראנאוויטש האָט איהם אויף דער דירעקטער ליניע אַרויסגערופֿען צום טעלעגראף און האָט איהם בעריכטעט וועגען דאָס, וואָס קומט פֿאָר, און אויך וועגען זיין געשפּרעך מיט סעמאסענקען. קאָנאָוואלעץ האָט גלייך טעלע־גראַפֿירט אַ בעפֿעהל צו סעמאסענקאַ אָבצושטעלען די שחיטה. דעם בעפֿעהל האָט טאַראנאָוויטש אוועקגעטראָגען צו סעמאסענקאָ. אוף דעם האָט דער לעצטער געזאָגט: „גוט, אויף היינט איז גענוג צו שעכטען“. דורך אַ טראָמייט האָט מען די היידאַמאַקעס געגעבען אַ צייכען אָפּצושטעלען זייער ארבעט. די היידאַמאַקעס האָבען זיך פֿערזאַמעלט אויף אַ פֿריהער בעשטעלטען אָרט און פֿון דאָרט זיינען זיי אוועק אין מאַרש־אָרדנונג און מיט לידער צו זייערע פלעצער הינטער'ן וואָקזאַל.

מען מוז זיין גערעכט צו די היידאַמאַקעס: זיי האָבען עהרליך ערפֿילט זייער שבועה. זיי האָבען אונ'ברחמנות'דיג געקוילעט, אָבער טאַקי ניט ראַבירט. אין איינינע הייזער האָט מען זיי פֿאָרגעלעגט געלד, נאָר זיי האָבען דאָס געלד צעריסען אויף שטיקלעך. און אויב עס זיינען פֿאָרגעקומען איינינע פֿאַלען פֿון רויבערייען, זיינען דאָס געווען אויסנאַהמען.

אין דער שחיטה האָט זיך בעזונדערס אויסגעצייכענט קיווערטשעק׳ס קאָזאַקען־סאָטניע. אויך די מיליציאָנערען זיינען ניט געווען פּאַסיוו. אזוי ווי זיי זיינען ניט געווען געבונדען מיט קיין שבועה, האָבען זיי ניט נאָר געמאָרדעט, נאָר אויך גע־גערויבירט. הויפּטזיכטליך זיינען די רויבערייען פֿאָרגעקומען אין דער נאַכט נאָך דער שחיטה. דאָס זיינען ניט געווען קיין רויבערייען אינ׳ם ענגען זין פֿון וואָרט, נאָר דאָס צעשלעפּען פֿון דעם אייגענטום, וואס איז, אלס רעזולטאט פֿון די שחיטות, געבליבען ווי אָהן אַ בעל־הבית.

אין פֿונאַנדערטראָגען דעם דאָזיגען אייגענטום האָבען זיך בעטייליגט קאָזאַקען, ווי אויך דער פֿערברעכער־עלעמענט, וואָס איז, לויט אַלע סימנים, אַרויסגעלאָזען געוואָרען פֿון טורמע דורך אַ בעפֿעהל פֿון קיווערטשוק׳ן. הפנים, מיט דעם צוועק ארויפֿצואוואַרפֿען אויף זיי, ווען נויטיג, די שולד אין די פּאַסירונגען. לויט דעם בעפֿעהל פֿון דעם זעלבען קיווערטשוק איז געווען ענטוואָפֿענט די מיליציע, און געוועהר איז געבליבען נאָר ביי די מיליציאַנטען, וועלכע האָבען געהאָלפֿען די היידאַמאַקעס.

די איראָניע פֿון שיקזאַל האָט פֿערלאַנגט, אַז די בעלויכטונג זאָל דינען אַלס סימן, אַז אינ׳ם שייכות׳דיגען הויז איז אַלץ טויט. אין פּראָסקוראָוו איז עלעקטרישע בעלויכטונג אין אלגעמיין איינגעפֿיהרט. די פֿרומע אידען דרעהען ניט אויס דאָס עלעקטרישע ליכט, וואָס געהט דאַן אויס דורך אָבשטעלען פֿון שטראָם, אָזוי אַז שבת־צו־נאַכט צינדט זיך דאָס ליכט ווידער אָן. אין די אַלע הייזער, וואו די שחיטה איז פֿאָרגעקומען, האָט דאָס ליכט געברענט, און דאָס האָט די רויבער געדינט אַלס פֿיהרער. מחמת דעם זיינען פֿאָרגעקומען מאנכע מאָדנע טעותים, ווען די רויבער זיינען אריינגעפאלען אין קריסטליכע הייזער, פֿערפֿיהרט דורך דעם ברענענ־דיגען עלעקטרישען ליכט.

ה׳ ווערכאָלאַ און דער פֿאָרזיצענדער פֿון שטאַדט־ראַט ד״ר סטאַווינסקי דערצעהלען, אז זיי האָבען זיך שפּעט אין דער נאכט דערוואוסט פֿון דער שחיטה. אין די גאַסען האָבען זיי געזעהן, וואלגערנדיג זיך אסך בר־מינן׳ס; זיי זיינען אַריין אין די בעלויכטענע הייזער, וואו די מענשען זיינען געווען אויסגעקוילעט. זיי האָבען געהאַט בדעה צו שאַפֿען אַ פֿערבאַנדאזשירונגס־פּונקט פֿאַר די פֿער־וואונדעטע, אָבער דאָס האָט זיי זיך ניט איינגעגעבען, ווייל אין די אַפּטייקען האָט דער אויבען־דערמאָנטער ד״ר סקאָרניק שוין געהאַט רעקווירירט דעם באַנדאַזשמאַטעריאַל, וועלכען ער האָט כלומר׳שט געדאַרפט פֿאַר די פֿערוואונדעטע סאָל־דאַטען פֿון פֿראָנט. ווי ס׳האָט זיך ארויסגעוויזען, איז דאָס געווען נאָר אַנ׳אויסרעד, כדי אוועקצונעהמען די מעגליכקייט צו ראַטעווען די פּאָגראָם־קרבנות. ד״ר סקאָרניק האָט אינאיינעם מיט אַ שוועסטער און 2 סאַניטאַרען גענומען אַנ׳אַקטיווען אָנטייל אין דער שחיטה. ווען אַ שוועסטער האָט איהם פֿאָרגעוואָרפֿען זיינע מעשים און איהם אָנגעוויזען אויף זיין באַנד פֿון רויטען־קרייץ אויף זיין אָרעם, האָט ער איהם אַראָבגעריסען און אַ וואָרף געטהאָן איהר אין פנים. דריי גימנאַ־זיסטען, וואָס זיינען „רעקווירירט" געוואָרען דורך די היידאַמאַקעס פֿאַר סאַני־טארען דינסט, האָבען איבערגעגעבען, אז ד״ר סקאָרניק, קומענדיג נאָך דער שחיטה אין וואַגאָן, האָט זיך געריהמט, אַז ער האָט אַליין דער׳הרג׳עט אַ אידישע מיידעל, וואָס קיינער האָט זיך ניט דערוואַגט אָנצוריהרען צוליב איהר גרויסער שיינהייט.

חוץ די אידען, וואָס זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרען דורך די היידאמאקעס,

זיינען פיעל אידען, צווישען זיי אסך זקנים, אַרעסטירט געוואָרען אַלס כלומר'שטע באָלשעוויקעס און זיינען דערשאָסען געוואָרען. אין דער דאָזיגער בעציהונג האָט זיך בעזונדערס אוסגעצייכענט קיווערטשוק׳ס געהילף קאָוואַלעווסקי, אַ זוהן פון אַ פּראָסקוראווער הויז־בעזיצער, אַ פערדאַרבענער מענש און אַנ׳אַכזר. איין פאַל איז פאָרגעקומען, וואו ס׳זיינען אַרעסטירט געוואָרען 32 קריסטען און 16 אידען, מען האָט אַלעמען ארויסגעפיהרט אונטער׳ן שטאָדט און געהאַלטען אין אַפּער־שלאָסענעם וואַגאָן. דערנאָך האָט מען אַלע קריסטען ארויסגעלאָזען, חוץ איינעם, וועלכער איז געוועזען אַ רוס. די אידען און דעם רוס האָט מען דערשאָסען אויפן פעלד, נאָכדעם ווי מען האָט זיי פריהער אויסגערויבט. אַזוינע אַרעסטען און מאָרדען זיינען אויך פאָרגעקומען אין דער סביבה פון פּראָסקוראָוו. די פּויערים פון די אַרומיגע דערפער האָבען זיך אין דעם אַלעמען אַקטיוו בעטייליגט.

## אַ ויכוח אין דער שטאָדט־דומע.

די אויבענבעשריבענע פּאַסירונגען זיינען בעהאַנדעלט געוואָרען אויף מאָרגען, זונטאָג דעם 16־טען פעברואַר, אויף אַ זיצונג פון שטאָדט־דומע. סעמאָסענקאָ און קיווערטשוק זיינען געקומען צו דער זיצונג און זיינען אַרויסגעטראָטען מיט שאַרפע רעדעס געגען די אידען, ערקלערענדיג, אַז אידען און באָלשעוויקעס זיינען איין און דאָס זעלבע, אַז די אידען זיינען שולדיג אין דעם גאַנצען אונגליק פון דער אוקריינע און אַז זיי זיינען אַליין פעראַנטוואָרטליך פאַר אַלץ, וואָס איז פאָר־געקומען אין פּראָסקוראָוו.

געגען זיי איז אַרויסגעטראָטען דער אוקריינער ווערכאָלאַ — אַ אייד[ע]לער מוטיגער קעמפער און ריינער כאַראַקטער, מיט אַ גרויסער פּאָפּולאַריטעט צווישען דער פּראָסקוראָווער בעפעלקערונג, — לויט זיינע איבערצייגונגען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט און אוקריינישער פּאַטריאָט.

ווערכאָלאַ האָט געזאָגט, אַז דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען אין פּראָסקוראָוו, איז אַ שאַנד־פלעק אויף דער אוקריינאַ. ער האָט געגעבען דייטליך אָנצוהערען, אַז סעמאָסענקאָ האָט זיך געמאַכט פאַר אַנ׳אַטאַמאַן פון מערדער, וועלכע ער האָט אָנגעטהאָן אין קאָזאַצקע קליידער.

„איהר קעמפט געגען די באָלשעוויקעס,‟ — האָט ער אויסגערופען, געווענדעט צו סעמאָסענקאָ: — „צו שוין זשע זיינען די זקנים און קינדער, וועלכע אייערע היידאַמאַקעס האָבען אויסגעקוילעט, באָלשעוויקעס? איהר בעהויפּטעט, אַז נאָר אידען גיבען אַרויס באָלשעוויקעס, שוין זשע ווייסט איהר ניט, אַז אויך צווישען אַנדערע נאַציאָנען און צווישען די אוקריינער זיינען דאָ באָלשעוויקעס?‟

אין זיין רעדע איז ער ענערגיש צוגעשטאַנען צו סעמאָסענקאָ׳ען גלייך אָב־צושטעלען די מעשים תעתועים. אין נאָמען פון די אידען האָט רייגאָראָדסקי אונטערשטיצט ווערכאָלאַ׳ען.

סעמאָסענקאָ האָט געענטפערט, אַז ער קעמפט ניט געגען זקנים, פרויען און קינדער, נאָר אויסשליסליך געגען די באָלשעוויקעס. ער האָט געגעבען אָנצוהערען, אַז ווערכאָלאַ איז אויך אַ באָלשעוויק, און ער וועט זיך אָן איהם נוקם זיין. אויך האָט ער צוגעזאָגט אָבצושטעלען דעם „קאַמף‟ בתנאי מען זאָל די טויטע גלייך מקבר זיין. דער דומע האָט ער געמאַכט פאָרוואורפען וואָס זי האָט, ווי‍סענדיג פון

דעם באָלשעוויסטישען אויפשטאנד, איהם דערפון גאָרנישט ניט מודיע געווען. דעם דאָזיגען פּאָרוואורף האָבען אָבגעוואָרפען סטאווינסקי און פערשידענע דומע־מיט־גליעדער.

ווערכאלאַ האָט, נעהמענדיג נאָך אַ מאָל א וואָרט, פערלאנגט אבצורופען די קאָזאַקען, וועלכע זיינען געשיקט געוואָרען אין פעלשטין, כדי צו מאַכען דאָרטען אַ אידישע שחיטה. סעמאָסענקאָ האָט דערויף געענטפערט, אז אין פעלשטין איז אויך געווען אַזאַ באָלשעוויסטישער אויפשטאנד ווי אין פּראָסקוראָוו און ער מוז האָבען די זעלבע פאָלגען ווי דאָ. נאָך דעם ווי ווערכאָלאַ איז שטארק צו־געשטאַנען, האָט סעמאָסענקאַ ערקלערט, אז ער איז גרייט אָבצורופען די אוועקגעשיקטע קאָזאַקען.

די דומע האָט אין דער אייגענער זיצונג, אין דער אָנוועזענהייט פון סעמאָ־סענקאָ׳ען בעשלאָסען איבערצוגעבען די וואַך פון דער שטאָדט דער לופּטשיף־אָבטיילונג, וואָס מיט איהר קאָמאַנדיר האָט זיך ווערכאָלאַ פריהער פערשטענדיגט.

## סעאָמסענקאָ בעלי־בית׳עוועט.

אין דעם גייסט פון די אָנגענומענע החלטות האָט ווערכאָלאַ געלאָזט אין דעם נאָמען פון שטאָדט־פערוואַלטונג אויסזעצען אַנ׳אויפרוף צו דער בעפעלקערונג, אין וועלכען ס׳ווערט געזאָגט, אַז די קאָזאַקען ווערען אָבגערופען פון דער שטאדט, אז די שוץ נעהמט איבער די לופט־שיף־אָבטיילונג, און די דומע גאַראַנטירט דער בעפעלקערונג די פולשטענדיגע רוה. ווען ווערכאָלאַ איז געגאַנגען אין דער קאָמאַנדאנטור בעטען אנ׳ערלויבניש אויף צו פונאַנדערקלעפען די מודעה, האָט מען איהם לויט דעם בעפעהל פון סעמאסענקאָ און קיווערטשוק ארעסטירט און געהייסען אָבפיהרען אויפ׳ן וואָקזאַל, וואו ער האָט געזאָלט דערשאָסען ווערען. אבער די פאָרשטעהער פון שטאָדט האָבען ערקלערט סעמאסענקאָ׳ן און קיווער־טשוק׳ן, אז אסך אוקריינער אָרגאַניזאַציעס, ביי וועמען ווערכאָלאַ איז זעהר פאָפולער, וועלען זיך גרוויזאם נוקם זיין פאר זיין טויט. סעמאָסענקאָ איז דורך דעם געווען געצוואונגען איהם צו בעפרייען.

אָנשטאָט ווערכאָלאַ׳ס אויפרוף האָט סעמאָסענקאָ געלאָזט אָבדרוקען און פונאַנדערקלעפען אַ מודעה, אין וועלכער ער האָט ערקלערט קריגס־צושטאנד איבער פראַסקוראָוו. אין דעם דאָזיגען אויפרוף איז געזאגט געוואָרען צווישען אַנדערעם:

„איך בין מתרה די בעפעלקערונג זי זאָל אָבשטעלען איהרע אנטי־קריסטליכע ארויסטרעטונגען, ווייל איך האָב גענוג כח, כדי צו קעמפען נעגען דעם. איך ווייז אָן דערויף איבערהויפּט די זשידעס. זייט וויסען, אז איהר זייט אַ פאָלק פערהאסט ביי אלע פעלקער, און איהר פער־פיהרט אזאַ אונאָרדנונג צווישען די קריסטליכע לייט. צו שוין זשע ווילט איהר ניט לעבען? צו שוין זשע האָט איהר ניט קיין רחמנות אויף אייער נאציע? איהר, אז מען לאָזט אייך צו רוה, טאָ זיצט זשע שטיל. און דאָ בונדעוועט אזא שלים־מזל׳דיג, אָרים פאָלק.“

אין דער מודעה ווערט ווייטער געפאָדערט, אז אלע געשעפטען זאָלען גלייך געעפנט ווערען און אַלע שילדען זאָל מען אין פערלויף פון דריי טעג

איבערשרייבען אויף אוקריינישׁ און דוקא אין א ליטעראַרישען אוקריינישׁ. וועֶר ס'וועט ניט פאָלגען, וועט איבערגעגעבען ווערען צום קריגס־געריכט. און פאַר ניט עפענען אַ געשעפט וועט מען בעשטראָפען מיט 6000 רובעל.

אין זעלביגען טאָג האָט סעמאָסענקאָ ארויסגעלאָזט א צווייטע מודעה, וואו ער שרייבט, אז אין דער נאכט פון דעם 14־טען אויפ'ן 15־טען פעברואַר האָבען אונבעקאַנטע, געוויסענלאָזע, עהרענלאָזע מענשען אופגעהויבען אנ'אויפשטאַנד נעגען דער עקזיסטירענדער מאכט. „די דאזיגע מענשען, וועלכע געהערען לויט די דערהאַלטענע אינפאָרמאציעס צו דער אידישער נאציע, האָבען געוואלט פערכאַפען אין זייערע הענד די מאַכט, ארייגברענגען אַ פלאָנטער אין דער מלוכה און אין דעם מיליטער־אפאראט און אריינ־ווארפען די אזוי געפלאָגטע אוקריינע אין אנארכיע און אונאָרדנונג. עס זיינען אָנגענומען געוואָרען ענערגישע מיטלען, כדי צו אונטערדריקען דעם אויפשטאַנד. עס איז מעגליך, אז ס'האָבען געליטען אונשולדיגען אבער זייער בלוט מוז פאלען אלס קללה אויף די פראוואָקאטארען און אוואנטיוריסטען."

כאָטש די שחיטה איז געווען אָפיציעל אָבגעשטעלט, זיינען פאָרגעקומען פיעל פאַלען פון מאָרד זונטאָג און מאָנטאָג.

לויט דעם בעפעהל פון סעמאסענקאָ האָט מען געדארפט מאָנטאָג מקבר זיין די קרבנות פון דער שבת'דיגער שחיטה. די בר־מינן'ס זיינען געלעגען אין די הייזער און געוואַלגערט זיך אין די גאַסען 3 טעג, פיעל בר־מינן'ס זיינען געווען צעפרעסען פון חזירים. ווי ִ דער עדות פינקעל בעהויפטעט, האָט ער אַליין געצעהלט איבער 1000 טויטע, אָבער די צאָהל קרבנות איז געווען אַסך מעהר. מען האָט אויסגעגראָבען פאר אלע טויטע איין גרויסען קבר און 4 קלענערע. אופ'ן בית־עולם האָבען זיך ארומגעדרעהט גנבים, וועלכע האָבען אויסגערויבט די טויטע. מען האָט געפונען פרויען מיט אָבגעהאקטע פינגער, — קענטיג מחמת די רינגען, וואָס זיי האָבען געטראגען. ניט קוקענדיג אויף דער ענערגיע, מיט וועלכער מען האָט געארבעט ביי דער קבורה, איז ערשט דינסטאָג 4 אזייגער פאַרטאָג די ארבעט פערענדיגט געוואָרען.

כדי סעמאסענקאָ'ען וייבער צו מאכען, האָבען די אידען צענויפגעזאַמעלט צווישען זיך 300000 רובעל און דאָס איבערגעגעבען דורך דער שטאדט־פערוואלטונג סעמאסענקאָ'ען פאר די נויטען פון גאַרניזאָן. סעמאסענקאָ האָט אָבגעדאַנקט פאַר די געלד מיט א מודעה, אין וועלכער ער האָט געשריבען, אז ער האָט ער־האלטען די געלד פון דער גאַנצער בעפעלקערונג פון פראסקוראָוו, און ער דאַנקט איהר דערפאַר, וואָס זי האָט אויף אזאַ פאַסיגען אופן אָפגעשאַצט די ארבעט פון זיינע קאָזאַקען. אין דעם זעלבען זין האָט ער אינפאָרמירט די צענטראַלע מאַכט.

דעם 27־טען פעברואַר האָט ער ארויסגעלאָזען אַ מודעה, וועלכע הויבט זיך אָן מיט די פאָלגענדע ווערטער:

„זשידעס, צו מיר זיינען דערגאַנגען ידיעות, אַז איהר האָט נעכטען געוואָלט אָרגאַניזירען אַ פערזאַמלונג אין דער אַלכסנדר־גאַס, כדי צו פערכאַפען די מאכט און אז 4 אַזייגער פאַרטאָג גרייט איהר זיך צו מאכען אַזאַ אויפשטאַנד ווי דעם 14־טען און 15־טען פעברואַר". עס פאָלגען ענטשפרעכענדע סטראַשונקעס.

די גאנצע מעשה איז געווען א בלבול פון אַנטיסעמיטישע העצער.

## סעמאָסענקאָ'ס דימיסיע.

דער קאָמיסאָר טאַראַנאָוויטש, האָט אָבגעדאנקט און ס'האט זיך איינגעגעבען אוועקזעצען אויף זיין אָרט ווערכאלאָ'ן, וועלכער האָט געטהאָן אלץ וואָס איז געלעגען אין זיינע כחות, כדי צו מאַכען אָרדנונג אין שטאָדט. ווערכאָלאַ'ן איז אויך געלונגען צו פועל'ען אין הויפט־קוואַרטיר אָבצורופֿען סעמאָסענקאָ'ן פֿון פראסקוראווער גאַרניזאָן און שיקען איהם צום פֿראָנט. סעמאסענקא'ן האָט זיך אָבער ניט געגלוסט אַוועקצוגעהען, ווען ער האָט אָבער געזעהען, אַז ער וועט גארנישט מעהר ניט פועל'ען, האָט ער זיך בענוצט מיט דער געלעגנהייט, וואס ער איז ווענעריש קראַנק געווען און האט זיך געלאָזט געבען פֿון א דאקטוירים־קאנסיליום אנ'אטעסט, אַז ער מוז זיך צייטווייליג צוריקציהען, כדי זיך צו היילען אין אַ לאַזאַרעט. ס'איז אָהן אַ ספֿק אַז סעמאסענקאָ, וועלכער האָט פֿערגאָסען אזוי פֿיעל אידישע בלוט, איז געווען באמת אַ ווערקצייג אין די הענט פֿון דעם פראָסקוראָווער שטאָדט־קאָמענדאַנט קיווערטשוק, אַנ'אַלטער דינער פֿון צאַר און שווארצ'מאָה'דיגער פּאָגראָמשטשיק.

## פֿעלשטין.

דעם פֿעלשטינער פּאָגראָם דאַרף מען בעטראַכטען ניט אַלס עפּעס זעלבשטענדיגעס, נאָר אַלס אַ טייל פֿון דער פראָסקוראָווער שחיטה.

פֿרייטאָג דעם 14־טען פֿעברואַר, ווען ס'איז צוגעגרייט געוואָרען דער באָלשעוויסטישער „אויפֿשטאַנד“, איז אַ טייל חיל געשיקט געוואָרען פֿון פראָסקוראָוו קיין פֿעלשטין, כדי אויך דאָרט צו מאַכען „רעוואָלוציע“. קומענדיג אַהין, האָבען די באָלשעוויקעס אַרעסטירט דעם מיליץ־קאָמענדאַנט און אנדערע פֿאָרשטעהער פֿון דער אַדמיניסטראַציע, אָבער זיי האָבען די לעצטע גלייך ווידער ארויסגעלאָזט נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך שריפֿטליך מתחייב געווען זיך אונטערצואוואַרפֿען דער נייער מאַכט. אַזוי זיך אָבער ווי די באָלשעוויסטישע סאָלדאַטען האָבען זיך דעם 15־טען דערוואוסט, אַז דער „אויפֿשטאַנד“ אין פראָסקוראָוו אַיז דורכגעפֿאַלען, האָבען זיי פֿערלאָזען פֿעלשטין און זיך פֿונאַנדערגעלאָפֿען אין פֿערשיידענע ריכטונגען. דער עפּיזאָד מיט'ן באָלשעוויסטישען „אויפֿשטאַנד“ האָט שטאַרק בעאונרוהיגט די אָרטיגע אידישע בעפֿעלקערונג. שבת אָוועגד זיינען דערגאַנגען אין פֿעלשטין קלאַנגען וועגען די פּאַסירונגען אין פראָסקוראָוו, זונטאָג זיינען די קלאַנגען געוואָרען נאָך פעסטער. די אידען האָבען אין זייער שרעק זיך געווענדעט צום מיליץ־קאָמענדאַנט מיט דער בקשה צו פֿערשטאַרקען די שוץ. דער קאָמענדאַנט האָט צוגעזאָגט צו פֿערשטאַרקען די אָרטיגע וואַך מיט פויערים פֿון שכנה'שען דאָרף פּאַריטשיאַ און אויך צו ברענגען הילף פֿון פראָסקוראָוו. צו דעם צוועק האָט ער בעקומען פֿון די אידען אַ ענטשפּרעכענדע געלד־סומע. מאָנטאָג אין דער פֿריה איז טאקע געקומען פֿון דאָרף פּאַריטשיאַ די כלומר'שטע הילפֿס־וואַך, נעמליך, בעוואָפֿענטע יונגע פויערים, וועלכע האָבען אַרומגערינגעלט דאָס שטעדטעל. דער מיליץ־קאָמענדאַנט איז דאַן אָבגעפֿאָהרען קיין פראָסקוראָוו און איז צוריקגעקומען 6 אַזייגער אין אָוועגד, הינטער איהם קאָזאַקען מיט „רויטע באַיאָנעטען“, דאָס זיינען געווען, ווי מען האָט שוין געוואוסט אין פֿעלשטין, די גבורים פֿון פראָסקוראָווער שחיטה. די אידען,

זעהענדיג וואָס זיי ערוואַרט, האָבען זיך גענומען בעהאַלטען איטליכער וואו ער האָט נאָר געקענט. ס'רוב זיינען זיי פערקראָכען אין די קעלערס און בוידימער. אַ סך האָבען געפּרובט ענטלויפען פון שטעדטעל, אָבער די וואַך, וואָס האָט איהר ארומגערינגעלט און וועלכע איז פאַר אידישע געלד געבראַכט געוואָרען כלומר'שט צו בעשיצען די אידען, האָט קיין אידען ניט דורכגעלאָזט. די נאַכט זיינען די אידען אָבגעקומען מיט בלויזען שרעק. אויף מאָרגען 7 אַזייגער אין דער פריה זיינען די היידאַמאַקעס לויט אַ סיגנאַל צענויפגעקומען און זיינען אויסגעשטעלט געוואָרען אויפ'ן מאַרק־פּלאַץ אין שורות, איינער האָט פאַר זיי געהאַלטען אַ רעדע, גלייך דערנאָך האָבען זיי זיך פונאַנדערגעטיילט איבער דער שטאָדט. די שחיטה האָט זיך אָנגעהויבען. זי האָט געדויערט עטליכע שעה. עס זיינען אויפ'ן אָרט דערהרג'עט געוואָרען 485 פערזאָנען און 180 פערוואונדעט. פון די לעצטע זיינען איבער הונדערט געשטאָרבען פון די וואונדען, אַזוי, אַז די צאָהל טויטע דערגרייכט 600, דאָס איז כמעט אַ דריטעל פון דער גאַנצער אידישער בעפעלקערונג, וועלכע האָט געצעהלט 1900 נפשות. דאָס רוב פון די פרויען־קרבנות האָט מען פאַר'ן קוילען געשענדעט. צווישען די פרויען, וועלכע זיינען נצול געוואָרען פון טויט, זיינען אויך געווען אַ סך געשענדעטע. אין אונטערשייד פון פראָסקוראָוו, האָט מען אין פעלשטין אין איין צייט געמאָרדעט און גערויבירט. אין די ראַבירונגען האָבען די פויערים פון די אַרומיגע דערפער גענומען אַ חלק. ניט וועניגע האָבען געראַטעוועט דאָס לעבען נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס זיי האָבען געהאַט ביי זיך גרעסערע געלדסומעס. דער פאָגראָם האָט זיך געענדיגט פונקט ווי ער האָט זיך אַנגעהויבען, מיט אַ סיגנאַל. די בלוטיגע וואַקכאַנאַליע האָט זיך געענדיגט מיט'ן אונטערצינדען דריי פון די בעסטע הייזער אין שטעדטעל. ווי פערשיידענע עדות בעריכטען, האָבען זיי געזעהן טעלעגראַפישע בעפעהלען פונ'ם פראָסקוראָווער קאָמאַנדאַנט קיווערטשוק צו די מיליץ־קאָמענדאַנטען אין די שכנה'שע דערפער „אַלע אַגיטאַטאָרען און אידען" צו דערשיסען אויפ'ן אָרט אָדער איהם צוצושטעלען אין פראָסקוראָוו אויף צום שיסען. דער בעפעהל האָט אויך ניט וועניג אידען אין פעלשטין געקאָסט דאָס לעבען.

# דער צווייטער זשיטאָמירער פּאָגראָם.

## 22—26 מערץ 1919.

(לויט דעם בעריכט פון הערר ליפשיץ, פערטרעטער פון צענטראַלען אידישען הילפס־קאָמיטעט אין דער אוקריינע).

דעם 21־טען מערץ איז דער באָלשעוויסטישער חיל אוועק פון זשיטאָמיר, דעם 22־טען אין דער פריה] זיינען ביי ווראנגעלעווקע (פאָרשטאָדט פון זשיטאָמיר) אָנגעקומען פעטליוראַ'ס טרופען. ווי גאָר די באָלשעוויקעס זיינען אוועק, האָבען די כלל־טהוער פון זשיטאָמיר בעשלאָסען צו שיקען אַ דעלעגאַציע מקבל פנים צו זיין די טרופען פון דעם דירעקטאָריום, מיט דעם צוועק צו משפיע זיין, אַז זיי זאָלען ניט מאַכען קיין פּאָגראָם אין דער שטאָדט, ווי מען האָט דאָס ערווארט לויט קלאַנגען, וועלכע האָבען זיך אַרומגעטראָגען. די דאָזיגע קלאַנגען זיינען ענטשטאַנען דורך דער שטאַרקער אַנטיסעמיטישער אַגיטאַציע, וואָס איז געפיהרט געוואָרען אין דער שטאָדט. די שוואַרצ'מאַה'ניקעס האָבען איינגערעדט דעם עולם, אַז אין דער צייט פון די באָלשעוויקעס זיינען אין זשיטאָמיר דער'הרג'עט געוואָרען 1700 קריסטען. אין דער אֶמת'ען זיינען פון דעם 12.—21. מערץ דערשאָסען געוואָרען דורך די באָלשעוויקעס 21 מענשען און דערפון איז, ווי עס ווערט ערקלערט פון דער באָלשעוויסטישער זייט, אַ טייל געפאַלען אין דער צייט פון די קעמפע. די בעהויפּטונג וועגען די 1700 דערשאָסענע קריסטען איז ערפונדען געוואָרען מיט אַנ'אויסגעשפּראָכענעם פּראָוואָקאַטאָרישען צוועק. די טשינאָווניקעס האָבען איינגערעדט דעם עולם, אַז אַלע אינסטיטוציעס אין זשיטאָמיר זיינען פערכאַפּט פון די זשידעס און אַז באָלשעוויקעס און זשידעס זיינען איינס און דאָסזעלבע. באֶמת'ען אָבער האָט זיך די אידישע בעפעלקערונג אין זשיטאָמיר, ווי אומעטום, בעצויגען פערשיידען צו די באָלשעוויקעס. די בורזשואַזיע, דאָס קליינבירגערטום און אַ בעדייטענדער טייל פון דער אינטעליגענץ האָבען זיך געהאַלטען צו זיי פיינדליך. די לעצטע פון זייער זייט האָבען צווישען די משכנות פאַר דער ארויפגעלעגטער קאָנטריבוציע געהאַלטען אויך אַ בעדייטענדע טייל אידען.

דורך דער געשילדערטער פּראָפּאַגאַנדאַ איז ביים צוריקקומען פון פעטליוראַ'ס טרופען די אַטמאָספערע געווען צוגעגרייט צום פּאָגראָם, פון וועלכען מען האָט שוין גערעדט לכתחילה, ווי פון אַ זיכערער זאַך; מחמת דעם זיינען אַ מאַסע אידען, צווישען זיי כמעט די גאַנצע יוגענד, אַוועק פון דער שטאָדט. צווישען די ענטלאָפענע איז געווען אַ בעדייטענדער טייל, ווען ניט די מערהייט, וועלכע האָבען צום באָלשעוויזם לחלוטין קיין שייכות ניט געהאַט. זיי זיינען אַוועק פשוט מחמת מוראָ

פֿאַר אַ צווייטען פּאָגראָם. אַלע אַנטלאָפֿענע זיינען אָבער ערקלערט געוואָרען פֿאַר באָלשעוויקעס, און די, וועלכע האָבען געפּרובט צוריקצוקומען, זיינען דערשאָסען געוואָרען. איין גרופּע יונגע לייט, וועלכע איז צוריקגעקומען פֿון בערדיטשעוו, איז געלונגען צו ראַטעווען דאָס לעבען נאָר אַ דאַנק די ענערגישע בעמיהונגען פֿון דער שטאָדטיגער זעלבסטפֿערוואַלטונג און פֿון איינינגע ניט אידישע כלל־טהוער.

אין דער אויבענדערמאנטער דעפּוטאַציע, וועלכע איז געגאַנגען שבת אין דער פֿריה דעם 22־טען מערץ בעגעגענען פּעטליוראַ׳ס חיל אין וואָראַנגעלעווקע זיינען אַריין: דער שטאָדט־פּרעזידענט פּיוועצקי, דער מיטגליעד פֿון דעם אַרבעטס־קאָנגרעס דזעוואַלטאָווסקי, דער וויצעפּרעזידענט פֿון שטאָדט יאַניצקי און אַ מיטגליעד פֿון דער אידישער קהלה. די דעלעגאַציע האָט געהאַט נאָר איין אויפֿגאַבע: פּועל׳ן בײם חיל זיך אָבצוהאַלטען פֿון עקסצעסען אין דער שטאָדט. די מיטגליעדער פֿון דער דעלעגאַציע זיינען געפֿאָהרען אין איין דראָשקע. אַנ׳אָפֿיציער, וועמען זיי האָבען בעגעגענט אויפֿ׳ן וועג, האָט זיי שטאַרק גע׳עצה׳עט ניט ווייטער צו פֿאָהרען און האָט זיי געגעבען אָנצוהערען, אַז דער אידישער מיטגליעד שטעלט זיין לעבען אין סכנה. די דעלעגאַציע האָט דערפֿאַר בעשלאָסען, אַז דער פֿערטרעטער פֿון דער אידישער קהלה זאָל ווייטער ניט מיטפֿאָהרען. דעם לעצטען האָט זיך איינגעגעבען דורך אומוועגען צוריקצוקעהרען אין דער שטאָדט. אויפֿ׳ן וועג האָט ער געזעהען די ערשטע קרבנות, וועלכע זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרען דורך די אָנגעקומענע סאָלדאטען. אויפֿ׳ן שאָסע, וואָס פֿיהרט פֿון וואָראַנגעלעווקע קיין זשיטאָמיר, איז דערשאָסען, אַלס ערשטער, אַ זיבעציג יאהריגער זקן, וואָס איז געגאַנגען אין שול מיט׳ן טלית אונטער׳ן אָרעם.

ווען די דעלעגאַציע פֿון דער שטאָדטיגער זעלבסטפֿערוואַלטונג איז אָנגעקומען אין שטאַב פֿון דער ערשטער אָנגעקומענער אָבטיילונג, האָט מען איהר אָנגעוויזען אויף די 1700 קריסטען, וואָס די „זשידעס“ האָבען כלומר׳שט דער׳הרג׳עט. די דעלעגאַציע האָט די בעהויפּטונג אָבגעלייקענט און האָט פֿערזיכערט, אַז ס׳וואָלט געווען אַ גרויסע גוזמא צו רעדען אַפילו פֿון הונדערט באָלשעוויסטיש דערשאָסענע. ווען די מיטגליעדער פֿון דער דעלעגאַציע האָבען געגעבען זייער עהרען־וואָרט, אַז דאָס איז זיי געווי בעקאַנט, האָט מען זיי געזאָגט אין שטאַב, אַז אינטעליגענטע מענשען קען מען נאַטירליך איבערצייגען, אָבער ניט די סאָלדאַטען, וועלכע זיינען שטאַרק געשטימט געגען די אידען. דער שטאַב איז ניט בכח צו בעהערשען די שטימונג פֿון די סאָלדאטען.

דער פּאָגראָם, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבען דעם 22־טען מערץ, האָט געדויערט 5 טעג, די גרעסטע צאהל קרבנות איז געפֿאַלען אין די ערשטע דריי פּאָגראָם־טעג. אין זשיטאָמיר אַליין, ניט רעכענענדיג די אַרומיגע דערפֿער, זיינען געפֿאַלען 317 אידען. דער גרויסער רוב פֿון די קרבנות זיינען געווען זקנים, פֿרויען און קינדער. יונגע לייט זיינען צווישען די קרבנות געווען וועניג, ווייל די יוגענד איז אוועק מיט די באָלשעוויקעס, אָדער האָט זיך בעהאַלטען. ביי די אָנפאַלען אויף די הייזער האָבען זיך איינינגע אויסגעקויפֿט מיט געלד; ביי אַנדערע האָט מען פֿריהער גענומען געלד און זיי דאָך דער׳הרג׳עט.

דער חשק צו מאָרדען איז ביים צווייטען פּאָגראָם ארויסגעטראָטען אַ סך שטאַרקער ווי ביים ערשטען. עס וואָלטען זיכער נאָך מעהר ווי 317 מענשען דער׳הרג׳עט געוואָרען, ווען אַ סך קריסטען וואָלטען ניט בעהאַלטען ביי זיך אַ גרויסע

צאָהל אידען און, וואָס איז נאָך וויכטיגער, ווען אין 24־טען מערץ וואָלט זיך ניט אָנגעהויבען אַ נייע באָלשעוויסטישע אַטאַקע אויף זשיטאָמיר, צוליעב וואָס די סאָלדאַטען זיינען אַוועקגעשיקט געוואָרען צום פראָנט.

דעם 23־טען מערץ, אין סאַמען ברען פֿון פּאָגראָם, האָט פעטליוראַ בעזוכט זשיטאָמיר. מען האָט איהם אינפֿאָרמירט איבער די פּאַסירונגען אין דער שטאָדט. ער האָט פֿערזיכערט, אַז ער האָט ארויסגעגעבען אַלע נויטיגע בעפֿעהלען אָבצושטעלען דעם פּאָגראָם. אָבער באמת'ען זיינען ביז צום 25־טען מערץ ניט אָנגענומען געוואָרען קיינע מיטלען געגען די הריגות. ערשט דעם 25־טען מערץ האָט די פֿעלד־זשאנדארמעריע, וועלכע איז בעשטאנען פֿון גאליציאנער מיט בוגאָצקי בראש, גענומען קעמפֿען געגען די אָנפֿאַלען, און דערמיט איז דער פּאָגראָם מיט אַ מאָל איינגעשטילט געוואָרען. וואָס פֿאַר אַ ראָלע די פֿיהרער פֿון פעטליוראַ'ס חיל האָבען געשפילט אין די פּאַסירונגען, זעהט מען פֿון דעם געשפרעך פֿון דעם גאַרניזאָן־קאָמענדאנט פעטראָוו מיט די מיטגליעדער פֿון דער פּאָגראָם־אונטערזוכונגס־קאָמיסיע. (זעה אונטען).

אַחוץ די דער'הרג'עטע איז געווען אַ גרויסע צאָהל פֿערוואונדעטע. גענויע ציפֿערען איז שווער צו בעשטימען, ווייל די פֿערוואונדעטע זיינען געבליבען ביי זיך אין דער היים און האבען זיך ניט געקענט ווענדען נאָך מעדיצינישע הילף. עס איז פֿאָרגעקומען, אַז שווער פֿערוואונדעטע זיינען מעהרערע טעג געלעגען אָהן וואָס פֿאַר אַ ניט איז מעדיצינישע הילף. ערשט אין 4־טען פּאָגראָם־טאָג זיינען, לויט דער איניציאַטיווע פֿון די שטאָדט־דומע־מיטגליעדער דאָמאַנעווסקי און אנד., אָרגאַניזירט געוואָרען פֿליהענדע סאַניטאַרע אָבטיילונגען אויף צו געבען הילף די פֿערוואונדעטע; אָבער זיי האָבען בעגעגענט אַ ווידערשטאנד מצד די סאָלדאַטען, וואָס האָבען זיך אַרומגעדרעהט אין די גאַסען. איינינע באַרמהערציגע שוועסטער האָבען אינאיינעם מיט קריסטען געטראָגען אַ שווער פֿערוואונדעטען זקן אין קראנקען־הויז, אויפֿ'ן וועג זיינען זיי אָבגעשטעלט געוואָרען פֿון סאָלדאַטען, וועלכע האָבען געוואָלט דעם פֿערוואונדעטען דער'הרג'ענען. מיט גרויסע מאַטערניש האָט זיך די באַרמהערציגע שוועסטער איינגעגעבען איבערצייגען די סאָלדאַטען אָבצולאָזען דעם קראַנקען. די לעצטע זיינען מסכים געווען מיט דעם תנאי, אז די שוועסטער זאָלען איהם ניט ברענגען אין קראנקען־הויז, נאָר אָבטראָגען אַהין, וואו זיי האָבען איהם גענומען.

אַ שרעקליך בילד האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט דער בית־עולם אין דעם טאָג, ווען די הרוגים זיינען געבראַכט געוואָרען צו קבורת ישראל. די גאנצע טהרה־שטיבעל איז געווען אָנגעפֿילט מיט בר־מינן'ס פֿון זקנים, פֿרויען און קינדער.

דעם 24־טען מערץ, ווען דער אָנגריף פֿון די באָלשעוויקעס אויף זשיטאָמיר האָט זיך אָנגעהויבען, האָט מען גענומען פֿערשפרייטען אין דער שטאָדט קלאנגען, אז ווען די באָלשעוויקעס וועלען ווידער אריין אין שטאָדט, וועלען די „זשידעס“ אויסקוילען אַלע קריסטען. אָט מחמת די דאָזיגע קלאנגען זיינען אַ סך קריסטען אַוועק קעמפֿען געגען די באָלשעוויקעס; צווישען די, וואָס זיינען צוגעשטאנען צו פעטליוראַ'ס חיל, זיינען געווען אַ סך טשינאָווניקעס, שוהל־יוגענד און כמעט די גאַנצע מענליכע בעפֿעלקערונג פֿון די פֿאָרשטעדט וורַאנגעלעווקע און מאַלעוואַנקע, וואו ס'לעבט דער פֿינסטערסטער טייל פֿון דער בעפֿעלקערונג. צווישען די דאָזיגע פֿרייוויליגע האָבען זיך געפֿונען הייסע געגנער פֿון אוקריינישער זעלבשטענדיגקייט;

די ווילדע שנאָה צו די אידען איז געווען דאס איינציגע, וואָס האָט געבראכט אָט דעם „עכט רוסישען" עלעמענט אין פעטליוראַ'ס לאַגער; אַנדערע קריסטען ווידער האָבען פֿערלאָזען די שטאָדט. ס'זיינען פֿאָרגעקומען אַ סך פֿאַלען, ווען קריסטען, בייטענדיג די ראָלען, האָבען זיך געווענדעט צו אידען מיט דער בקשה זיי צו בעהאַלטען. דעם 25־טען מערץ, ווען עס זיינען נאָך פֿאָרגעקומען אָנפֿאַלען אויף די אידישע הייזער, איז פובליקירט געוואָרען אַ בעפֿעהל פֿון בעלאַגערונגס־קאָמענדאַנט וואָזני. אין דעם בעפֿעהל איז געשטאַנען צווישען אַנדערע: „אַזוי ווי די רוה איז ווידער אויפֿגעשטעלט געוואָרען, לעג איך פֿאָר דער בעפֿעלקערונג, ספעציעל דער אידישער, זיך ניט בעהאַלטען אין די הייזער, נאָר ארויסגעהן אויפֿ'ן גאַס". פֿאַר דער פובליקאַציע פֿון דעם דאָזיגען בעפֿעהל האָט דער שטאָדט־דומע־מיטגליעד פראָקודין שטארק געבעטען דעם קאָמענדאַנט וואָזני ארויסצונעהמען דעם דערמאָנטען פונקט פֿון בעפֿעהל, אויפֿווייזענדיג, אַז מען קען די אידען ניט צווינגען צו געהען אויפֿ'ן גאַס, ווען זייער לעבען איז נאָך אין סכנה און אַז אזאַ מין פֿאָרשלאַג מוזווירקען ווי אַ פראָוואָקאציע; אָבער וואָזני האָט די ציטירטע ווערטער איבערגעלאזען. אין דער איינענער צייט האָבען וואָזני און לויט זיין ביישפיעל אויך אַנדערע פערזאָנען, צווישען זיי אויך בוגאַצקי, ארויסגעלאָזט אַ בעפֿעהל, וואָס האָט פֿערלאַנגט פֿון די הויז־קאָמיטעטען מיטצוטיילען ידיעות וועגען די פערזאָנען, וואָס האָבען פֿערלאָזען די שטאָדט צוזאמען מיט דעם סאָוויעט־חיל מיט'ן צוועק צו פֿערפאָלגען די קרובים פֿון די ענטלאָפֿענע.

דער צווייטער פאָגראָם אין זשיטאָמיר איז געווען בעיקר אַ פאָגראָם פֿון די פעטליוראַ־סאָלדאַטען, אָבער אין איהם האָבען זיך אויך בעטייליגט פֿיעל אָרטיגע איינוואָהנער. עס זיינען פֿערצייכענט געוואָרען פאַלען, ווען די פנים'ער פֿון די רויבער זיינען געווען איינגעשמירט אין סאַזשע. דער צוועק דערפֿון איז קלאָר. צווישען די רויבער זיינען געווען אויך בעאמטע, ספעציעל פֿון דער פאָסט.

דאָס רוב דער'הרג'עטע זיינען געווען ניט קיין פֿערמעגליכע פערזאָנען, די פֿערמעגליכע אידען האָבען זיך געקענט צום טייל אויסקויפֿען מיט געלד. אַ 74־יאָהריגער זקן איז דער'הרג'עט געוואָרען, ווייל ער האָט געהאַט ביי זיך נאָר 18 רובעל, בעת די רויבער האָבען פֿערלאנגט 1000.

נאָכ'ן פאָגראָם איז אין אָפֿיציעלען ביולעטען פֿון דער גובערנסקער אָבטיילונג פֿון אינפֿאָרמאציאָנס־ביוראָ ערשינען אַ מיטיילונג, אַז צוזאמען מיט די רעגולערע פעטליוראַ־טרופען, איז דעם 22־טען מערץ אין זשיטאָמיר אָנגעקומען אַן'אָבטיילונג פֿון רעוואָלטירענדע פויערים פֿון טשערניאַכאָווער וואָלאָסט. עס רעדט זיך דאָ מכח דער אָבטיילונג, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין טשערניאַכאָוו לויט דער איניציאַטיווע פֿון סאָקאָלאָווסקי. די אויפֿרופֿען וועגען די אָרגאַניזירונג פֿון דער אָבטיילונג האָבען געטראָגען אַ פאָגראָם־כאַראַקטער. אין זיי איז געשטאַנען, אַז אין דער אָבטיילונג מוז זיך פֿערשרייבען יעדער, וועלכער וויל ניט ווערען אַ געדונגענער ביי די „זשידעס". די אויפֿרופֿען זיינען געדרוקט געוואָרען אין דער וואָלינער גובערנסקע דרוקעריי. ווען מען האָט געוויזען דעם וואָלינער גובערניאַלען קאָמיסאַר אַן'עקזעמפלאַר פֿון אַן'אויפֿרוף און ער האָט געפֿרעגט דעם פֿערוואַלטער פֿון דער דרוקעריי ווער ס'האָט ערלויבט צו דרוקען דעם אויפֿרוף, האָט דער לעצטער געענטפֿערט, אַז ס'איז ניט נויטיג קיין ערלויבעניש צו דרוקען אזוינע אויפֿרופֿען, ווייל זיי שטאַמען פֿון דער קריגס־מאַכט. בעת

פעטליוראַ'ס חיל איז געווען אין זשיטאָמיר, זיינען אין דער זעמסקער דרוקעריי געדרוקט געוואָרען נאָך שאַרפֿערע פאָגראָם-אויפֿרופֿען. דאָרט זיינען געשטאַנען בפורש'דיגע אויפֿפֿאָדערונגען: „שלאָגט די אידען!“ עקזעמפלאַרען פֿון די דאָזיגע אויפֿרופֿען געפֿינען זיך ביים קאָלעגיום פֿון די געוועזענע מיטגליעדער פֿון ארבעטס-קאָנגרעס.

די שטימונג אין זשיטאָמיר איז געווען אזוי צערייצט, אז כדי צו בעזאָרגען די געליטענע פֿון פאָגראָם, וואָס זיינען אין זייערע הייזער אויסגעגאַנגען פֿון הונגער, מיט נאַהרונגס-מיטלען, האבען קריסטליכע כלל-טהוער געמוזט שאַפֿען אַ האַלב ניט לעגאַלע אָרגאַניזאציע.

כדי אויסצופֿאָרשען די ענינים אין שייכות צום באָלשעוויזם, איז בעשטימט געוואָרען אַנ'אויסעראָרדענטליכע קאָמיסיע. מיט די ענינים האָט זיך אויך בעשעפֿטיגט די פּאָליטישע אָבטיילונג. אַלס באָלשעוויקעס זיינען אַרעסטירט און בעשולדיגט געוואָרען מענשען, וועלכע האבען ניט געהאט קיין שום שייכות צום באָלשעוויזם. זייערע ענינים זיינען איבערגעגעבען געוואָרען אין דער פּאָליטישער אָבטיילונג; דערנאָך פֿלעגען זיך אָפֿט מעלדען ביי די פֿאַמיליעס פֿון די אַרעסטירטע אָפֿיציערען, וועלכע האבען זיך ערקלערט גרייט צו בעפֿרייען די אַרעסטירטע פֿאַר געלד. אַ סך האָבען ניט אָבגעזאָגט זייער פֿערלאַנג אין דער מורא, אז מען וועט זייערע קרובים דערשיסען. די אלע רדיפות האבען זיך געווענדעט געגען די אידען.

ווען דער גובערניאַלער קאָמיסאַר האָט בעקומען פֿון דער קאָלעגיע פֿון די מיטגליעדער פֿון אַרבעטס-קאָנגרעס ריכטיגע אינפֿאָרמאַציעס וועגען דער אויפֿפֿיהרונג פֿון דער מיליטער-מאכט אין די פאָגראָם-טעג, איז ער אליין פֿערציטערט געווארען, אָבער ער איז ניט געווען בכח עפעס צו טהאָן, ווייל די גאנצע מאכט איז געלעגען אין די הענד פֿון מיליטער, וואו ס'האָבען זיך בלי שום ספק געפֿונען רוסישע שווארצ'מאה'ניקעס, וועלכע זיינען מחמת דעם אָדער יענעם טעם צוגעשטאַנען צו פעטליוראַ'ס בעוועגונג. אזוי האָט דער דערמאָנטער פּאָלקאָווניק פעטראָוו, וועלכער איז געווען אין זשיטאָמיר גארניזאָן-קאָמענדאַנט, געזאָגט צו אייניגע כלל-טהוער: „ביז צום 1-טען מערץ 1917 בין איך געווען אַ טרייער דינער פֿון צאַר, נאָך דעם 1-טען מערץ האב איך פֿערשטאַנען, אַז איך האָב געבלאָנזשעט און איך בין געוואָרען אַ סאָציאַליסט“. „סאָציאַליסטען“ פֿון אַזאַ מין זיינען ניט וועניג געשטאַנען בראש פֿון דער מאכט אין זשיטאָמיר.

# מעמאָראַנדום (פראָיעקט) צו דער דירעקטאָריע,

## אויסגעארבעט פֿון ה' אַבאַראַס, פֿערוואלטער פֿון דער אָכראַנע אין זשיטאָמיר.

די שטאָדטיגע זעלבסטפֿערוואַלטונג פֿון זשיטאָמיר האַלט פֿאַר איהר בירגער-חוב בעקאַנט צו מאַכען די דירעקטאָריע מיט דעם איצטיגען העכסט שווערען מצב אין זשיטאָמיר, וואָס איז לחלוטין אָהן אַנ'אויסגאַנג און קען ברענגען סכנות'דיגע רעזולטאַטען. די זשיטאָמירער זעלבסט-פֿערוואַלטונג דריקט אויס קודם כל איהר פֿאָלשטענדיגע לאָיאַליטעט צום העכסטען דעמאָקראַטישען אָרגאַן, וואָס שאַפֿט

איצט די אוקראַיִנישע מלוכה׳שאַפֿט, און די דירעקטאָריע. די שטאָטישע זעלבסט־פֿערוואַלטונג איז איבערצייגט, און די איבערציינונג שטיצט זיך אויף אַ ברייטע אינפֿאָרמירטקייט, אַז די גאַנצע בעפֿעלקערונג פֿון זשיטאָמיר איז דורכגעדרונגען מיט׳ן געפֿיהל פֿון לאָיאַליטעט און אַז אַלע איהרע געדאַנקען זיינען געריכטעט אויף דער דירעקטאָריע אַלס אויף דער איינציגער אינסטיטוציע, וואָס קען פֿערזיכערען דער שטאָדט די גרונד־בעדינגונגען פֿאַר אַ דעמאָקראַטישען מלוכה־לעבען.

נאָך די שווערע טעג פֿון די מאַסען־פּאָגראָמען, פֿון 7. ביז 10. יאַנואַר פֿון היינטיגען יאָהר איז אין דער שטאָדט געשאַפֿען געוואָרען די שווערסטע לאַגע פֿאַר אַלע קלאַסען פֿון די שטאָדטישע בירגער. די ערנעהרונגס־פֿראַגען אין ברייטען זין פֿון וואָרט, די פֿראגען פֿון איינאָרדענען די אויסערליכע אָרדנונג און זיכערקייט, דאָס שאַפֿען פֿון בעדינגונגען, ביי וועלכע ס׳זאָל ניט מעגליך זיין דאָס איבער־חזר׳ען זיך פֿון די שרעקליכע פּאָגראָם־ערשיינונגען, וואָס רייצען אויף אויפֿ׳ן טיפֿסטען אויפֿן די ברייטע שיכטען פֿון דער שטאָדט־בעפֿעלקערונג און די בעפֿעלקערונג פֿון די ארומיגע דערפֿער — די אַלע ענינים זיינען געוואָרען דרינגענדע פֿראַגען פֿון טאָג. די שטאָדטישע זעלבסטפֿערוואַלטונג האָט געדענקט, און מיט איהר איז אויך איבערצייגט געווען די גאנצע דענקענדע בעפֿעלקערונג פֿון זשיטאָמיר, אַז נאָר אַנ־אינטענסיווע, פּלאַנמעסיגע אַרבעט, וואָס איז אַ פועל־יוצא פֿון אַנ׳ענגען צוזאַמענאַרבעטען פֿון דער ציווילער און מיליטערישער מאַכט מיט די געזעלשאַפֿטליכע אָרגאַנען איז בכח צו שאַפֿען געוויסע יסודות פֿאַר אַ נאָרמאַל לעבען.

די שטאָדטישע זעלבסטפֿערוואַלטונג האַלט פֿאַר איהר חוב צו ערקלערען, אַז מצד דער ציווילער מאַכט האָט זי געטראָפֿען אַ גוטווילינע בעציהונג צו אַלע איהרע שטרעבונגען איינצופֿיהרען אין שטאָדט די געזעלשאַפֿטליכע אָרדנונג און אַ פֿולע אונטערשטיצונג פֿון דער דאָזיגער שטרעבונג.

פֿון דער אַנדער זייט האַלט די שטאָדטישע זעלבסטפֿערוואַלטונג פֿאַר אַ קאַטעגאָרישען חוב פֿון איהר געוויסען מודיע צו זיין דער דירעקטאָריע, אז מצד דער מיליטערישער מאַכט זעהט זי ניט קיין אויפֿריכטיגע שטרעבונג צו מאַכען אַ סוף צו די געשעהענישען, וואָס האָבען אויפֿ׳ן טיפֿסטען אויפֿן צעשטערט דעם נאָרמאַלען גאַנג פֿון לעבען און רודערען אויף דאָס געזעלשאַפֿטליכע רעכט־בעוואוסטזיין. די פּאַסיוויטעט פֿון דער מאכט פֿון איין זייט, די ניט בעקלערטע בעפֿעהלען פֿון דער אַנדער זייט, ווארצלען איין אין די מאַסען פֿון דער בעפֿעלקערונג די איבערצייגונג, אַז די מיליטער־מאַכט אין דער פערזאָן פֿון דער קאָמאַנדאַנטור און קאָרפּוס־קאָמאַנדאַ איז לחלוטין אָהנמעכטיג בנוגע צו די ביזוווילינע פערזענליכקייטען, וועלכע רינגלען זיי פֿעסט אַרום און בנוגע די מאסען קאָזאַקען, וועלכע געפֿינען זיך לחוץ יעדער געזונדער דיסציפּלין און וועלכע ווערען סיסטעמאַטיש פֿערדאָרבען דורך דער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדאַ און דורך די פֿערברעכענס, אין וועלכע די דאָזיגע מאַסען ווערען אלע אָהן אויסנאַהם ארייגעצויגען.

די סבעמע, וועלכע די שטאָדטישע זעלבסטפֿערוואַלטונג האָט אויסגעארבעט אַלס יסוד פֿאַר איהר טעטיגקייט איז פֿאָלגענדע: 1) בענייען דעם מיליץ־בעשטאַנד, די מיטגליעדער פֿון וועלכער האָבען זיך ארויסגעוויזען אין אַ סך פֿאַלען אַלס בעטייליגטע אין די ראַבירונגען, וואָס זיינען פֿאָרגעקומען בשעת דעם פּאָגראָם; 2) אויסנוצען דעם שוין עקזיסטירענדען אַפּאַראַט פֿון די נאַכט־וועכטער און בעוואַפֿענטע בירגער־נאַכט־פּאַטרולען; 3) שאַפֿען רעזערווען פֿון פערזאָנען,

וואָס ווערן רעקאָמענדירט פֿון לאָיאַלע נאַציאָנאַלע, פּאָליטישע און געזעלשאַפֿטליכע אָרגאַניזאַציעס; 4) האַלטענדיג, אַז דורך די דאָזיגע פֿאַקטאָרען ווערט די רוה אין שטאָדט ווידעראויפֿגעשטעלט, אויב ס׳וועלען ניט פֿאָרקומען קיין אויסערליכע מניעות, וואָס טראָגען אַנ׳אונבעשטימטען כאַראַקטער, בעט די שטאָדטיגע זעלבסטפֿערוואַלטונג, אַז מען זאָל אַרויסציהען פֿון שטאָדט אַלע מיליטערישע אָבטיילונגען, אחוץ די גאַליצישע „סיעטשעוויקעס“, אין וועמעס דיסציפּלינירטקייט און העכסטען בירגערליכען בעוואוסטזיין די שטאדטיגע זעלבסטפֿערוואלטונג האט זיך איבערצייגט פֿון ערשטען מאָמענט פֿון זייער אַריינטרעטען אין שטאָדט. צום בעדויערען האָט די אַלגעמיינע לאַגע געפֿאָדערט דאָס אַוועקגעהען פֿון די „סיעטשעוויקעס“ פֿון שטאָדט; די איבעריגע מיליטערישע אָבטיילונגען, וועלכע זיינען געווען אין שטאָדט אין די פּאָגראָם־טעג און וועלכע זיינען דורך די פּאָגראָמען שרעקליך דעמאָראַליזירט געוואָרען, זיינען אויף ווייטער פֿערבליבען אין שטאָדט, ניט האָבענדיג קיין בעשטימטע בעשעפֿטיגונג און צוזאַמען מיט די פֿערדאָרבענסטע עלעמענטען פֿון שטאָדט האַלטען זיי די גאנצע בעפֿעלקערונג אין מורא און שרעק.

דאָס אַלץ בעציהט זיך קודם כל אויפ׳ן בעשטאַנד פֿון דעם קאָמאַנדאנטס „סאָטניעס“. די שטאָדטיגע זעלבסטפֿערוואלטונג און די אויספֿאָרשונגס־קאָמיסיע האָט געהאַט די מעגליכקייט זיך צו איבערצייגען אין דעם, אַז פּערזאָנען, אָנגעטהאָן אין מיליטער־קליידער, וועלכע מען האָט געכאפּט מיט גערויבטע זאכען, האבען זיך ארויסגעוויזען אלס אָנגעהעריגע צום קאָמאַנדאנטס „סאָטניעס“. ווען די זעלביגע ווערען איבערגעגעבען זייער אָבטיילונגס־קאָמאַנדאנט, ווערען זיי בעפֿרייט. זיי האָבען נאָך די חוצפה צו קומען אין דער שטאָדטפֿערוואלטונג און אויספֿאָרשונגס־קאָמיסיע און צו פֿאָדערען מען זאָל זיי אָבגעבען צוריק די גערויבטע חפצים און געלד. צוליעב דעם חוצפה׳דיגען בענעהמען פֿון די פֿערברעכער און, איבערהויפּט, צוליעב זייער ביזאַהעריגער אונבעשטראָפֿטקייט איז די אויספֿאָרשונגס־קאָמיסיע געווען געצוואונגען טיילווייז צו ערפֿילען זייערע פֿאָדערונגען. שפּעטער פֿלעגען די זעלבע פּערזאָנען בעוואָפֿענטערהייט אַרומפֿאָהרען איבער דער שטאָדט אויף דראָשקעס און זיך פֿערנעהמען, אָהן אַ ספק, מיט זייערע פֿערברעכערישע מעשים.

צווישען די פּערזאָנען, וועלכע זיינען געשטאנען נאהענט צו דער קאָמאַנדאַנטור און וועלכע האָבען געהאַט אַ השפעה אויף איהר, איז געווען איינער מיט׳ן נאָמען בעק. ער איז געווען בעקאַנט דער שטאָדטיגער זעלבסטפֿערוואַלטונג אַלס אַ גאַנץ פערברעכערישער פּאַרשוין, ער איז מעהרמאָל געווען אָנגעקלאָגט פֿאַר׳ן געריכט פֿאַר קרימינעלע פֿערברעכענס. דער זעלביגער האָט אין 1917 געמאַכט אַנ׳אָנפֿאַל אויף דעם שטאָדטיגען ערנעהרונגס־אַמט, ער איז דעמאָלס געוואָרען אַרעסטירט, אריינגעזעצט אין תּפֿיסה, פֿון וואַנען ער איז פֿערשוואונדען בעת אַ מאסען־אַנטלויף. ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די שטאָדטיגע פֿערוואַלטונג האָט ניט איינמאָל אויפֿמערקזאם געמאַכט אויף דעם פֿאַל, איז זי אויך איצט נאָך ניט איבערצייגט, אַז זשיטאָמיר איז ענדליך בעפֿרייט פֿון דער שעדליכער ווירקונג פֿון דעם דאָזיגען פֿערברעכער.

דאָס זיינען אַלץ איינצעלנע פֿאַלען. די טעטיגקייט פֿון דער מיליטער־מאַכט, וועלכע טראָגט אַנ׳אַלגמיינעם כאַראַקטער, און איהר פּאסיוויטעט דאָרט, וואו אן אקטיוויטעט איז ווירקליך נויטיג געווען, האָבען נאָך מעהר אריינ־

געטראָגן אַ רואינירענדען חאָס ביים ווידעראויפֿשטעלען פֿונ'ם נאָרמאַלען לעבען.

נאָך אין די פּאָגראָם־טעג פֿלעגן צווישען די ראַבירענדע מאַסען פֿערשפּרייט ווערען פֿערשיידענע פּראָוואָקאַטאָרישע קלאַנגען: „די אידען קוילען די קריי־סטען", „די אידען בעוואָפֿענען זיך, כדי איבערצופֿאַלען די קאָזאַקען".

איינער פֿון די איניציאַטאָרען פֿון די קלאַנגען איז געווען דער אויבענדער־מאָנטער בעק. ווען דער פּאָגראָם האָט זיך געענדיגט, האָט די שטאָדט־פֿערוואַלטונג, נעהמענדיג אין בעטראַכט די מעהרמאָליגע אָנווייזונגען פֿון קאָמיסאַריאַט, קאָמאַנ־דאַנטור און דירעקטאָריע גופֿא, אַז ס'איז נויטיג צו שאַפֿען די געהעריגע מיטלען צו בעשיצען די שטאָדט און צוטרעטען צו דער פֿאָרמירונג פֿון די מיליץ־רעזערווען, געשאַפֿען אינסטיטוציעס פֿון נאכט־וועכטער און בעוואַפֿענטע בירגער־פּאטרולען. די שטאָדט האָט געבעטען אויף דעם די סאַנקציע פֿון קאָמאַנדאַנט, וועלכער האָט פֿערזיכערט, אַז ער וועט איבערגעבען דער „קאָמיסיע פֿאַר געזעלשאַפֿטליכער זיכערקייט" 600 ביקסען מיט ציינגענישען פֿון דער קאָמאַנדאַנטור. אין דער איינגענער צייט האָט די שטאָדטפֿערוואַלטונג געבעטען דעם קאָמאַנדאַנט ארויסצו־געבען אַ פֿעראָרדנונג, אַז אַלע גערויבטע חפצים דאַרפֿען צוריקגעגעבען ווערען, כדי ביי דער בעפֿעלקערונג זאָל זיך ניט איינוואָרצלען דער געדאַנק, אַז אַלץ, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין דער צייט פֿון פּאָגראָם, וועט אריבערגעהן אונבעשטראָפֿט. די שטאָדטיגע זעלבסטפֿערוואלטונג האָט אויך צוגעשטעלט אַ פּראָיעקט פֿון אַזאַ פֿעראָרדנונג. נאָר ביז איצט איז נאָך די פֿעראָרדנונג ניט ארויסגעגעבען געוואָרען.

לויט אַ פֿאָרשלאַג פֿון קאָמאַנדאנט האָט די שטאָדטיגע זעלבסטפֿערוואַלטונג דורך דער פּרעסע און דורך פֿערטיילען און פֿונאַנדערקלעפּען פּאסיגע מודעות, געגעבען צו וויסען אַלע ביי אָנגעקומענע פּערזאָנען וועגען די ציעלען און בעד־דייטונג פֿון די נאַכט־פּאַטרולען, און ערקלערט, אַז דאָס איז אַ פֿאָלשטענדיג אונפּאָליטישע אָרגאניזאציע, וועלכע האָט איין־איינציגען ציעל: בעשיצען דאָס לעבען און פֿערמעגען פֿון די פֿריעדליכע בירגער.

אָבער גלייך ביים אָנפֿאַנג פֿון דער ארבעט פֿון די נאכטפּאַטרולען האָט שוין די שטאָדטיגע זעלבסטפֿערוואַלטונג געהאַט צו טהאָן מיט אַ סך מיספֿערשטענ־דענישען. ערשטענס האָט דער קאָמאַנדאנט אַרויסגעגעבען אַ בעפֿעהל, וועלכער פֿערוועהרט אלעמען ביי אלע אומשטענדען, אָהן קיין שום אויסנאַהם, צו אַרעסטירען קאָזאַקען. מיט דעם בעפֿעהל האָט ער צוגענומען די מעגליכ־קייט זיך צו וועהרען געגען די מעשים תעתועים, וואס ווערען אָבגעטהאָן פֿון פּערזאָנען אין סאָלדאטסקע שינעלען. קיין ספּעציעלער בעפֿעהל, וועלכער זאָל געבען צו וויסען די מיליטערישע אָבטיילונגען, וואָס געפֿינען זיך אין שטאָדט וועגען די אויפֿגאבען פֿון די נאַכט־וועכטער און פּאַטרולען איז אויך ניט אַרויסגעגעבען געוואָרען. ביקסען האָט די „קאָמיסיע פֿון געזעלשאַפֿטליכער זיכערקייט" בעקומען נאָר 250 שטיק, אמטליכע ציינגענישען האָט זי בעקומען נאָר אויף 220 שטיק. צו קריגען אויסווייזען אויף די איבעריגע ביקסען, וואָס די נאַכט־פּאטרולען האָבען געהאַט, איז ביז איצט ניט געלונגען.

אין דער איינגענער צייט האָבען זיך אָנגעהויבען פּאַרטיזאַנישע ארויס־טרעטונגען געגען די נאַכט־פּאַטרולען מצד פּערזאָנען, אָנגעטהאָנע אין מיליטער קליידער און אוניפֿאָרמען פֿון סאָלדאַטען־עלטסטע. מען האָט אָנ־

געהויבן צו ענטוואַפֿענען די בירגערליכע נאַכט־וועכטער, פֿון אָנפֿאַנג זעלטענער, שפּעטער אַלץ אָפֿטער און צום סוף האָט די ענטוואָפֿענונג אָנגענומען אַ ברייטן און סיסטעמאַטישן כאַראַקטער.

אָפֿטמאָל האָבן מיליטעריש געקליידעטע פּערזאָנען, פֿאָהרענדיג אויף דראָשקעס, געשאָסן פֿון רעוואָלווערן אויף די פֿריעדליכע פּאַטרולען. דערנאָך פֿלעגען די־זעלבע פּערזאָנען געהן אין די קאַזאַרמעס פֿון קינסבורגער פּאָלק, נעהמען פֿון דאָרטען מיליטער־פּאַטרולען און ענטוואָפֿענען די בירגער־וועכטער, בעליידיגענדיג זיי דערביי און שלאָגענדיג זיי מכות רצח; עס פֿלעגט ניט העלפֿען אויך דאָס, וואָס די בירגער־וועכטער זיינען געווען בעוואָרנט מיט אָפֿיציעלע אויסווייזען פֿון קאָמאַנדאַנט. וועגען אַזעלכע פֿאָרפֿאַלען האָט די שטאָדטישע זעלבסטפֿערוואַלטונג איטליך מאָל געגעבען צו וויסען דער קאָמאַנדאַנטור, נאָר ביז איצט איז נאָך ניט געווען דער פֿאַל, אַז די פֿאָרפֿאַלען זאָלען אויסגעפֿאָרשט ווערען. אומגעקעהרט, די פּערזאָנען אין שינעלען זיינען, קענטיג, געשטיצט אויפֿ'ן בעפֿעהל, וואָס פֿערוועהרט אַ וועלכע ס'איז אַקציע געגען זיי, געוואָרען מיט יעדען טאָג חוצפה'דיגער.

אויף מאָרגען נאָך דעם בעשריבענעם פֿאַל האָט אַ באַנדע פֿון 8 פּערזאָן זיך דורכגעשפּאַצירט דורך דער הויפּט־גאַס פֿון שטאָדט און כלומר'שט זוכענדיג געוועהר, האָט זי געראויבט ביי די דורכגעהער זייער געלד און ווערט־חפצים. ווי ס'איז בעוואוסט דער שטאָדטיגער זעלבסטפֿערוואַלטונג, וועלכע האָט געגעבען גלייך צו וויסען דער קאָמענדאַנטור וועגען דעם, איז אויך דער דאָזיגער פֿערברעך געבליבען אונבעשטראָפֿט. די אָנפֿאַלען אויף פּריוואַטע דירות זיינען געוואָרען אַלץ אָפֿטער און אָפֿטער, און די ענטוואָפֿענונג פֿון די נאַכט־פּאַטרולען האָט אָנגענומען אַ סיסטעמאַטישען כאַראַקטער. אַ גאַנצע אָבטיילונג פֿון סאָלדאַטען אונטער דער פֿיהרונג פֿון די עלטסטע מיט שפּיאָנען פֿאָראויס פֿלעגען מיט אָבגענומענע געוועהר אַריין און ווידער אַרויסגעהען פֿון קאָמאַנדאַנטור און מאכען ברייטפֿערצווייגטע אָבלאַוועס איבער'ן שטאָדט, צונעהמען געוועהר אין די צעהנדליגער, שלאָגענדיג די וועכטער־פּאַטרולען און אויסשרייענדיג אַנטיסעמיטישע לאָזונגען.

די בעפֿעלקערונג, וואָס האָט אין די נאַכט־פּאַטרולען, וועלכע האָבן מיט גרויס מסירת נפש ערפֿילט זייערע פֿליכטען, געזעהן די לעצטע מעגליכקייט אָבצוהיטען די זיכערקייט, איז געווען טעראָריזירט, און אין איהר האָט אָנגעהויבען צו וואַקסען אַ געפֿיהל פֿון טיעפֿסטער פֿערביטערונג. די שטאָדטיגע זעלבסטפֿערוואַלטונג האָט געמוזט אָנווענדען אַלע מיטלען, כדי צו אָבהאַלטען די בעפֿעלקערונג פֿון אַ ווידערשטאַנד געגען די פּערזאָנען אין די מיליטער־קליידער, וועלכע האָבן זיך חוצפה'דיג בענומען געגען איהר.

איין נאכט איז די צאָהל מיטגליעדער פֿון די גרופּען, וועלכע האבען דורכגעפֿיהרט די ענטוואָפֿענונג, דערגאנגען ביז 30 פּערזאָן אין אַ גרופּע, ווייל זיי, די אָנפאלענדע, האָבען געזעהן די שווערע פֿיינדליכע שטימונג פֿון דער בעפֿעלקערונג. די פֿיגענבלעטלעך זיינען אַראָבגענומען געוואָרען, און די ענטוואָפֿענונג פֿון די בירגער־פּאַטרולען און די אָנפֿאַלען אויף די שוין ענטוואָפֿענטע פּאַטרולען האָבען אָנגענומען דעם כאראַקטער פֿון איינפֿאַכע רויבעריי. מען האָט אַוועקגערויבט פּאַפּאַכעס (הויכע פעלץ־היטלען), זייגערס, שיך,

בעליידיגונגען און אַנטיסעמיטישע אויסגעשרייען זיינען פֿאָרגעקומען אין יעדען איינצעלנעם פֿאַל.

די שטאָדטיגע זעלבסטפֿערוואַלטונג האָט, נאכדעם ווי זי האָט אבגעגעבען וועגען דעם איהר בעריכט דעם קאָמענדאנט און קאָרפוס־שעף, מיט פֿערוואונדערונג געלייענט אין די צייטונגען אַ בעפֿעהל, וואָס האָט געהייסען די מיליטער־פּאַטרולען דערשיסען אויפֿ׳ן אָרט ניט נאָר רויבער, נאָר אויך די פּערזאָנען, וועלכע דער פּאטרול וועט אָנערקענען אַלס פֿיינד פֿון דער רעפּובליק, אָדער וואָס טרייבען באָלשעוויסטישע פּראָפּאַגאַנדאַ. איבערגעבענדיג אויף אַזאַ אופֿן די גאנצע פֿריעדליכע בעפֿעלקערונג אין די אונבעגרענצטע, ווילקירליכע הענד פֿון דער צעבושעוועטער און צעווילדעווטער מאסע אין גרויע שינעלען, האָט דער בעפֿעהל צעשטערט די לעצטע מעגליכקייט פֿאַר דער שטאָדטיגער זעלבסטפֿערוואַלטונג צו אָרגאניזירען וועלכען ס׳איז קאַמף מיט די רויבערייען און געוואלדטאטען אין שטאָדט. ווייל אין דער זעלבער לאַגע ווי די פּאטרולען האבען זיך געפֿונען אויך אַלע אנדערע געשאפֿענע אָבטיילונגען.

# אויסצוג פֿון זיצונגס־פּראָטאָקאָל פֿון דער אויסעראָרדענטליכער אויספֿאָרשונגס־קאָמיסיע.

(פֿון 10. אַפּריל 1919.)

בעריכט פֿון דער דעלעגאציע, וואָס איז אויסגעקליבען געוואָרען אויף דער זיצונג פֿון 3־טען אַפּריל.

אין דער דעלעגאַציע זיינען געווען פֿערטראָטען די מיטגליעדער פֿון דער קאָמיסיע: וויצעפּראָקוראָר מ. א. קיץ, געריכטס־מיטגליעד ג. א. רובלעווסקי און דער פֿאָרזיצענדער פֿון דער גובערניאלער זעמסטוואָ רעדקאָ.

די דעלעגאציע טיילט מיט, אז צוערשט האָט זי בעזוכט דעם גובערניאַלען קאָמיסאַר, וועלכער בעציהט זיך זעהר פֿריינדליך צו דער טעטיגקייט פֿון דער קאָמיסיע און האָט געפֿונען פֿאַר נויטיג איבערצוגעבען די אויספֿאָרשונג וועגען צווייטען פּאָגראָם אין די שוין עקזיסטירענדע אויסעראָרדענטליכע אויספֿאָרשונגס־קאָמיסיע; ער האָט אויך צוגעזאָגט פּערזענליך זיך משתדל צו זיין וועגען דעם ביי דער דירעקטאָריע און האָט געבעטען מען זאָל איהם צושטעלען אַ מעמאָראַנדום; ער האָט אויך גע׳עצה׳ט זיך צו ווענדען צו דער מיליטערישער מאכט. ער האָט צוגעזאָגט צו פֿועל׳ן פֿאַר דער קאָמיסיע די מיטלען, וועלכע זי דארף בעקומען לויט אַ פֿעראָרדנונג און האָט ארויסגעגעבען אַנ׳אַוואַנס פֿון 15000 רובעל. דער שעף פֿון פֿעלד־זשאַנדארמעריע האָט זיך אויך בעצויגען זעהר פֿריינדליך צו דער ארבעט פֿון דער קאמיסיע און האָט איהר צוגעזאָגט צו העלפֿען מיט אַלע מיטלען און דורכצופֿיהרען לויט איהרע בעשטימונגען הויז־אונטערזוכען און ארעסטען.

גאַנץ אַנדערש האָט זיך בעצויגען צו דער דעלעגאציע דער גארניזאָן־שעף

פּאָלקאָווניק פּעטראָוו. די דעלעגאַציע האָט איהם געטראָפֿען אויף די טרעפּ פֿון דעם האָטעל „פֿראַנציאַ“. ער האָט געזאָגט: „אַ, דאָס איז די זשידאָווסקע קאָמיסיע, ס'איז ניטאָ וועגען וואָס צו רעדען“. ווען ער האָט בעקומען די געהעריגע אויפֿקלערונג, אַז די דעלעגאַציע בעשטעהט פֿון די מיטגליעדער פֿון דער קאָמיסיע, וועלכע איז בעשטעטיגט געוואָרען דורך דער דירעקטאָריע, האָט דער פּאָלקאָווניק פּעטראָוו איינגעלאַדען די מיטגליעדער פֿון דער דעלעגאַציע צו זיך אין צימער.

אין געשפּרעך האָט פּאָלקאָווניק פּעטראָוו צווישען אנדערע געזאָגט:

## „מיר געהען אונטער'ן לאָזונג: שלאָגט די אידען, שלאָגט די באָלשעוויקעס.“

„צי דען קענען טויזענדע יונגע לייט, וועלכע זיינען ארויסגעטראָטען געגען אידען, וואָס געהען צוזאַמען מיט די באָלשעוויקעס, זיין פֿעראַנטוואָרטליך פֿאַר דעם, וואָס זיי האָבען געהרג'עט עטליכע זשידעס?“ ווייטער האָט ער געזאָגט, אַז דער פּאָגראָם איז געווען אַ סטיכישער, אַז אפילו די יונקערס (שילער פֿון אָפֿיציר־שולען) האָבען ניט געקענט ביישטעהן דעם נסיון, דעריבער האָט ער די יונקער־שול אין די טעג פֿון פּאָגראָם אוועקגעשיקט אויפֿ'ן פֿראָנט. ווען וועלכער ס'איז סאָלדאַט נעהמט צו אַ העמדעל ביי אַ זשיד, קען מען דאָך ניט, לויט די ווערטער פֿון פּעטראָוו, איהם בעשטראָפֿען דערפֿאַר. איבערהויפּט, זאָגט ער, ווען סאָלדאַטען וועלען ווערען אָנגעקלאָגט, וועט ער פֿיער מאָל קאָנטראָלירען צי די אָנקלאַגע איז ריכטיג. ווען איינער פֿון די מיטגליעדער האָט בעמערקט, אַז די קאָמיסיע איז דאָך בעשטעטיגט פֿון דער דירעקטאָריע, האָט פּאָלקאָווניק פּעטראָוו געזאָגט, אַז די דירעקטאָריע איז אַ שפּילצייג אין די הענד פֿון די דיפּלאָמאַטען און צווישען די דיפּלאָמאַטען איז די מערהייט אויך פֿון זשידעס, און ווען די דירעקטאָריע האָט בעשטעטיגט אַ קאָמיסיע אויף אויסצופֿאָרשען דעם פּאָגראָם, האָט זי דאָס הויפּזעכטליך געטהאָן, כדי צו ווייזען דער געזעלשאַפֿט, אַז אַזעלכע מעשים ווי אַ פּאָגראָם געהען ניט דורך אונבעשטראָפֿט. די דעלעגאַציע האָט אין אַלגעמיין ארויסגעטראָגען דעם איינדרוק, אַז דער פּאָלקאָווניק וויל די קאָמיסיע זאָל עקזיסטירען, נאָר ניט ארבעטען. דער תוך פֿון זיין ענטפֿער איז אין אַלגעמיין אַזאַ: ניט אָנריהרען קיין סאָלדאַט, ציווילע רויבער קענען אָנגעקלאָגט ווערען, וויל זיי ווערען סיי ווי סיי דערשאָסען פֿון דער מאַכט. צום סוף פֿון געשפּרעך, ווען די דעלעגאַציע האָט בעטאָנט, אַז זי פֿונקציאָנירט אויפֿ'ן סמך פֿון „נאַקאַז“, וועלכער איז בעשטעטיגט פֿון דער דירעקטאָריע, האָט דער גאַרניזאָן־שעף צוגעזאָגט ארויסצוגעבען אַ בעפֿעהל, אַז דער קאָמאַנדאַנט וואָזני און דער אַטאַמאַן וואָגאַצקי זאָלען בעהילפֿיג זיין דער קאָמיסיע. ביים צווייטען בעזוך ביים הערר קאָמיסאַר האָט די דעלעגאַציע איהם אינפֿאָרמירט וועגען דעם געשפּרעך, וואָס זי האָט געהאַט מיט פּאָלקאָווניק פּעטראָוו. דאָס איז געווען אַ זעהר אונאַנגענעהמע איבערראַשונג פֿאַר הערר סומנעוויטש. ער האָט געבעטען ניט אָנגעהמען קיין שריט, ביז ער וועט ניט צוריקקומען פֿון ראָוונאָ, וואו ער וועט איבעררעדען וועגען דעם מיט אַ מיטגליעד פֿון דירעקטאָריע. די דעלעגאַציע האָט איבערגעגעבען דעם הערר סומנעוויטש, לויט זיין בקשה, אַ מעמאָראַנדום וועגען

איבערגעבען צו אויספֿאָרשונג פֿון דעם צווייטען פאָגראָם אין דער איצטיגער קאָמיסיע. דעם בעריכט האָט ער מיטגענומען מיט זיך.

די קאָמיסיע האָט בעשטימט:

דעם טייל פֿון פראָטאָקאָל איבער דער זיצונג, וואָס האָט אַ שייכות צום גע־שפרעך מיט פאָלקאָוניק פעטראָוו, איבערצוגעבען דער דירעקטאָריע, נאכדעם ווי דער גובערניאַלער קאָמיסאַר וועט צוריקקומען פֿון ראָוונאַ; צו אונטערהאַנדלען מיט איהם ווערען געבעטען די דעלעגאַטען, וועלכע זיינען אויסגעקליבען געוואָרען דעם 3-טען אַפריל.

(דער אָריגינאַל איז גע'חתמ'עט פֿון אַלע מיטגליעדער פֿון דער קאָמיסיע.)

# אין וואָלינער גובערניע.

## קאַמעני־בראָד.

דאָס שטעדטעל קאַמעני־בראָד געפינט זיך ביי ראָגאַטשאָוו (נאָוואָגראָד־וואָלינסקער אויעזד אין געגענד פון פאָלאָנאַיאַ־באַראַנאָווקאַ). אין דער ערשטער העלפט פון חודש יולי 1919 האָט זיך אריינגעריסען אין שטעדטעל אַ באַנדע פון אָרטיגע פויערים מיט דעם שטאַבס־קאַפּיטאַן ראָמאַניוק בראש. די באַנדע האָט אַרעסטירט 250 אידען אלס „משכנות" און האָט בעשלאָסען צו ברענגען די אַרעסטירטע צום שטאַב פון די אויפשטאנדס־באנדען אין ראָגאַטשאָוו. אַ וואַך פון 30 פויערים האָט די „משכנות" בעגלייט. אונטערוועגס האָט עמיצער אַרויס־געלאָזען דעם קלאַנג אַז פון פאָלאָנאַיאַ־באַראַנאָווקאַ „געהען 500 זשידעס אויף אונז". די וואַך האָט געעפענט אַ שיסעריי און דערהרג'עט אַלע 250 אידען.

(מיטגעטיילט פון פ. י. לאַנדסבערג.)

## דאָמבראָוויצאַ.

דאָס שטעדטעל דאָמבראוויצאַ, ראָוונער אויעזד, וואָלינער גובערניע, געפינט זיך ביי דער אייזענבאהן לונינעץ־ראָוונאָ. אין שטעדטעל לעבען 300 אידען. עטליכע טעג איז די שטעדטעל געווען אַ צענטער פון קריגס־אָפּעראַציעס און איז איבער־געגאַנגען פון איין האַנד אין דער אַנדערער. פון די שיסערייען זיינען דערהרג'עט געוואָרען איינינע מענשען. סוף־כל־סוף האָבען די פּאָליאַקען דעם 12־טען יולי 1919 פאַרנומען די שטעדטעל און גלייך אָנגעהויבען רודף'ן און הרג'ענען אידען. עס זיינען דערהרג'עט געוואָרען מענשען, וואָס האבען לחלוטין קיין שייכות ניט געהאַט צום באָלשעוויזם. די אידישע געשעפטען זיינען אויסגעראבירט.

## קסאַווראָוו.

אין קסאַווראָוו, אָווורוטשער אויעזד, וואָלינער גובערניע, לעבען פון 70 ביז 80 אידישע משפחות. דער פאָגראָם איז דעם 20־טען יולי 1919 אָרגאַניזירט געוואָרען פון אָרטיגע באַנדען פון מאַרק און אנדערע שטעדטלעך, וועלכע האָבען געראבירט און געשלאָגען. קיין טויטע זיינען ניט געווען. אויף דער סטאנציע נידאַמקאַ ביי קסאַווראָוו איז די אידישע בעפעלקערונג, וועלכע בעשטעהט פון 15—20 משפחות, אויסגעראַבירט געוואָרען. דריי אידען האָט מען דערהרג'עט.

## יאַנושפּאָל.

דאָס שטעדטעל יאַנושפּאָל, זשיטאָמירער אויעזד, וואָלינער גובערניע, 16 וויאָרסט פון בערדיטשעוו, האָט 8000—7000 איינוואָהנער דערפון 1800—1500 אידען. ביי׳ם שטעדטעל געפינט זיך איינע פון די גרעסטע צוקער־פאַבריקען פון וואָלין, וועלכע געהערט צו ז. ה. גאָרנשטיין. די אָנגעשטעלטע פון פאבריק זיינען דאָס רוב אידען. פון 25—29. מערץ זיינען פאָרגעקומען פאָגראָמען פון פעטליורא׳ס סאָלדאַטען. עס זיינען אויך געפאַלען מעהרערע מענשליכע קרבנות.

(לויט אַ בעריכט פון ס. מ. גאָרנשטיין.)

## אַנאָפּאָל.

אַנאָפּאָל איז פאַר דער מלחמה געווען אַ גאַנץ פערמעגליך אידיש שטעדטעל. די בעפעלקערונג האָט זיך פערנומען דערהויפּט מיט תבואה־ און פלאַקס־האַנדעל. עס זיינען אויך געווען גארבערייען און אַ סך בעלי־מלאכות. פון אָנהויב האבען זיך בעוויזען אין אַנאָפּאָל קליינע אָבטיילונגען פון פעטליורא׳ס חיל, וועלכע האָבען אכזריות׳דיג געראבירט די אידישע בעפעלקערונג, אָבער קיין מענשליכע קרבנות זיינען ניט געווען. ווען אַ סאָלדאַט, וואָס איז געקומען צוריק פון דייטשער גע־פאנגענשאַפט האָט זיך אַנטקעגענגעשטעלט, האָבען זיי אויך אָנגעהויבען צו הרג׳ענען. אין איין טאָג זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרען 8 מענשען און 60 פערוואונדעט. פיעל פערוואונדעטע, וואָס האָבען מורא געהאַט צו ווייזען זיך אויפ׳ן גאַס, זיינען גע־בליבען טויט אין זייערע הייזער, ניט בעקומענדיג קיין מעדיצינישע הילף. ביי צוויי חדשים זיינען די אידען געווען בעהאַלטען אין די קעלערס און אין באָד. דער פאָרזיצענדער פון דער אידישער קהלה האָלצמאַן איז ארעסטירט און דערשאָסען געוואָרען. קליינע באַנדען פון 5—10 מענשען זיינען אַרומגעגאנגען אומעטום זוכען און ווען זיי האָבען וועמען געפונען, האָבען זיי געפיהרט צו יענעם אַ היים און געפאָדערט אָנצווייזען וואו ס׳איז בעהאַלטען דאָס געלד; פון וועמען זיי האָבען ניט בעקומען קיין געלד, דעם האָבען זיי גע׳הרג׳עט. צווישען די דער׳הרג׳עטע האָט מען געפונען אַ 16־יאהריגע מיידעל, וועלכע איז דער׳הרג׳עט געווארען אָהן קיין פארוואָס אויפ׳ן גאַס. אויפ׳ן שטעדטעל האָט מען ארויפגעלעגט שווערע קאָנ־טריבוציעס. אחוץ געלד האָט מען צוגענומען קישענס, סאַמאָוואַרען און אַנדערע חפצים.

פעטליורא׳ס „העלדען“ האָבען זיך ארומגעדרעהט אין די גאַסען און גע־שריהען: „שלאָגט די זשידעס, אויך די זשידאָווסקע קינדער!“

ווען די באָלשעוויקעס זיינען געקומען האָבען אויפגעהערט די הריגות, אָבער אויך ביי זיי זיינען פאָרגעקומען רויבערייען. זיי האָבען אָבער אויך פון דער אַנדער זייט געזוכט צו העלפען די 150 היימלאָזע געוואָרענע משפחות. די עקאָנאָמישע נויט איז אַלגעמיין, ווייל קיין מעגליכקייט צו פערדינען איז ניטאָ און דורך די פינף יאָהרען פון מלחמה־אָפּעראַציעס איז די בעפעלקערונג אינגאַנצען פעראָרעמט געוואָרען.

(פון אַ בעריכט פון ה׳ קרופּניק צו דער צענטראַלע הילפס־סעקציע פאַר די פאָגראָם־קרבנות.)

## וואָלאָטשיסק.

בעת די הערדשאַפּט פון די באָלשעוויקעס, האבען די רויטע־ארמיצעס אָהן אַנ' אויפהער טעראָריזירט די אָרימע אידישע בעפעלקערונג. (די רייכע איינוואָהנער זיינען געוועזען שוין לאנג ענטלאָפען.) — די קליינע סוחרים און די בעלי־המלאכות. סטראַשענדיג מיט'ן דערשיסען, האָבען זיי געצוואונגען זיי אוועקצוגעבען דאָס לעצטע. די, וועלכע האָבען זיך בעהאלטען בעת די שיסערייען אין די קעלערס, האָבען זיי געשלאָגען, אַפילו אויך זקנים און פרויען. ביי דער נאַכט האָבען] זיי אָבגעריסען די שלעסער פון די קראָמען און אוועקגעשלעפט די לעצטע רעשטלעך סחורה. דער היזק דערגרייכט ביז 5 מיליאָן רובעל. ס'איז געפיהרט געוואָרען אַ שטאַרקע אַנטיסעמיטישע העצע. אַלע פראָטעסטען זיינען געווען אומזיסט.

(פון אַ ביטע־שריפט צום וואָלאָטשיסקער רעוואָליוציאָנערען קאָמיטעט.)

## ראָוונע

צום הערין פרעזידענט פון דעם דירעקטאָריום פון דער אוקריינער פאָלקס־רעפובליק
אַטאַמאַן פעטליורא

און צום הערין הויפט־קאָמאַנדיר פון דעם דרום־מערב'דיגען פראָנט
אַטאַמאַן אָסקילקאָ

### !מעמאָראַנדום

פון דער אידישער קהלה אין ראָוונע.

דער [איצטיגער מסוכן'דיגער מאָמענט, וואָס דאָס אידענטום אין אוקריינע בכלל און די אידישע בעפעלקערונג פון ראָוונע און איהר סביבה בפרט לעבט איבער, צווינגט אונז צו מעלדען די פאָרשטעהער פון דער דעמאָקראַטישער מאַכט פון דער אוקריינישער פאָלקס־רעפובליק פאָלגענדעס:

1. אין דער לעצטער צייט פיהרען טונקעלע עלעמענטען אין ראָוונע און איהר סביבה א שטאַרקע אַגיטאַציע, שריפטליך און מינדליך, מיט דעם קלאָרען ציעל ארויסצורופען געגען די אידען עקסצעסען און פאָגראָמען.

2. אין דער שטאָדט און איהר סביבה אויף די סלופעס און אויף די ווענד פון די עפענטליכע פלעצער, בעזונדערס צווישען דער מיליטער, ווערט פערשפרייט אַ מאַסע פאָגראָם־פראָקלאַמאציעס מיט די חתימות פון פילע אונבעקאַנטע אָרגאנען און גרופען. אסך פון די דאָזיגע פראָקלאַמאַציעס פאָדערען אויף אָפען די קריסטען צו אַ בלוטיגער נקמה פון די „זשידעס" — די פיינד פון גאַנצען מענשליכען מין.

3. אין פערשיידענע טיילען פון דער שטאָדט, בעזונדערס אויפ'ן מאַרק און בעלעבטע גאַסען בעוויזען זיך אָפט אונבעקאַנטע מענשען אין סאָלדאַטען־אוני־פאָרם און פיהרען אַ פאָגראָם־אַגיטאַציע, בעפאַלען איינצעלנע אידען ניט בלויז מיט ווערטער, נאָר אויך מיט געוועהר און רופען ארויס אַ פאניקע צווישען דער פריעדליכער בעפעלקערונג.

4. אין דעם אָפיציעלען אָרגאַן „ווילנאַ אוקריינאַ" („די פרייע אוקריינע")

ווערען אַפּט געדרוקט אַרטיקלען, וועלכע וואַרפען בלבולים אויף דער אידישער בעפעלקערונג און וועלכע קענען ארויסרופען ביי די קריסטען א שנאה געגען דער אידישער נאַציע.

כדי צו בעווייזען אַלץ, וואָס איז אויבען געזאָגט געוואָרען, לעגען מיר דאָ צו אַ רייהע דאָקומענטען, בעווייזען פון עדות און בערענגען אַ רייהע פאַקטען, וועלכע זיינען פאָרגעקומען די לעצטע טעג אין דער שטאָדט ראָוונע.

## דאָקומענטען־מאַטעריאַל.

א. אַ פאָגראָם־פראָקלאַמאַציע מיט דער אויפשריפט „ברידער" און מיט דער חתימה פון דער „אוקריינישער מיליטער־גייסטליכקייט", געדרוקט אין אייניגע טויזענד עקזעמפליאַרען אין דער דרוקעריי כאַזאַנטשוק.

ב. די קאָפּיע פון אַ פראָקלאַמאַציע מיט'ן קעפעל „פויערים" און מיט דער אונטערשריפט „די קאָזאַקען פון דער אוקריינישער רעפובליקאַנישער ארמעע". די קאָפּיע איז בעשטעטיגט דורך דעם אידישען מיניסטעריום.

ג. אַ פראָקלאַמאַציע אויף רוסיש צו אַלע סאָלדאַטען און זעלנער פון דער רויטער ארמעע, געחתמ'עט „די ערשטע רוסישע סאָוויעטישע אויפשטאַנדס־ארמעע".

ד. אַ פראָקלאַמאַציע צום אוקריינישען פאָלק מיט דער חתימה „די קאָזאַקען פון דער אַקטיווער ארמעע", וועלכע בלאָזט פונאַנדער שטארק די ליידענשאַפטען.

ה. נומערען פון דער צייטונג „ווילניאַ אוקריינאַ" (פרייע אוקריינע), וואו ס'זיינען געדרוקט ארטיקלען און נאָטיצען מיט אַנ'אַנטיסעמיטישען כאַראַקטער.

## פאַקטישער מאַטעריאַל.

א. דעם 7־טען אַפּריל האָט זיך צענויפגעקליבען אויף דובנער שאָסע ביי די קאַזארמעס אַ גרויסער המון, דערהויפּט פון סאָלדאַטען, פאַר וועמען אַנ'אונבעקאַנטער פאַרשוין אין סאָלדאַטען־אוניפאָרם האָט געהאַלטען אַ רעדע פון אַ פאָגראָם־כאַראַקטער און האָט אונגעשטערטערהייט אויפגעפאָדערט צו פערניכטען דעם מין פון די זשידעס.

ב. דעם 17־טען אַפּריל 2 אַזיינער אין דער שורה פון געוועלבען „ראָמאַ" האָבען טונקעלע עלעמענטען אין סאָלדאַטען־שינעלען ניט בעשטראָפטערהייט אָרגאַניזירט אַנ'אָנפאַל אויף אידען און שטאַרק געשלאָגען צוויי אידען (איינער פון זיי ה' כאַראַדאַ) און האָבען ארויסגערופען אַ פאַניקע צווישען דער פריעדליכער בעפעלקערונג, אזוי אַז די סוחרים האָבען אנגעהויבען צו פערמאַכען די געשעפטען.

ג. דעם[1]) אַפּריל 5 אַזיינער האָט אַ מאַטראָז פון דער רעוואָלטירענדער סאָוויעט־ארמעע צענויפגעקליבען א המון דערהויפּט פון סאָלדאַטען, אַגיטירט פאַר אַ אידישען פאָגראָם און האָט זיך בעריהמט, אז ער אַליין האָט אויסגעקוילעט איבער 300 אידען.

די אידישע קהלה פון ראָוונע, שטיצענדיג זיך אויף אַלץ, וואָס ס'איז דאָ אויבען אויסגערעכענט געוואָרען און זעהענדיג די אַלץ שאַרפער ווערענדע סכנה, האַלט עס פאַר איהר חוב צו ציהען די אויפמערקזאַמקייט פון די פערטרעטער פון

---

[1]) ראַטום פעהלט אין דער רוסישער קאָפּיע.

דער העכסטער מאכט פֿון דער אוקריינער פֿאָלקס־רעפּובליק אויף דער שרעקליכער כמאַרע, וואָס הענגט איבער׳ן קאָפּ פֿון אַ טייל פֿון אוקריינישע בירגער און אָנצור־ווייזען אויף דעם בייז, וואָס אונפֿאַראַנטוואָרטליכע עלעמענטען רופֿען אַרויס, אַ בייז, וואָס מען קען ניט פֿערבייגעהען שווייגענדיג.

נעהמענדיג אין בעטראכט, אז דעם לעבען און אייגענטום פֿון דער אידישער בעפֿעלקערונג דראָהט אַ סכנה, אַז די אַלגעמיינע בעשולדיגונג געגען דעם אידישען פֿאָלק דערנידעריגט אונזער נאַציאָנאַלען כבוד, אַז די פֿערהעצונג פֿון איין טייל פֿון דער בעפֿעלקערונג געגען דעם אנדערען איז שטארק שעדליך פֿאַר די מלוכה־אינטערעסען פֿון דער גאַנצער רעפּובליק, בעט דער פֿאָרשטעהער פֿון דער אידישער קהלה פֿון ראָוונע די פֿערטרעטער פֿון דער העכסטער מלוכה־מאכט אָנצונעהמען אויסעראָרדענטליכע מיטלען, כדי צו בעשיצען דאָס לעבען און אייגענטום פֿון דער אידישער בעפֿעלקערונג און צו פֿיהרען אַ ענערגישען קאמף מיט דער שווארץ־מאה׳דיגער אַגיטאַציע פֿון דונקעלע אונפֿעראַנטוואָרטליכע עלעמענטען.

ראָוונע 26. מערץ 1919.

די אידישע קהלה פֿון ראָוונע (חתימה).

## די אָנפאלען אין ראָוונע.

דעם 20־טען מאי האָט פֿעטליוראַ׳ס חיל אָנגעהויבען אָבצוטרעטען פֿון ראָוונע. לויט׳ן פֿאָרשלאַג פֿון דעם אָבטרעטענדען שטאָדט־קאָמענדאַנט אַטאַמאַן קאָוואַנקאָ האָט די שטאָדט־זעלבסטפֿערוואלטונג איבערגענומען די גאנצע מאכט און אָרגאַניזירט אַ שטאָדט־מיליץ. די דאָזיגע מיליץ איז אָרגאַניזירט געוואָרען פֿון דער שטאָדטישער אופּראווע צוזאַמען מיט דעם ראַט פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיינען.

דעם 21־טען מאי האָט זיך אויף דער סטאנציע בעוויזען פעטליוראַ׳ס געפּאנצערטער צוג „סטרעלעץ״. לויט׳ן בעפֿעהל פֿון קאָמענדאנט פֿון דעם דאזיגען צוג איז די מיליץ ענטוואָפֿענט געוואָרען מיט׳ן אויסרעד, אז זי איז באָלשעוויסטיש.

דערוויסענדיג זיך דערפֿון, האָט זיך די אידישע בעפֿעלקערונג אין שטאָדט אָנגעהויבען זיך ריכטען אויף אַ פּאָגראָם.

פֿון 12 אזייגער אין דער נאכט אָן זיינען סאָלדאַטען פֿון „סטרעלעץ״ גע־גאנגען פֿון הויז צו הויז, האָבען ראַבירט געלד, ווערט־זאכען, קליידער און אַנדערע חפצים. אויף די קולות פֿון די ראַבירטע האָט קיינער ניט געקענט קומען צו הילף, ווייל די שכנים האָבען אליין מורא געהאַט פֿאַר זייער אייגענעם גורל. נאָר אין דער פֿאָרשטאָדט וואָליאַ האָט זיך אַ גרופּע פֿון 10 אידישע יונגע לייט בעוואָפֿענט און ענטגעגענען געשטעלט די רויבער. זיי האָבען אָבגעלעדיגט מעהרערע גאַסען פֿון די באנדיטען. די לעצטע האָבען אבער בעקומען באלד א פֿערשטארקונג פֿון פּאַנצער־צוג „סטרעלעץ״, פֿון וואנען מען האָט אויך אָנגעפֿאַנגען צו בעשיסען די פֿאָרשטאָדט „וואָליא״ מיט הארמאטען. צוליעב דעם האָט די אידישע זעלבסטשוץ־גרופּע געמוזט אָבטרעטען.

דעמאָלסט זיינען די רויבערייען געוואָרען נאָך ווילדער. איינינע מענשען זיינען דערביי דער׳הרג׳עט געוואָרען. דאָס האָט געדויערט ביז מיטאָגצייט דעם 22־טען מאי, ווען ס׳האָט זיך צוריקגעקעהרט דער פֿריהערדיגער שטאָדט־קאָמענדאנט קאָוואנקאָ, וועלכער האָט אָבגעשטעלט די אָנפֿאַלען.

# קלעוואַן

**בעריכט צום חבר קריגס־קאָמיסאַר פון דער שטאָדט ראָוונע.**

(פון אברהם טשערקאַסקי, אינסטרוקטאָר פון דער הילפס־אָרגאַניזאַציע פאַר די פאָגראָם־קרבנותביים פאָלקס־קאָמיסאַריאט פון סאָציאַלע־פערזאָרגונג אין וואָלינער גובערניע און פאָרזיצענדער פון דער מיסיע פון רויטען־קרייץ.)

דעם 2־טען אויגוסט בין איך אוועק אין טשעדטעל קלעוואַן, ראָוונער אויעזד, כדי אויסצופאָרשען און צו אָרגאַניזירען הילף פאַר דער פאָגראָמירטער בעפעלקערונג. אָט וואָס איך האָב אויסגעפונען.

דעם 16־טען און 17־טען יולי האָבען די רויטע־ארמייצעס פון 2־טען באַטאַליאָן און 7־טען נאָווגאָראָד־סעווערסקי פאָלק צעראַבירט די גאַנצע אידישע בעפעלקערונג. דער מאסען־פאָגראָם האָט זיך איבערגע׳חזר׳ט דעם 24־טען יולי און נאָך עד היום קומען פאַר אָרגאַניזירטע רויבערייען. עס ליידט נאָר די אָרימע בעפעלקערונג, וויל די גבירים זיינען שוין לאַנג אוועק פון קלעוואַן. אינאיינעם מיט די רויבערייען קומען פאַר געוואַלדטאַטען; די מענשען ווערען געשלאָגען מכות רצח. די הייזער זיינען געשלאָסען, די גאַסען פוסטעוועןָ. שפייען אין פנים, רייסען בערד, שלאָגען מיט די פריקלאַדען זיינען טאָג־טעגליכע ערשיינונגען. עס זיינען אויך דאָ פער־געוואַלטיגטע אידישע פרויען. זייערע נעמען צו דערגעהען האָט זיך ביז אהער נים איינגעגעבען — די דאָזיגע חרפה ווערט געהאַלטען בסוד.

דעם 3־טען האָבען אייניגע רויטע־ארמייצעס אויסגעפונען א נייע באַרבאַרישע מעטאָדע חוזק צו מאַכען פון די אידען. אין דעם טאָג האָבען זיי אויפ׳ן מארק פערהאַלטען אידען מיט בערד און אידישע פרויען און האָבען זיי אריינגעלאָזט אין די בערד און אין די קאָפּ־האָר צוזאַמענגעבויגענע שטאַכעל־דראָהט. דער דראָהט גלייכט זיך פונאַנדער און רייסט ארויס דאָס האָר מיט׳ן וואָרצעל. דאָס האָט אָנ־געטהאָן שרעקליכע עינויים. (געליטען האָבען צוקערמאַן, אַנ׳עלטערע פרוי, קער־נער א. א.).

דערנאָך האָבען די רויטע־ארמייצעס אָרגאַניזירט אַ „הונגער בלאָקאָדע", ד. ה. זיי האָבען נים געלאָזען די אידען איינקויפען קיין לעבענס־מיטלען, אזוי אז די בע־פעלקערונג שטאַרבט ממש פון הונגער. איך האָב, חבר קאָמיסאַר, געזעהען קינ־דער, וועלכע זיינען געשוואָלען געוועזן פון הונגער.

דעם 17., 18. און 19. יולי האָט מען אַ גאַנצע רייהע אידען געשטאָכען מיט לאַנגע פערזשאַווערטע נאָדלען אין הינטערשטען טייל פון קערפער. איך וויל אייך, חבר, אָנווייזען אויף אַ גאַנצע רייהע פון סאָלדאַטען, וועלכע האָבען בע־גאַנגען די דאָזיגע מעשים תעתועים: 1) איינער, וועלכער פערנעהמט אין דער קאָמאַנדאַנטור די שטעלע פון רעקווירירען און צושטעלען פון פוהרען. ווען ער ווייזט זיך אויף דער גאַס, פאַלט אָן אַ פחד אויף דער אידישער בעפעלקערונג. ער לאָזט די אידען גאָרנישט קויפען, ער נעהמט אנ׳אַקטיווען אָנטייל אין אַלע רויבערייען, ער איז דער „העלד" פון שטעכען מיט די פערזשאַווערטע נאָדלען. (עס האָבען געליטען גיטעס, בראָנשטיין, בערנער, כהן א. א.). 2) דער פעלדשער פון דער 2־טער באַטארעע פון 7־טען נאָווגאָראָד־סעווערסקי פאָלק טאַראַטוטאַ — אַ

פּאָגראָמשטשיק דורך און דורך, וועגען איהם האָבען מיר דערצעהלט בפרוש אלע איינוואָהנער פון קלעוואַן. 3) דער „גבור“ איז אַ מאַטראָס (בלינד אויף איין אויג), וועלכער בעווייזט זיך פון צייט צו צייט און וואַרפט א שרעק אויף די אידען; 4) דער — איז דער געוועזענער קאָמאַנדאַנט מאַרטשוק. ווי מען דערצעהלט איז ער געפעהרליך, נאָר ווען ער איז אָנגעשכור'ט, און שכור איז ער גאַנץ אָפט, ער האָט צווישען אנדערע אזוי געשלאָגען דעם אידען מאַציעוו, אַז ער האָט איהם געמאַכט פאַר אַ קאַליקע, דאָס איז פאָרגעקומען סוף יוני.

חבר, די דאָזיגע אינפאָרמאַציעס האָב איך צענויפגעקליבען ביי פריוואַטע פערזאָנען און ביי איינינע פערטרעטער פון דער מאַכט, אחוץ דעם געפינען זיך ביי מיר און ביי דעם קלעוואַנער רעוואָלאַציאָנערען קאָמיטעט און מיליץ אַ גאַנצע שורה פון דאָקומענטען, וועלכע בעווייזען די געוואַלדטאַטען געגען די אידען. די דאָזיגע אינפאָרמאַציעס גיבען נאָר איבער אַ קליינעם טייל פון דעם, וואָס איז פאָרגעקומען, ווייל די בעפעלקערונג, האָבענדיג מורא פאַר אַלץ און איטליכען, האַלט זיך אָב פון דערצעהלען וואָס זי ליידט איבער. אַלע זאָגען אין איין קול, אז זיי טעראָריזירען דער פעלדשער טאַראַטוטאַ, יודין און דער גאַסטראָלער־מאַטראָס.

די בעפעלקערונג, חבר קאָמיסאַר, געפינט זיך אין אַ שרעקליכער פערצווייפלונג, און דאָס צווינגט מיר אייך צו בעטען, חבר, אָנצונעהמען פאָלגענדע מיטלען:

1. צו בערוהיגען די בעפעלקערונג; 2. מיט אַלע מיטלען אַראָבצונעהמען די „הונגער־בלאָקאַדע“; 3. אָנצונעהמען די אָדער יענע מיטלען געגען יודין, טאַראַטוטאַ און דעם מאַטראָס — די בעפעלקערונג וועט זיך בערוהיגען נאָר מיט דער בעשטראָפונג פון די פערזאָנען; 4. אזוי ווי מיר עפענען אין צוויי, דריי טעג אַ קינדער־היים און אַ ערנעהרונגס־פונקט, טאָ לאָזט ארויס אַ בעפעהל מען זאָל אונז געבען פולע מיטהילף, פערטיידיגונג און שוץ.

7. 8. 1919 (גע'חתמ'ט) אברהם טשערקאַסקי

צום ראָוונער אויעזדנעם קריגס־קאָמיסאַר

ס'שטימט מיט'ן אָריגינאַל (חתימה)

ערהאלטען געוואָרען דעם 7. 8. 19., איינגאַנגנומער 3474. אויפן אָריגינאַל געפינט זיך די פאָלגענדע בעמערקונג:

אַריבערשיקען דעם חבר טשערקאַסקי, דעם אינסטרוקטאָר פון דער הילפס־אָרגאַניזאַציע פאַר פאָגראָם־קרבנות די רעזאָלוציעס פון קריגס־קאָמיסאַריאַט.

(חתימה) אי. ק. קאַן.

# אין קיעווער גובערניע.

טעטיגקייטס־בעריכט פֿון דער קיעווער גובערניאַלער הילפֿס־סעקציע פֿאַר מלחמה־קרבנות ביי דער אונטעראָבטיילונג פֿאַר הילף לטובה די קרבנות פֿון דער קאָנטער־רעוואָלוציע.

(פֿאַר דער פעריאָדע פֿון 13־טען יוני ביז 31־טען יולי.)

## I. די אָרגאַניזירונג פֿון דער סעקציע און דער אלגעמיינער מצב אין שייכות צו דער הילפֿס־ארבעט.

דעם 13־טען יוני פֿון היינטיגען יאָהר איז, לויט דעם בעשלוס פֿון דער צענ־טראַלער קאָמיסיע ביי דער אונטעראָבטיילונג פֿון הילף פֿאַר די קרבנות פֿון דער קאָנטער־רעוואָלוציע ביי דער קיעווער גובערניאַלער אָבטיילונג פֿון סאָציאַלער פֿער־זאָרגונג, געשאַפֿען געוואָרען אַ סעקציע פֿאַר הילף פֿאַר די געליטענע פֿון די פּאָגראָמען. שוין אין דעם מאָנאַט פֿון איהר ענטשטעהונג האָבען זיך געשאַפֿען אַזוינע בעדינגונגען, וועלכע האָבען זיך ניט גינסטיג אָבגערופֿען אויף איהר נאָהענטסטער ארבעט. איידער די קאָמיסיע איז געשאַפֿען געוואָרען, האָט מען ליקווידירט, ניט בעקלערטערהייט, דעם עקזיסטירענדען אידישען קאָמיטעט. די ליקווידאַציע איז פֿאָרגעקומען אין אַ משך פֿון אַ שעה אָהן קיין שום פלאַן און סיסטעם. און דאָס איז אָבגעטהאָן געוואָרען גראַד דעמאָלט, ווען די צאָהל אידישע ענטלאָפֿענע, וועלכע זיינען געווען צו יענער צייט אין קיעוו, איז געוואַקסען פֿון טאָג צו טאָג דורך די ניי־אָנגעקומענע טויזענדער פֿון ראַדאָמיסל און טשערקאס (נאָך די דאָרט פֿאָרגעקומענע פּאָגראָמען).

די קורצע אַרבעט־פעריאָדע פֿון דער צענטראַלער קאָמיסיע, וועמען ס'איז געווען איבערגעגעבען די אָרגאַניזירונג פֿון הילף פֿאַר די ענטלאָפֿענע, אָנשטאָט דעם ליקווידירטען אידישען קאָמיטעט, האָט געשאַפֿען אַנ'אונגעהויערען כאַאָס אין דער הילפֿס־אַרבעט און האָט אַרויסגערופֿען אַנ'אויפֿרעגונג ביי די ענט־לאָפֿענע, וועלכע האָט זיך שיעור ניט געענדיגט מיט עקסצעסען. די סעקציע, וועמען די אַרבעט איז דאַן איבערגעגעבען געוואָרען, האָט אויף אַזאַ אופֿן בעקומען בירושה אַ צוועלף טויזענד קעפּיגע הונגעריגע, אויפֿגערעגטע מאַסע. מען האָט ניט געהאַט קיין צייט צו פֿערנעהמען זיך מיט אָרגאַניזאַציאָנס־פֿראַגען, אויסצו־אַרבעטען פלענער און מען האָט, ווילענדיג — ניט ווילענדיג, געמוזט נעהמען זיך פֿאַר דער אַרבעט, ניט האָבענדיג קיין ביוראָ און קיין נויטיגע רעגיסטראַציע און דרוק־מאַטעריאַלען. דאָס האָט אין דער ערשטער צייט שטאַרק געווירקט אויף דער אַרבעט פֿון דער סעקציע און האָט קאָנצענטרירט איהר גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט אויף קיעוו, אַזוי אַז עס איז ניט געווען קיין מעגליכקייט צו טראַכטען מכח דער פּראָווינץ.

עס זיינען אָבער געווען נאָך וויכטיגערע סבות, וועלכע האָבען געשטערט דער

רעגעלמעסיגער אַרבעט פֿון דער סעקציע. זי האָט ניט געהאַט צו טהאָן מיט אַ געוויסער צאָהל מענשען, וועלכע מען האָט געדאַרפֿט בעזאָרגען און וועלכע זיינען געווען צוגעבונדען צו איין בעשטימטען אָרט. יעדער טאָג האָט מיט זיך געבראַכט נייע פּאָגראָמען, וועלכע האָבען אַריבערגעשליידערט פֿון איין אָרט צום אַנדערען טויזענדער מענשען און האָבען געצוואונגען זיך אָהן אויפֿהער צוצעפּאַסען צו נייע בעדינגונגען. אַזוי האָט זיך אין דער צייט, פֿון וועלכער מיר גיבען אָב דעם בעריכט, איבערגע׳חזר׳ט דער פּאָגראָם אין ק אָ ר נ י ן; אין וו אָ ל אָ ד אַ ר ק ע זיינען, און אַ משך פֿון צוויי וואָכען פֿאָרגעקומען פֿיער פּאָגראָמען. דעם לעצטען מאָל האָט מען די שטעדטעל פֿערברענט, און ממש די גאַנצע אידישע בעפֿעלקערונג איז אַריבער קיין בעלאַיאַ צערקאָוו. די בעפֿעלקערונג פֿון כאָדאָרקאָוואָ איז צוויי מאָל ענטלאָפֿען. אין מיטען יוני האָט די פּאָגראָם־כוואַלע פֿערפֿלייצט ב ע ר ד י ט ש ע וו ע ר א ו י ע ז ד און איז אַריבער אויף אַ גאַנצע רייהע דערביי־ליגענדע פּונקטען פֿון ס ק וו י ר ע ר און ט אַ ר אַ ש ט ש אַ נ ס ק ע ר א ו י ע ז ד. עס האָבען זיך געוויזען טויזענדער ענטלאָפֿענע פֿון מאַקאַראָוו, אָ ב ו כ אָ וו, ט ר י פּ אָ ל י ע, ר ז ש י ש ט ש ע וו און אַנדערע פּונקטען פֿון ק י ע וו ע ר א ו י ע ז ד. פֿערשטעהט זיך, אַז ביי אַזוינע בעדינגונגען איז ניט געווען קיין שום מעגליכקייט צו אַרבעטען נאָרמאַל און שטרענג אויסצופֿיהרען דעם פֿריהער אָנגעמערקטען ארבעט־פּראָגראַם. עס זיינען געווען פֿאַלען, ווען פֿאָרשטעהער פֿון פֿערשיידענע ערטער, וועלכע זיינען געקומען נאָך הילף, האָבען, צוריקקעהרענדיג, געפֿונען זייער שטאָדט פּוסט און פֿערלאָזען פֿון דער אידישער בעפֿעלקערונג. צו דעם דאַרף מען נאָך צוגעבען, אַז אין אַ סך פּונקטען זיינען ניט געווען קיין גוט ארגאַניזירטע און פֿונקציאָנירענדע אָרגאַנען פֿון דער אָרטיגער מאַכט. פֿאַר׳ן פֿערנעהמען פֿון דער שטאָדט אָדער שטעדטעל דורך די באַנדעס פֿערשווינדט די אָרטיגע מאַכט; און מיט איהר געהען אַוועק די מעהר אַקטיווע אויפֿ׳ן פּאַרטייאישען, פּראָפֿעסיאָנעלען און קולטורעלען געביט, וועלכע לויפֿען ס׳רוב אַוועק אין די צענטרען, כדי דאָרט צו פֿערבלייבען אַ לענגערע צייט. די רואינירטע שטעדטלעך, בלייבענדיג אָהן די אָרטיגע אַקטיווע כחות, אינגאַנצען אָבגעריסען פֿון זייערע אויעזד־צענטרען, וואו די מאַכט האַלט זיך נאָך פֿאָרט, בלייבען אויף אַזאַ שטייגער הפקר. מיט זעלטענע אויסנאַהמען איז די מאַכט אין דער פּראָווינץ ניט צוגעפּאַסט צו די בעדינגונגען פֿון דעם מאָמענט. דאָס פֿאָלשטענדיגע פֿעהלען פֿון איניציאַטיוו, די פֿולע גלייכגילטיגקייט צו די געשעהענישען, דער אָפֿט בולט׳ער ניט ווילען זיך ריהרעוודיג אָברופֿען אויף די נויטען פֿון די פּאָגראָמירטע און בעראַבעוועטע מאַסען און זיי קומען צו הילף אין דער צייט — דאָס זיינען די כאַראַקטעריסטישע שטריכען, אויף וועלכע ס׳איז אויסגעקומען דער גובערניאַלער סעקציע זיך אָנצושטויסען אין איהר ארבעט.

אָט איז אַנ׳אויסצוג פֿון די אינפֿאָרמאַציעס, וועלכע ס׳האָט געגעבען אַנ׳אינסטרוקטאָר פֿון דער גובערניאַלער סעקציע פֿון באָגוסלאַוו:

„..... אין שייכות מיט דער אַלגעמיינער לאַגע פֿון סאָציאַלער פֿערזאָרגונג אין גאַנצען קאַניעווער אויעזד, וואו מען בעגעגענט נאָר אָבגעלאָזענקייט פֿון די מיטאַרבעטער, אָדער סאַבאָטאַזש, איז שווער זיך פֿאָרצושטעלען, אַז די ארבעט פֿון דער באָגוסלאַווער קאָמיסיע קען זיין פּראָדוקטיוו. זי אַרבעט ביי דער אויעזדנער אָבטיילונג פֿון סאָציאַלער פֿערזאָרגונג, איז צוזאַמענגעשטעלט פֿון ניט קיין געניטע און שרעקליך אָבגעלאָזענע מענשען. אַלץ מאַכען זיי מיט הפסקות, ניט געאיילטערהייט, אין רעזולטאַט האָבען זיי פֿון 10־טען מערץ ביז יולי זיך ניט געקענט

פֿערבינדען מיט ן צענטער. דער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט העלפֿט לחלוטין ניט דער אַרבעט פֿון דער אויעזדנער אָבטײלונג פֿון סאָציאַלער פֿערזאָרגונג. אַפֿילו קיין בעקוועמערע ביוראָ האָט ער נאָך עד היום ניט געגעבען. צענויפֿצוקניפּען פֿער־בינדונגען מיט דער פּראָווינץ איז אויך ניט קיין גרינגע זאַך, ווייל קיין אייגענע פֿוהרען האָט די אָבטײלונג ניט, פּריוואַט איז שווער צו געפֿינען, און דער רעוואָלו־ציאָנערער און מיליטער־קאָמיטעט האָבען גאָרניט קיין חשק צו לאָזען זיך בענוצען מיט זייער טראַנספּאָרט.״

לכן פלעגען ניט אָנקומען פֿון די ערטער קיין שום ידיעות, מען פֿלעגט ניט פֿאָדערען אַפילו קיין געלד; דאָס פֿלעגט געטהאָן ווערען ערשט נאָך אַן אָנפֿראַגע פֿון קיעוו, אָדער נאָך אַ בעזוך פֿון אַ אינסטרוקטאָר. ווען מען גיט צו דאָס אַלץ נאָך צו דאָס פֿעהלען אויף די ערטער פֿון געלדצייכענס, וואָס פּאַראַליזירט פּאַקטיש די גאַנצע אַרבעט, שוועריגקייטען אין דער ערנעהרונגס־אַרבעט, וועלכע מען האָט אָפֿט ניט געקענט בייקומען, די פֿולע שוצלאָזיגקייט פֿון דער בעפֿעלקערונג, אַזוי אַז דער געקומענער אינסטרוקטאָר פֿלעגט מוזען אָנהויבען זיין הילפֿס־אַרבעט דערמיט, וואָס ער פֿלעגט קויפֿען ביי די פּויערים אַ דריי ביקסען — וועט קלאָר ווערען די אַטמאָס־פֿערע, אין וועלכער די אַרבעט פֿון דער גוּבערניאַלער סעקציע איז געגאַנגען איבער דער גוּבערניע. אַ פֿיעבערהאַפֿטע אַרבעט נעהמט אָן דעם כאַראַקטער פֿון דער טעטיגקייט פֿון מיליטער־אָרגאַניזאַציעס אין דעם פֿראָנט־געביט, נאָר מיט דעם חלוק, אַז פֿאַר דער אויספֿיהרונג האָט די סעקציע ניט געהאַט די מיטלען און מעגליכ־קייטען ווי די לעצטע.

## II. די אַרבעט פֿון דער סעקציע.

(אין דעם טייל פֿון דעם בעריכט ווערט בעשריבען ווי די סעקציע האָט גע־שאַפֿען פֿערבינדונגען מיט דער פּראָווינץ, „ווי ווייט דאָס איז געווען פּיזיש מעגליך״, און דער אופֿן ווי ס׳איז אַריבערגעשיקט געוואָרען אַהין געלד. „פּאַראַלעל מיט דער אָרגאַניזירונג פֿון די סאָוויעט־אָרגאַנען פֿאַר הילף לטובה די געליטענע, פֿערשווינדען און ווערען ליקווידירט אויף די ערטער די אַלטע בורזשואַזע אידישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען ענטשטאַנען און ענטשטעהען אין מאַנכע פּונקטען נאָך היינט צו טאָג דורך דער אָביעקטיווער נויטווענדיגקייט און דורכ׳ן פֿעהלען פֿון אָפֿיציעלע אָרגאַנען אויף צו פֿיהרען די הילפֿס־אַרבעט פֿאַר די געליטענע אַרבעטענדע עלעמענטען.״ די הילף ווערט אין ערשטער ליניע געגעבען דורך פּראָדוקטען. די סעקציע האָט אָבער לחלוטין גאָרנישט געטהאָן צו בעזאָרגען די געליטענע מיט וועש און שוכ־וואַרג. „דאָס איז דאָס מעהר צו בעדויערען, וואָס גראָד אין דער בעציהונג פֿיהלט זיך די שאַרפֿסטע און דרינגענדסטע נויט. ראַטעווענדיג דאָס לעבען דורך אַנטלויפֿען פֿון שטעדטעל, קען די אידישע בעפֿעלקערונג גאָרנישט מיטנעהמען. אין דער פֿרעמד בייטען די פֿליכטלינגע ניט איבער די וועש חדשים־לאַנג, מחמת דעם געפֿינען זיי זיך אין די אונמעגליכסטע סאַניטאַרע אומשטענדען, זיי ווערען מאַסענהאַפֿט קרבנות פֿון עפּידעמישע קראַנקהייטען, בעזונדערס פֿון פֿלעק־טיפֿוס. פֿיהלענדיג וואָס פֿאַר אַ אונגעהויער שווערע לאַגע עס ווערט דורכדעם געשאַפֿען, איז די סעקציע ניט בכח עפּעס צו טהאָן אין דער בעציהונג, ווייל זי האָט ניט די מעגליכקייט אליין צו מאַכען די נויטיגע קניות, און בעקומט גאָרנישט פֿון די שייכות׳דיגע אָרגאַנען.״

ווייטער ווערן בעשריבען די בעמיהונגען צו שאפען היימען פאר יתומים, אבער דערביי ווערט בעמערקט, אז די קרובים ווילען ניט אבגעבען די קינדער אין די דאזיגע היימען, „ווייל זיי האבען מורא, אז זיי (די קינדער) וועלען ניט זיין ביי דער האנד אין דעם מאמענט פון ענטלויפען —, אזוי שרעקליך איז די פאניק צווישען דער אידישער בעפעלקערונג״. די סעקציע בעקלאגט זיך ווייטער, וואס זי האט ביי די העכערע סאוויעט־ארגאנען ניט געפונען קיין פערשטענדניש און קיין ריכטיגע אונטערשטיצונג אין דער הילפס־ארבעט פאר די יתומים.

## III. די לאגע אויף די ערטער און די געגעבענע הילף.

די פאגראם־כוואלע האט ניט פערשאנעוועט אפילו איין־איינציגען אויעזד פון דער קיעווער גובערניע. און אויב אין איניגע אויעזדען איז שוין איצט געווארען פערהעלטניסמעסיג רוהיג און מען קען דארט ריכטיג איינארדענען די ארבעט, איז די לאגע אין די אנדערע אויעזדען א וואקעלדיגע, ניט רעדענדיג וועגען איניגע פונקטען, מיט וועלכע מען קען גארניט קריגען קיין פערבינדונגען.

### בעלאיא צערקאווער אויעזד.

א חוץ וואסילקאוו האט דער אויעזד פערהעלטניסמעסיג ווייניג געליטען פון אידישע פאגראמען. הילף דארף מען געבען איבערהויפט די ענטלאפענע פון אנדערע פונקטען, וועלכע האבען זיך צענויפגעקליבען אין בעלאיא צערקאוו און פאסטאוו.

### בעלאיא צערקאוו.

אנהויב יולי האבען זיך בעוויזען ענטלאפענע פון ראדאמיסל, וועלכע האבען בעקומען הילף פון דעם אידישען קאמיטעט. באלד האבען די ענטלאפענע פער־לאזען די שטאדט (זיי זיינען קענטיג אוועק קיין קיעוו). אנשטאט זיי קומען דעם 20־טען יוני פליכטלינגע פון סטאווישטשי אין דער צאהל פון 800 פערזאן. ביז דעם 4־טען יולי זיינען געקומען ענטלאפענע פון וואלאדארקא בערך 1000 פערזאן. ביז דעם 7־טען יולי האט די צאהל ענטלאפענע פון וואלאדארקא דערגרייכט ביז 3000 פערזאן און חוץ דעם קומען אן פליכטלינגע פון סקוויר בערך 1000 נפשות.

### פאסטאוו.

דא זיינען פליכטלינגע אין אנ׳ערך ביז 500 פערזאן, איבערהויפט פון ראדא־מיסל, באדארקאווא און סקוויר.

### וואסילקאוו.

עס זיינען דא 450 פערזאן היגע געליטענע פון פאגראם, וועלכע נויטיגען זיך איצט אין הילף.

### ראדאמיסל.

די פאגראמען, וועלכע זיינען פארגעקומען אהן אנ׳אויפהער דעם גאנצען חודש מערץ, האבען שוין גאר אין גאנצען רואינירט די אידישע בעפעלקערונג; אם שרעק־ליכסטען איז געווען דער פאגראם, וועלכער איז פארגעקומען סוף מאי, און וועלכען עס זיינען געפאלען ביז 400 הרוגים. נאך דעם פאגראם איז די בעפעלקערונג

צעלאָפּען אין אַ פּאַניק. איצט געפינען זיך אין ראַדאָמישל ביז 2000 נפשות, מעהר ווי 10000 ראַדאָמיסלער זיינען צעזייט איבער אַנדערע שטעדט. די איבער־געבליבענע בעפעלקערונג לעבט נאָך עד היום אין איין שרעק. מחמת דעם האָבען די ענטלאָפענע ניט קיין נטיה צוריקצוקומען.

## מאַלין.

אין שטעדטעל געפינען זיך 814 ענטלאָפענע.

## קאָראָסטישעוו און ברוסילאָוו.

אין די פונקטען זיינען דאָ 1500 ענטלאָפענע.

## סקווירער אויעזד.

## כאָדאָרקאָוו.

נאָכ'ן פּאָגראָם אין מיטען יולי איז די בעפעלקערונג געלאָפען אין פּאַפּערניע. אין עטליכע טעג ארום האָט מען זי צוריק אומגעקעהרט אין כאָדאָרקאָוו. פון דעמאָלט אָן הערען ניט אויף די אָנפאַלען אויף דער שטעדטעל, די לאַגע איז נאָך פערוויקעלטער דורך דעם, וואָס דער אויעזדנער צענטער פון סקוויר איז געוועזען די גאַנצע צייט אָבגעריסען פון כאָדאָרקאָוו און האָט דער שטעדטעל ניט געקענט בעהילפיג זיין. עס זיינען דאָ געליטענע מעהר ווי 3000 מענשען, אַ טייל איז אַוועק אין בעלאַיאַ צערקאָוו און קיעוו.

## וואָלאָדאַרקאַ.

דורך דער גרויס פון די איבערגעלעבטע שרעק צייכענט זיך אויס די שטעדטעל אָקעגען אַ גאַנצע רייהע אַנדערע ערטער. די פּאָגראָמען האָבען זיך אָנגעהויבען אין מיטען יוני און האָבען ניט אויפגעהערט אין אַ משך פון דריי וואָכען. בעת דעם ערשטען פּאָגראָם זיינען דער'הרג'עט געוואָרען צעהן מענשען און פערוואונדעט אַ פּאָר צעהנדליג. אין עטליכע טעג ארום האָט מען געמאַכט דעם צווייטען אָנפאַל אויף דער שטעדטעל, וועלכער האָט זיך אויסגעלאָזט מיט 15 דער'הרג'עטע און 60 פערוואונדעטע. דעם דריטען מאָל איז פאָרגעקומען די שחיטה פון דער אונ־בעשיצטער אידישער בעפעלקערונג, וועלכע האָט זיך בעהאַלטען (דאָ פעהלט עפּעס אין דער קאָפּיע פונ'ם רוסישען טעקסט). כדי דאָס צו פערפולשטענדיגען איז דעם 8־טען יולי פאָרגעקומען דער פערטער אָנפאַל, וועלכער האָט זיך געענדיגט דערמיט, וואָס די שטעדטעל איז פערברענט געוואָרען, 10 דער'הרג'עט און 100 פערוואונדעט. די גאַנץ־געבליבענע הייזער זיינען אָהן פענסטער און טירען, פון די דעכער איז אַראָבגעריסען געוואָרען די בלעך און אוועקגעפיהרט געוואָרען דורך אַרומיגע פויערים. וועגען קומען צוריק אהיים איז ניטאָ וואָס צו קלערען. דאָס רוב פון דער בעפעלקערונג בעקומט שטיצע אין בעלאַיאַ צערקאָוו. איגגאַנצען זיינען דאָ ביי 5000 געליטענע.

## קאָרין.

אין משך פון גאַנצען חודש יוני איז די שטעדטעל בעפאַלען געוואָרען. דער־הרג'עטע צעהלט מען 66 מענשען. דעם לעצטען מאָל האָט זיך דער פּאָגראָם

געענדיגט מיט דעם פּאַנישען צעלויפֿען פֿון דער גאַנצער בעפֿעלקערונג. אויפֿ'ן אָרט זיינען געבליבען דריי משפחות. די בעפֿעלקערונג געפֿינט זיך טיילווייז אין כאָדאָר־קאָוו און טיילווייז אין פּאַסטאָוו.

## סקוויר.

באַלד נאָכ'ן פּאָגראָם אין וואָלאָדאַרקע זיינען די באַנדען אונטער דער אָנ־פֿיהרונג פֿון זשעלעזניאַק און סאָקאָלאָוו אַוועק אין סקוויר און דאָרט געמאַכט אַ פּאָגראָם, וועלכער האָט זיך אויסגעלאָזט מיט 45 הרוגים. בערך 25 פֿרויען זיינען פֿערגעוואַלטיגט געוואָרען. די גאַנצע בעפֿעלקערונג איז צעראַבירט ביז אויפֿ'ן העמד. מען מוז בעמערקען, אַז די אַרומיגע פויערים האָבען ניט גענומען קיין אָנטייל אין פּאָגראָם און צייטענווייז אַרויסגעוויזען זייער דייטליכע פֿעראור־טיילונג. די אָרטיגע מאַכט איז געווען אונטעטיג וויזי איז דאָס אויך איצט. ביי 100 מענשען זיינען ענטלאָפֿען אין בעלאַיאַ צערקאָוו, פֿון וואַנען זיי קעהרען זיך איצט אום.

## באָרשטשאַגאָווקע.

די שחיטה איז פֿאָרגעקומען סוף חודש יולי. פֿון 70 אידישע משפחות זיינען אויסגעקוילעט 64 אידען. ס'איז ניטאָ וועמען צו געבען הילף. די לעבען־געבליבענע זיינען צעלאָפֿען אין די אַרומיגע שטעדטלעך, דערהויפּט אין פּאָגרעבישטשע.

## נאָוואָ־פֿאַסטאָווקע

האָט געליטען אין דערזעלבער מאָס.

# טשיגירינער אויעזד.

## טשיגירין.

דער פּאָגראָם אין טשיגירין איז פֿאָרגעקומען דעם 25־טען מאַי, בעת וועלכען ס'איז צעראַבירט געוואָרען די גאַנצע אידישע בעפֿעלקערונג און ס'זיינען דער'הרג'עט געוואָרען 18 פערזאָנען. די היגע מאַכט איז געווען אינדיפֿערענט, און אַ טייל האָט אָנטייל גענומען אין דער פּאָגראָם־אַגיטאַציע. ס'האָבען געליטען ביי 5000 מענשען. די הילף אויפֿ'ן אָרט איז געווען זעהר אַ שוואַכע, אין דער לעצטער צייט איז אָנגעקניפּט געוואָרען אַ פֿערבינדונג מיט דער גובערניאַלער סעקציע, און די לעצטע האָט אַסיגנירט מיטלען און ס'ווערען אָנגענומען שריט פֿאַר דער ריכטיגער איינ־אָרדנונג פֿון דער אַרבעט אויפֿ'ן אָרט.

## פֿונדוקלעעווקע־אַלעקסאַנדראָווקע.

דער פּאָגראָם האָט זיך אָנגעהויבען דעם 15־טען מאַי און געדויערט אַ גאַנצע וואָך. אין משך פֿון דער צייט זיינען געפֿאַלען ביי 200 קרבנות, 500 הייזער זיינען צעראַבירט געוואָרען, בלייבענדיג אָהן פֿענסטער און טירען און דאַס גלייכען. דער לעצטער אָנפֿאַל איז געמאַכט געוואָרען אין יוני. געליטענע זיינען דאָ ביז 3500.

## לעבעדין.

די פאָגראָמען זיינען דאָ פאָרגעקומען אין מיטען מאַי. דער חורבן איז דאָ אזוי גרויס, אַז די בעפעלקערונג, וועלכע איז ענטלאָפען אין שפּאָלע קען נאָך עד היום ניט קומען צו זיך און צוריקקעהרען זיך אַהיים. אינאיינעם מיט דער שטעדטעל האָבען אויך געליטען די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פון דעם צוקערזאַוואָד. גע־ליטענע זיינען דאָ ביי 500 מענשען.

## זלאַטאָפּאָל.

דער פּאָגראָם האָט זיך אָנגעהויבען דעם 2־טען מאַי און האָט זיך געצויגען אין אַ משך פון א חודש. דער'הרג'עט זיינען געוואָרען 69 מענשען, פערוואונדעט 200. פון די הייזער און געשעפטען איז בוכשטעבליך אַלץ ארויסגעפיהרט. די אָנ־געראַבירטע סחורות ברענגען נאָך איצט די פויערים אויפ'ן מארק און פערקויפען זיי אָפען. די גרויס פון די פאָגראָמען קען מען זעהן פון די פאָלגענדע טאַבעלען:

### טאַבעלע I.

### די צאָהל פון די דער'הרג'עטע.

| די עלטער: | די צאָהל פון קרבנות: |
|---|---|
| 15 | 6 |
| 20 | 5 |
| 25 | 4 |
| 30 | 6 |
| 35 | 2 |
| 40 | 2 |
| 45 | 7 |
| 50 | 9 |
| 55 | 9 |

סך הכל 69 דער'הרג'עטע

### טאַבעלע II.

| די צאָהל הייזער אין זלאַטאָפּאָל ביז'ן פּאָגראָם | פערברענט | די צאָהל געשעפטען ביז'ן פּאָגראָם | פערברענט | צעשטערטע הייזער |
|---|---|---|---|---|
| 1100 | 15 | 285 | 275 | 1065 |

### איבערגעבליבען ניט צעשטערט:

| געשעפטען: | הייזער: |
|---|---|
| 10 | 20 |

# טשערנאָבלער אויעזד.

## טשערנאָביל.

סטרוק׳ס באַנדען האָבען געבושעוועט אין טשערנאָבעל פֿון דעם 8־טען אפריל ביז צום 2־טען מאַי. זיי האָבען איבערגעלאָזען אין דער שטאָדט טיעפֿע שפורען. ארום 11 000 מענשען האָבען געליטען פֿון דעם פּאָגראָם. פֿון זיי האָבען 628 משפחות מיט 3776 נפשות פֿערלאָרען אַלץ און נויטיגען זיך אין אַ גרינדליכער הילף. 57 משפחות האָבען דורך דער בעסטיאַלישער האַנד פֿערלאָרען זייערע שפייזערס; 1025 קינדער נויטיגען זיך אין הילף. 206 זקנים זיינען געבליבען אָהן פֿערזאָרגונג, 170 קליינע ווערקשטאַטען זיינען צעשטערט. פּראָדוקציאָנס־מיטלען זיינען פֿערניכטעט און צעראַבירט געוואָרען אויף אַ סומע פֿון 2.217.820 רובעל.

## גאָרנאָסטאָפּאָל.

דער פּאָגראָם איז פֿאָרגעקומען אין איין צייט מיט דעם טשערנאָבלער. די שטעדטעל האָט מען לאַנג דערנאָך ניט איין מאָל בעפֿאַלען. זי איז אַרומגערינגעלט מיט באַנדען און זעהר אָפֿט איז אונמעגליך אהין צוצוקומען, כדי צו אָרגאַניזירען וואָס פֿאַר אַ ניט איז הילף. די הילף אויפֿן אָרט ווערט אָרגאַניזירט דורך ספּעציעל אַרויסגעפֿאָהרענע אינסטרוקטאָרען. דאָס רוב פֿון דער בעפֿעלקערונג איז אַוועק קיין קיעוו, וואו מען נעהמט די לעצטע טעג אָן מיטלען אומצוקעהרען זיי אַ היים.

## איוואַנקאָוו.

דער פּאָגראָם איז דאָ געווען דעם 2־טען און 3־טען מאַי. ס׳האָבען גע־ליטען 550 משפחות. דער׳הרג׳עט זיינען 17, פֿערוואונדעט 46 פּערזאָנען.

# קאַנעווער אויעזד.

## באָגוסלאַוו.

ס׳האָבען געליטען אין באָגוסלאַוו ביי 1000 פּערזאָנען. אויף דער שטאָדט איז מען אָהן אויפֿער אָנגעפֿאַלען און זי איז געווען אָבגעשניטען פֿון איהר צענטער און פֿון קיעוו.

# ליפּאָוועצקער אויעזד.

## ליפּאָוועץ.

אין דעם אויעזד איז, פֿערגליכען מיט אַנדערע אויעזדען, שטיל. די אַרבעט אין ליפּאָוועץ האָט זיך פֿונאַנדערגעוויקעלט אומגעריכטערהייט נאָך דעם פּאָגראָם אין וואַרנאָוויקע, בערדיטשעווער אויעזד, פֿון וואַנען די בעפֿעלקערונג אין דער צאָהל פֿון 2000 מענשען איז דעם 11־טען יולי אַנטלאָפֿען קיין ליפּאָוועץ.

# טשערקאַסער אויעזד.

## טשערקאַסי.

דער פּאָגראָם איז דאָ פֿאָרגעקומען פֿון דעם 16־טען ביז צום 20־טען מאַי. געליטען האָבען 3000 פֿאַמיליעס; דער־הרג׳עט זיינען 617, פֿערוואונדעט 100 מענשען, פֿערפֿאַלען געוואָרען 25. אין דער ערשטער צייט האָט די אויעזדנע אָבטיילונג פֿון סאָציאַלער פֿערזאָרגונג געגעבען הילף; איצט איז אָרגאַניזירט אַ געגענד סעקציע, וועלכע בעדינט אַלע געליטענע פּונקטען פֿון די אויעזדנע צענטרען.

## בעלאָאָזעריע.

דאָ האָבען געליטען 760 מענשען, דער־הרג׳עטע 85 —, פֿערוואונדעטע 30 —, גאַנצע יתומים 10, אין הקדש 10. 20% פֿון די געליטענע זיינען האַנדווערקער, 30% — אָנגעשטעלטע און אַרבעטער, 50% — קליינע קרעמער. ס׳איז אָרגאַניזירט אַ פֿערטיילונגס־פּונקט.

## סמעלע.

די אידישע בעפֿעלקערונג בעשטעהט דאָ פֿון 10 000 נפשות, פֿון וועלכע ס׳ האָבען געליטען 8500, דער־הרג׳עט געוואָרען 61, פֿערוואונדעט 25, צעראַבירט מעהר ווי 2000 דירות, 300 קראָמען און ווערקשטאַטען.

בנוגע די מאַטעריעלע שאָדענס עקזיסטירט די פֿאָלגענדע טאַבעלע:

| פּראָפעסיעס | צאָהל פֿון געליטענע | די שאדענס אין רובעלס |
|---|---|---|
| סוחרים, פֿאַבריקאַנטען | 62 | 9.062.100 |
| קליינהענדלער | 146 | 4.476.700 |
| בעלי־המלאכות | 296 | 9.849.000 |
| פֿרייע פּראָפֿעסיעס | 47 | 2.688.800 |
| אָנגעשטעלטע | 50 | 1.494.000 |
| אובבעשטימטע פּראָפעסיעס | 84 | 2.520.400 |
| סך הכל | 688 | 30.091.000 |

## מעדוועדעווקע און קאַמענקע.

די שטעדטלעך זיינען צעראַבירט. די בעפֿעלקערונג איז צעלאָפֿען. די צאָהל פֿון געליטענע איז שווער פֿעסטצושטעלען.

# בערדיטשעווער אויעזד.

די פּאָגראָם־כוואַלע איבער׳ן אויעזד האָט אויפֿגעהערט אין די לעצטע צוויי וואָכען. עס זיינען פּאָגראָמירט געוואָרען 14 שטעדטלעך. די צאָהל פֿון קרבנות און געליטענע האָט זיך נאָך ניט איינגעגעבען פֿעסטצושטעלען. שווער האָט געליטען

דזאנקאָוו, וואו ס' זיינען דאָ פיל פֿערגעוואַלטעוועטע פרויען, ביי 60 גע'הרג'עטע און 150 פֿערוואונדעטע. וואַכנאָווקע, וואו ס' האָבען געליטען מעהר ווי 2000 נפשות. די בעפֿעלקערונג איז אוועקגעלאָפֿען קיין ליפּאָוועץ, וואו מען האָט פֿאַר זיי אָרגאַניזירט הילף. איצט האָט זיך די בעפֿעלקערונג צוריקגעקערט, דערביי האָבען די פּויערים געפֿאָדערט אַ שריפֿטליכע התחייבות ניט אָנצווערקענען די ראַטען־מאַכט.

## פרילוקי.

ס' זיינען דער'הרג'עט געוואָרען 148 פערזאָנען. די שטעדטעל איז איינגאַנצען צעשטערט. עס זיינען דאָ ביי 500 אַלמנות און יתומים.

די אַלגעמיינע צאָהל פֿון די געליטענע אין אויעזד ווערט געשאצט אויף בערך 20 000 פערזאָנען.

# זוועניגאָראָדער אויעזד.

## שפאָלע.

אין שטאָדט זיינען פֿאָרגעקומען 4 פּאָגראָמען, דעם 10־טען, 19־טען, 20־טען און 28־טען מאַי מיט'ן רעזולטאַט פֿון 16 דער'הרג'עטע, אַסך פֿערוואונדעטע און פֿאָל־שטענדיגע פֿערניכטונג פֿון דער שטעדטעל. די אידישע בעפֿעלקערונג האָט פֿער־לאָרען אַלץ, וואָס זי האָט בעזעסען, אריינגערעכענט בגדים און וועש. דער היזק בעטרעפֿט 5 מיליאָן רובעל. ס' זיינען געבליבען ביי 40 יתומים.

## מאָקראַיאַ־קאַליגאָרקאַ.

אָנהויב יוני האָט זיך אַ באַנדע פֿון 200 מאַן אריינגעריסען אין שטעדטעל און האָט געמאַכט אַ פּאָגראָם. עס זיינען 8 געוועזן דער'הרג'עט, אַסך פֿערוואונדעטע אין פֿערגעוואַלטיגטע פֿרויען. ס' האָבען געליטען 300 משפחות.

## ראָטמיסטראָווקע.

ס'האָבען געליטען 263 משפחות, ס'זיינען פֿערברענט געוואָרען 60 הייזער און 65 קראָמען. דער'הרג'עטע 44, פֿערוואונדעטע 10. עס זיינען צעראַבירט אַלע הייזער, עס איין ניט געבליבען קיין איין גאַנצער פֿענסטער, טיר און שטוהל. גאַנצע יתומים זיינען געבליבען צוויי, האַלבע יתומים 18, אין הקדש 6. ס'איז דאָ אַ פֿערטיילונגס־פּונקט, וועלכער גיט דער געליטענער בעפֿעלקערונג פּראָדוקטען.

## אָרלאָוועץ.

ס' האָט געליטען די גאַנצע בעפֿעלקערונג פֿון 300 נפשות. עס זיינען צעראַ־בירט אַלע 70 הייזער. צוויי פערזאָנען זיינען דער'הרג'עט געוואָרען. עס זיינען געבליבען זיבען יתומים און איינער אין הקדש.

אין די לעצטע טעג האָט זיך איבערגע׳חזר׳ט דער פּאָגראָם אין גאָראָ־דישטשע, סמאָלע און אָרלאָווקע. ס׳האָבען אויך געליטען זשאַבאָטין און מאַטוסאָוו.

## קיעווער אויעזד.

אַ גאַנצע שורה שטעדטלעך פון קיעווער גובערניע (אָבוכאָוו, רזישטשעוו, טריפּאָליע, מאַקאַראָוו) האָבען איבערגעלעבט צו עטליכע מאָל פּאָגראָמען, צום לעצטען מאָל אין מיט׳ן חודש יוני.

## וואָלאָדאַרקע (קיעווער גובערניע)[1].

די פּאָגראָמען פון 9־טען אַפּריל און 11־טען יולי 1919.

(לויט דעם בעריכט פון די געליטענע ה׳. שיינוואַד און לאַגאָווינסקי).

דאָס שטעדטעל וואָלאָדאַרקע, סקווירער אויעזד, געפינט זיך אַ 30—40 ווערסט פון בעלאַיאַ צערקאָוו. אידען וואָהנען דאָרט ביי 2000 נפשות. זייט פּסח 1919 זיינען פאָרגעקומען עטליכע פּאָגראָמען. אין די ערשטע טעג זיינען די פּאָגראָמען געמאַכט געוואָרען דורך זשעלעזניאַק׳ס באַנדען. צום ערשטען מאָל זיינען דער־הרג׳עט געוואָרען 6 מענשען, צום 2.—10. גאַנץ בעדייטענד איז געוועזען די צאָהל פון די פערוואונדעטע, אויף דער אידישער בעפעלקערונג האָט מען ארויפגעלעגט אַ קאָנטריבוציע פון 40 טויזענד רובעל, וועלכע איז אריינגעטראָגען געוואָרען.

די אַנדערע אָנפאַלען זיינען געמאַכט געוואָרען דורך סאָקאָלאָוו׳ס באַנדען. דעם ערשטען מאָל האָבען זיי זיך בעגנוגענט מיט ראַבירען. עפעס האָט ניט גע־לאָזט דעם פּאָגראָם זיך פונאַנדערוואַקסען, נאָר דערפאַר האָבען זיי פערריכט די זאַך צום צווייטען מאָל (דער פערטער פּאָגראָם). דעם 9־טען יולי זיינען עטליכע פון זיין חברה אריין אין שטעדטעל און האָבען געזאָגט צו די אָרטיגע פּויערים, אַז ס׳איז שוין לאַנג געקומען די צייט צו פערניכטען אַלע אידען. גלייך זיינען זיי טאַקע אויך צוגעטראָטען צו זייער אַרבעט; זיי האָבען דער׳הרג׳עט דריי פרויען און אָנגעהויבען ראַבירען. צו די באַנדיטען זיינען צוגעשטאַנען עטליכע היגע פּויערים, גלייך איז אויך אָנגעקומען סאָקאָלאָוו — דער ראש פון דער באַנדע — און פער־לאַנגט: „גיט מיר אַ זשיד און איך וועל זיך אָנטרינקען מיט זיין בלוט“. דער פּאָגראָם האָט אָנגענומען אַ ברייטען כאַראַקטער: עס זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרען ביי 70—73 מענשען. די אידען האָבען איבערגעלאָזט זייער גוטס אויף הפקר און זיינען ענטלאָפען אויפ׳ן שאָסע, וואָס פיהרט אין בעלאַיאַ צערקאָוו. ווען די באַנדיטען האָבען געכאַפּט אויפ׳ן וועג, האָבען זיי געשלאָגען און אויסגעטהאָן נאַקעט. זייענדיג מיד צו ראַבירען און מאָרדען, האָבען די באַנדיטען אונטערגעצונדען די שטעדטעל פון עטליכע עקען. ס׳זיינען פערברענט געוואָרען אַלע אידישע הייזער, ס׳זיינען אויך געווען מענשליכע קרבנות. דער הויפּט זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרען זקנים, פרויען און קינדער, וועלכע האָבען ניט אוספּעעט צו ענטלויפען פון שטעדטעל. עס איז פעסטגעשטעלט דערביי אלס זיכערער פאַקט, אַז עטליכע היגע קריסטען האָבען גענומען אַנ׳אַקטיווען אָנטייל אין דעם פּאָגראָם. אַ בעזונדערע ענערגיע האָט דערביי אַרויסגעוויזען דער געוועזענער אוריאַדניק קאָוואַלסקי, וועלכער

[1]) זעה אויבען אין דעם בעריכט פון דער גובערניאלער סעקציע.

האָט אַליין אונטערגעצונדען 3 אידישע הייזער מיט די מענשען, וואָס האָבען זיך דאָרט געפונען, דעם ברייף־טרעגער'ס זוהן ראָדאָמסקי האָט געהאַט זיין האַנד אין פּאַגראָם. צווישען די העלפּער פון די באַנדיטען האָט זיך בעזונדערס אויסגעצייכענט דער פּויער בערעזשקאָ, וועמען די דייטשען האָבען געהאַט פער'משפּט צום טויט און וועלכער איז בעפריים געוואָרען נאָר אַ דאַנק די אידען.

ווענען די אורזאַכען, וועלכע האָבען כלומר'שט אויפגערעגט די היגע פּויערים, גיבען איבער די געליטענע פאָלגענדעס: אין איין צוזאַמענשטויס פון דעם ראַטען־חיל מיט די אויפגעשטאַנענע זיינען געפאַלען 10 פּויערים. די שולד פאַר זייער טויט האָט מען געלעגט אויף די אידען, וועלכע נעהמען אַנטייל אין דער רויטער אַרמעע. דערפאַר האָט מען זיך דאָס נוקם געווען פון אַלע אידען. די באַנדען, אַנהויבענדיג פון העטמאַן ביז אַראָב צום פּראָסטען גזלן, האָבען געפיהרט אַ בייז־ווילינע פּראָפּאַגאַנדאַ געגען די אידען. זשעלעזניאַק האָט ערקלערט די פּויערים, אַז בעת דעם צאַריזם זיינען די אידען געזעסען אויף די פּלייצעס פון די פּויערים און איצט האָבען זיי פערכאַפּט די מאַכט. מען מוז אַלץ צונעהמען ביי די אידען און זיי פערטרייבען פון די דערפער און שטעדטליך.

עס זיינען פאָרגעקומען פאַלען, וואו די אַריינמישונג פון איין פּויער איז געווען גענוג, כדי צו אָבצושטעלען די הריגות. „פאַרוואָס הרג'עט איהר אַ מענשען ווי אַ הונד?‟ האָט אין איין אָרט געפרעגט אַ פּויער די באַנדיטען. דאָס האָט געווירקט אויף זיי און זיי האָבען אָבגעלאָזען זייער קרבן.

נאָכ'ן פּאַגראָם האָט אַ טייל פון די געליטענע, וועלכע זיינען געווען אין סקוויר, געפּרובט זיך צוריקקעהרען אין זייער פערברענטע היים. פון 50, וועלכע האָבען זיך געלאָזט אין וועג, איז נאָר דערפאָהרען איין מייערבערג. מען האָט אין סקוויר געבראַכט שמות פון פערברענטע ספרי־תורה פון שוהל, וואָס איז אויך אָבגעברענט.

ווען דער ראַטען־חיל איז אָנגעקומען, האָט אַ טייל פון די פּאַגראָמשטשיקעס זיך פערשריבען אין דער רויטען אַרמעע, כדי זיך אויף דעם אופן אויסצוקויפען פון דער שטראָף, וואָס זיי האָבען ערוואַרט.

## סמעלע (קיעווער גובערניע).

### פּאַגראָם פון 14.—15. מאַי 1919.

(לויט דעם פּראָטאָקאָל מיט דעם חזן הערש זאָסלאַווסקי, 60 יאהר אַלט.)

דעם 16טען מערץ 1919 בין איך געקומען 7 אַזייגער אין דער פריה אין שול דאַווענען. בעת איך האָב אָנגעטהאָן די תפילין, האָבען זיך אַריינגעריסען צוויי בעוואָפענטע סאָלדאַטען מיט דעם געשריי: „זשידעס, קלייבט זיך צענויף!‟ גלייך האָט מען אונז אָנגעהויבען צו שלאָגען און אַרויסצופיהרען פון שול. מיר זיינען געווען אַכט עלטערע אידען. ווען איך האָב אַ סאָלדאַט געפרעגט וואוהין מען פיהרט אונז, האָט ער געענטפערט מיט אַ שמייכעל: „אייך, קאָמוניסטען, פיהרט מען הרג'ענען‟. אין עטליכע מינוט ארום בין איך שוין געווען צווישען 40 אידען, וועלכע מען האָט אויסגעשטעלט צו צוויי אין אַ שורה. עס זיינען גאָר ניט צו בע־שרייבען די בעליידיגונגען און די ענויים, וואָס מיר האָבען אויסגעשטאַנען. איין אַלטען אידען האָט מען אַרויסגעריסען די באָרד. אַזוי האָט מען אונז געפיהרט

איבער דער גרויסער גאַס צו דער סטאַנציע סמעלע. אויף דער סטאַנציע איז געשטאַנען אַ וואַגאָן, אין וועלכען מען האָט אונז געהייסען אַריינשפּרינגען. איינער האָט זיך געשטעלט אויפ'ן אַנדערען און אַזוי זיינען מיר אַריינגעשפּרונגען אין וואַגאָן, וועלכען מען האָט גלייך פֿערשפּאַרט. דער וואַגאָן האָט אַ צייט מאַנעווירט אַהין און צוריק. בעת מיר זיינען שוין אָבגעפֿאָהרען אַ וויאָרסט דריי, האָט מען דעם וואַגאָן אויפֿגעעפֿענט. עס איז אַריין צו אונז איינער, האָט אָנגעהויבען ארויסצוואַרפֿען די מענשען פֿון וואַגאָן און שיסען אויף זיי פֿון הינטען. שוידרהאַפֿטע שמע ישראל־געשרייען האָבען זיך געהערט וויט, וויט. איך בין געווען דער 18־טער און על פּי נס בין איך אַריינגעפֿאַלען צווישען די דער'הרג'עטע, אויף מיר זיינען געפֿאַלען גע'הרג'עטע, פֿערגיסענדיג מיר מיט בלוט. נאָך דער שחיטה האָט זיך געהערט אַ ווילדער שכור'ער געשריי: „הוראַ, אַלע זשידעס קאָמוניסטען זיינען דער־הרג'עט. חבר מאַטראָס, (דער מנהיג פֿון גריגאָריעוו'ס באַנדען) וואָס זאָלען מיר איצט טהאָן?" „אַהיים — איז געווען זיין ענטפֿער — אויף זשידעס איז ניטאָ וואָס צו פֿערלירען מעהר קיין קוילען". פֿאַר'ן אוועקגעהען האָט איינער געזאָגט, אַז ער האָט אויף איינעם געזעהען גוטע שיך (דאָס האָט ער געמיינט מיר). ער האָט אַראָבגעצויגען פֿון מיר די שיך און כדי זיך צו איבערציייגען, אַז איך בין טויט, האָט ער מיר אַ שטאָך געטהאָן מיט'ן באַיאָנעט. בשעת די גריגאָריעווצעס זיינען אַוועק, האָב איך זיך מיט גרויס מאַטערניש אויפֿגעהויבען און זיך אַרומגעקוקט. פֿאַר מיינע אויגען איז געשטאַנען אַ משונה'דיג בילד. די דערשאָסענע אידען האָבען זיך געוואַלגערט אויפ'ן פּלאַץ, און זייער בלוט האָט גערונען אין נאהענטען טייך. גאַנץ אָהן כחות האָב איך זיך געלאָזט געהן וואוהין די אויגען האָבען געטראָגען. איך בין אַריבער דעם טייך, געהענדיג ביז'ן האַלז אין וואַסער, און אריין אין אַ וואַלד. איך בין צוגעגאנגען צו אַ בוים, אָבער ניט וויט פֿון דאָרטען איז געשטאַנען אַ סאָלדאַט און געשאָסען פֿון אַ מאַשין־געוועהר אין דער ריכטונג פֿון דעם בוים. איך האָב זיך אַ וואָרץ געטהאָן אויף דר'ערד און צוגעטוליעט זיך צום בוים, אַזוי בין איך אָבגעלעגען צוויי מעת לעת. ביי דער נאַכט האָב איך זיך אָנגעטרונקען מיט וואַסער פֿון טייך. ס'איז דורך אַ גוי און איך האָב געבעטען ביי איהם אַ שטיקעל ברויט, האָט ער אָבגעזאָגט, אַנ'אַנדערער האָט געגעבען. בעת איך בין סוף־כל־סוף אַרויס פֿון וואַלד און געוואָלט געהן אַ היים, האָב איך געטראָפֿען אַ סך פֿוהרען מיט געהילץ. איך האָב געבעטען די פּויערים זאָלען מיר נעהמען אונטער זייער שוץ, נאָר זיי אַלע האָבען קאַטעגאָריש אָבגעזאָגט. זיי האָבען מיר אַפֿילו ניט געלאָזען אָנהאַלטען זיך אָהן די ברעטער, כדי ניט צו פֿאַלען פֿון שוואַכקייט. ווי עס איז האָב איך זיך דאָך דערשלאָגען אַהיים.

(חתימה)

## פּראָטאָקאָל מיט דינה ליפּשיץ 32 יאָהר.

דעם 11טען מאַי, 3 אַזייגער אין דער נאַכט האָט מען אָנגעקלאַפּט אין אונזער טיר. עס זיינען אַריין דריי מאַן און האָבען געפֿאָדערט געוועהר. זיי האָבען אונטערזוכט די גאַנצע דירה, נאָר קיין געוועהר האָבען זיי ניט געפֿונען. דאַן האָבען זיי אַלעמען צענויפֿגעטריבען אין איין צימער. זיי האָבען ווידער געפֿאָדערט געוועהר. דער אַלטער יחיאל ליפּשיץ (מיין שווער) האָט אויף די קניע פֿערזיכערט

די באַנדיטען, אַז ביי איהם אין דירה איז קיין געוועהר ניטאָ. שלמה ליפּשיץ, דער זוהן פֿון דעם אַלטען, האָט געוויזען אַ דאָקומענט, אַז ער איז ניט לאַנג געקומען פֿון דער דייטשער געפֿאַנגענשאַפֿט. לכתחילה האָט זיך געדוכט, אַז דאָס האָט געמאַכט אַ רושם אויף די באַנדיטען, אָבער אין עטליכע מינוט אַרום האָט מען אונז געהייסען זיך צושטעלען ביי דער וואַנד. איינער פֿון די באַנדיטען האָט גע־געבען דעם בעפֿעהל צו שיסען. דער ערשטער איז דער־הרג'עט געוואָרען שלמה ליפּשיץ. יחיאל ליפּשיץ איז געוואָרען שווער פֿערוואונדעט. מען האָט געוואָלט אויך מיר הרג'ענען, נאָר איינער האָט זיך דערבאַרימט אויף דעם פֿינף־חדשים'דיגען ברוסט־קינד, וואָס איז געווען ביי מיר אויף די הענד און האָט שרעקליך געוויינט. איך בין געבליבען איינע אַליין אין צימער, וואָס איז געווען פֿערטרונקען מיט בלוט פֿון די דער־הרג'עטע. עס האָט זיך אַריינגעריסען אַן אַנדער באַנדע און, זעהענדיג דעם שווער־פֿערוואונדעטען יחיאל ליפּשיץ, האָבען זיי אָנגעהויבען צו שיסען אויף איהם און אויף דעם דער־הרג'עטען שלמה ליפּשיץ. איך בין געבליבען אַ צייט לאַנג אין אַ צושטאַנד פֿון פערגליווערונג. ווען איך בין צו זיך געקומען, האָב איך בעמערקט, אַז יחיאל ליפּשיץ לעבט נאָך. איך האָב זיך געווענדעט צו דאָקטוירים נאָך הילף, נאָר זיי האָבען אָבגעזאָגט, און איך האָב איהם געמוזט אַוועקפֿיהרען אין האָספּיטאַל, וואו ער איז געשטאָרבען נאָך דער געמאַכטער אָפּעראַציע.

(חתימה)

## פּראָטאָקאָל מיט פֿרוי פּאָסטאָווסקי.

דעם 14־טען מאַי, צוועלף אַזייגער אין דער נאַכט זיינען צו אונז אין שטוב אַריין פֿיער בעוואָפֿענטע אין סאָלדאַטען־אוניפֿאָרם, געפֿאָדערט געוועהר, אונטערזוכט אַלעמען און שרעקליך געשלאָגען. מיין מאַן האָט זיי געגעבען 1000 רובעל, זיי האָבען פֿערלאָזען דאָס הויז און מיטגענומען מיין מאַן און דריי זיהן. אין אַ האַלב־שעה אַרום איז געקומען צעלויפֿען מיין איינגערער זוהן און האָט געבעטען ביי מיר נאָך 1000 רובעל. ער האָט אין האַסט דערצעהלט, אַז אונטערוועגס האָט מען זיי שטאַרק געפּייניגט. דער פֿאָטער האָט זיך רחמים געבעטען: „לאָזט מיר לעבען צוליב מיינע קליינע קינדערלעך". נאָר זיי האָבען איהם געענטפֿערט: „שוויג, זשיד!" מען האָט זיי אַוועקגעפֿיהרט צום טייך, אויסגעטהאָן נאַקעט און געשלאָגען מיט די פּריקלאַדען. בעת דער פֿאָטער האָט שוין פֿון וועהטאָג כמעט ניט געקענט רעדען, האָט ער זיך צו זיי געווענדעט: „ביי מיר דאַרף זיין נאָך איין טויזענדער, נעהמט דאָס צו, נאָר לאָזט אונז לעבען". בעת דער איינגעל איז געקומען מיט דעם געלד, האָט ער געפֿונען דעם פֿאָטער מיט די צוויי ברידער שוין דער־הרג'עטע, געבאָדען אין זייער אייגענעם בלוט.

## פּראָטאָקאָל מיט הערש קאָזאַקעוויטש, 56 יאָהר אַלט, אַ בעקער.

פֿון 13־טען ביז'ן 18־טען האָבען זיך ביי אונז אין דירה בעהאַלטען פֿון פּאָגראָם בערך 100 מענשען. די גאַנצע צייט איז דעם בעל־הבית'ס זוהן ארומגעגאַנגען אין פּויערישע קליידער און האָט בעוואַכט דאָס הויז. די פֿערביייגעהענדע באַנדען האָבען איהם געהאַלטען פֿאַר אַ פּויער און האָבען געפֿרעגט: „וואו איז דער שטאַב

פֿון די זשידאָווסקע קאָמוניסטען?״ ער האָט זיי געענטפֿערט, אַז די זשידעס האָט מען שוין צעראַבירט. דאָנערשטאָג דעם 15־טען אין אָוועגד האָבען די באַנדיטען בעלאַגערט די שטוב און האָבען געפֿאָדערט אַרויסצוגעבען אַלע זשידעס. ער האָט בעשטאַנען אויף דעם, אַז קיין זשידעס זיינען דאָ ניטאָ, און זיי זיינען אַוועק. שפעטער זיינען זיי צוריקגעקומען, האָבען אַרומגערינגעלט דאָס הויז און געפֿאָדערט מען זאָל זיי אַרויסגעבען אַלע זשידעס, ווען ניט וועלען זיי דערשיסען דעם בעל־הבית'ם זוהן. דער לעצטער האָט זיך געמוזט בעהאַלטען. זיי האָבען זיך אַריינ־געריסען אין הויז, אַרויסגעשלעפט 5 אידען, וועלכע זיי האָבען שרעקליך געשלאָגען, און זיי אַוועקגעפֿיהרט אין וואַגאָן (צו די אַנדערע טויט־קאַנדידאַטען).

## פראָטאָקאָל מיט דוד־מאיר גאָלדשטיין.

שבת דעם 17־טען מאַי 6 אַזייגער אין דער פֿריה האָבען זיך באַנדיטען אַריינ־געריסען צו אריה לעוויצקי, האָבען דאָרט געטראָפֿען אַ פּאָר מענשען און האָבען געפֿאָדערט פֿון זיי געלד. דער ערשטער איז דער'הרג'עט געוואָרען דער לעהרער פֿון תלמוד תורה, וועלכער האָט קיין געלד ניט געהאַט. דער צווייטער קרבן איז געווען פֿייגע זשיכליאַנסקי, 72 יאָהר אַלט, וועלכע האָט געבעטען מען זאָל זי הרג'ענען אָנשטאָט די יונגע. ביי די איבעריגע האָבען זיי צוגענומען 1300 רובעל און זיינען דערמיט אַוועק. ווי נאָר די בעוואָפֿענטע באַנדיטען האָבען פֿערלאָזען די שטוב, האָט זיך אַריינגעריסען אַ המון פויערים מיט קאָשיקעס און זעק און האָבען צעטיילט צווישען זיך אַלץ, וואָס זיי האָבען געפֿונען אין שטוב.

די איבערגעבליבענע האָבען געמיינט, אַז דער פֿאַקט, וואָס אין שטוב האָבען זיך געפֿונען בר־מינן'ס, וועט זיי פֿערזיכערען פֿון ווייטערדיגע פייניגונגען. דאָס האָט אָבער די לאַגע נאָך ערגער געמאַכט: יעדע נייע באַנדע, וואָס איז געקומען, איז, זעהענדיג די בר־מינן'ס, בעשטאַנען דערויף, אַז די זשידעס האָבען זיך פֿערטיידיגט מיט געוועהר אין די הענד און האָט געפֿאָדערט ביי די לעבעדיגע געוועהר. מען פֿלעגט די לעצטע צושטעלען צו דער וואַנד צום דערשיסען. דאָס איז אַזוי גע־גאַנגען אַ גאַנצען טאָג. מען האָט זיך געמוזט כסדר אויסקויפֿען מיט געלד.

(חתימה)

# אין דער פּאָדאָלער פּראָווינץ.

(באַריכט פֿון דער גובערנסקער אונטער־סעקציע צו דער צענטראַלער הילפֿס־סעקציע פֿאַר די מלחמה־קרבנות.)

אין דעם טאָג, ווען מיר האָבען אָבגעשיקט צו דער צענטראַלער סעקציע אונזער ערשטען באַריכט איבער די ערשטע אָרגאַניזאַציאָנס־טריט און דער אַקטיוויטעט פֿון דער גובערנסקער סעקציע, האָט זיך איבער דער פּאָדאָלער גובערניע אויפֿגעהויבען אַ שטאַרקע כוואַליע פֿון אויפֿשטאַנדס־בעוועגונגען, וועלכע האָבען זיך אויסגעגאָסען פֿאַר דער אידישער בעפֿעלקערונג אין אַ בעשטימטער פֿאָרם: מאַסען־שחיטות פֿון דער אידישער בעפֿעלקערונג אין אַלע שטעדט און שטעדטלעך אָהן אויסנאַהם. די באַנדעס, ערמונטערט דורך פּעטליוראַ'ס ערפֿאָלגען און דער אייגענער ניט־בע־שטראָפֿטקייט זייט זייער ענטשטעהן, זיינען נאָך חוצפּה'דיגער געוואָרען און האָבען געטהאָן זייער פֿינסטערע אַרבעט גאָר אָהן איילעניש, פּונקט ווי זיי וואָלטען פֿון קיין זייט ניט געהאַט צו ערוואַרטען קיין ווידערשטאַנד. דערמיט ערקלערט זיך וואָס זעהר אַ סך שטעדטלעך זיינען פֿאָלשטענדיג חרוב געוואָרען און די איבעריגע פֿאָדערן צו זייער ווידעראויפֿבויאונג קאָלאָסאַלע כחות, צייט און געלד. פֿון די לאָקאַלע באַריכטען פֿון אייניגע אינסטרוקטאָרען, וועלכע זיינען געקומען פֿון בראָצלאַווער, גייסינער און אַנדערע אויעזדען, זעהט מען קלאָר און דייטלעך ארויס, אַז אויף די ערטער איז קיין רעגירונגס־מאַכט ניטאָ: ניט קיין ראַטען־מאַכט און ניט קיין אַנדער מאַכט. יענע בעפֿעלקערונג, וועלכע איז ארויס לעבעדיגערהייט פֿון די באַנדיטענס הענד, איז זיך פֿונאַנדערגעפֿאָהרען אין די גרויסע שטעדט; עס זיינען נאָר געבליבען די, וואָס האָבען ניט געקענט אַוועקפֿאָהרען. די איבערגעבליבענע זיינען הפֿקר. עס איז גענוג, אַז אַ קליינע גרופּע באַנדיטען זאָל זיך אַריינכאַפּען אין אַ שטעדטעל, אום צו דערקוילען די איבערגעבליבענע בעפֿעלקערונג. ווי פֿריהער, בעגעגענען די באַנדעס בפֿרט איצט אַ שוואַכען ווידערשטאַנד (אזוי, צום ביישפּיל, איז ליטין — 30 וויאָרסט פֿון וויניצע — געוועזן פֿערנומען אין אַ משך פֿון צוויי וואָכען דורך באַנדיטען, וועלכע האָבען אַראַנזשירט מיטינגען, ערקלערט מאָביליזאַציע א. א. וו.) אַזעלכע לעבענס־בעדינגונגען גיבען צו די שטעדט און שטעדטלעך אַ ספּעציפֿיש אויסזעהען: צעשטערטע הייזער מיט שוואַרצע לעכער אָנשטאָט פֿענסטער און טירען, ערשראָקענע פּנים'ער, טויטע גאַסען, וואו מען זעהט קיין מענשען ניט, שטיל־קייט פֿון בית־הקברות — דאָס אַלעס מאַכט אַ שווערען איינדרוק. אויפֿצו־טהאָן ווערט ביי אַזעלכע בעדינגונגען פֿאָלשטענדיג אונמעגליך. די אָרטיגע איינוואָהנער זאָגען זיך אָב צו טהאָן וואָס עס זאָל ניט זיין, ווייל זיי זיינען ניט זיכער, אַז אויב די באַנדיטען וועלען זיך דערוויסען וועגען דער געגעבענער הילף,

וועלען זיי ניט קומען און ניט בערויבען און הרג'ענען די כלל־טהוער. די דאָזיגע איבערציייגונג ווערט נאָך פֿערשטאַרקט דורך דעם, וואָס די אָנפֿיהרער פֿון די באַנדיטען שפּאַצירען זיך גאַנץ רוהיג ארום איבער די גאַסען פֿון שטעדטעל, וואו מען האָט געהרג'עט און גערויבעוועט אונטער זייער השגחה, ווי אויך דורך דעם, וואָס די באַנדען, וועלכע געפֿינען זיך אין די אַרומיגע דערפֿער, אָרגאַניזירען זיך און ווערען נאָך גרעסער. אייניגע טהוער פֿון די געוועזענע רעוואָלוציאָנערע און עקזעקוטיווע קאָמיטעטען האָבען אַליין אַקטיוו אָנטייל גענומען אין אָרגאַניזירונג פֿון פּאָגראָמען, אייניגע האָבען אַפילו אָנגעפֿיהרט די באַנדען. איך ברענג אייניגע אויסצוגען פֿון די לאָקאַלע בעריכטען, וועלכע וועלען גענוג בעלויכטען די דאָזיגע ערשיינונג.

## וואַפּניאַרקע.

(פֿון בעריכט פֿון חבר לאַנדאַ.)

דעם 18־טען מאַי איז אַ באַנדע, וועלכע איז בעשטאַנען פֿון אַרומיגע פויערים, צוגעגאַנגען צו דער שטעדטעל וואַפּניאַרקע. די בעפֿעלקערונג האָט זיך תיכף געווענדעט צום רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט (רעווקאָם) מיט דער בקשה אָנצונעהמען מאַסנאַהמען. בראש פֿון רעוואָליוציאָנערען קאָמיטעט איז דעמאָלט געשטאַנען דיאַקאָוו; ער האָט ארויסגעשיקט אַ דעלעגאַציע צו דער באַנדע. דער דעלעגאַציע האָט מען געענטפֿערט; אַז מען זאָל אַרויסטרייבען די אידען פֿון רעווקאָם און אַלע רעגירונגס־אַנשטאַלטען, אָבנעהמענדיג פֿריהער ביי זיי דאָס געוועהר. דיאַקאָוו האָט דערפֿילט דעם וואונש פֿון די באַנדיטען און איבערגעגעבען, לויט די ערצעהלונגען פֿון די איינוואָהנער, די גאַנצע כלי־זין און די פּאַטראָנען־קעסטלעך אין זייערע הענד. האָבענדיג געוועהר, זיינען די באַנדיטען אַריין אין שטעדטעל (פֿריהער האָבען זיי געהאַט נאָר אַ פּאָר ביקסען) און האָבען אויפֿגעפֿאָדערט, אַז אַלע אידען זאָלען ארויסגעהען אויפֿ'ן פּלאַץ, כלומר'שט אויף אַ מיטינג. מען איז געגאַנגען פֿון שטוב צו שטוב און מען האָט פֿון דאָרטען אַרויסגעטריבען די אידען. ווען אַלע האָבען זיך פֿערזאַמעלט, האָט זיך אָנגעהויבען די הריגה. לויט דער בקשה פֿון גלח האָט מען נאָר איבערגעלאָזט די אַלטע לייט, וועלכע מען האָט אָבער זעהר געפּייניגט. נאָך דער שחיטה האָט זיך ערשט אָנגעהויבען דאָס ראַבעווען. לויט די ערצעהלונגען פֿון די איינוואָהנער איז דיאַקאָוו די גאַנצע צייט געווען אויפֿ'ן פּלאַץ און האָט אָנטייל גענומען אין דער שחיטה. איצט, צוריקקומענדיג פֿון באַלטער אויעזד אין וואַפּניאַרקע, האָב איך געפֿונען פֿאָלגענדעס בילד: אין דער צייט ווען אין וואַפּניאַרקע האָט זיך אויפֿגעהאַלטען אונזער בעסאַראַבער רעגימענט, איז די שטעדטעל דורך איהם אויסגעראַבירט געוואָרען. דאָס איז פֿאָרגעקומען פֿון 8־טען ביז'ן 10־טען יולי.

## קדימה.

דעם 18־טען מאַי איז אַריינגעקומען אַ באַנדע פויערים פֿון די אַרומיגע דערפֿער: איוואַשקאָווצי, פּיראָזשנע, סטרעטינאָווקע. אָנגעפֿיהרט האָט די דאָזיגע באַנדע טראַטשוק, אַנ'איינוואָהנער פֿון דאָרף איוואַשקאָווצי — אַ בעזיצער פֿון אַ מיהל. די שחיטה האָט זיך אָנגעהויבען 7 אַזייגער אין דער פֿריה. מען האָט אויסגעקוילעט

50—55 אידען. די איבעריגע האָט מען פֿערשפּאַרט אין בית המדרש און מען האָט בעשלאָסען מיט זיי פּאַרטיג צו ווערען נאָך דעם ראַבעווען. טראַטשוק האָט גע־הייסען הרג׳ענען און ראַבעווען נאָר די אָרימע לייט, די רייכע ניט ריהרען. דערפֿאַר האָט מען גערײַבעוועט נאָר ביי אָרימע און אַרבעטער. עס האָבען אָנטייל גענומען אין פּאָגראָם פֿאָלגענדע פּערזאָנען: אַנדריי טראַטשוק, ליסיוק, וויוואָסיוק, די לעהרער פֿון די נאָהענטסטע דערפֿער האָבען אַגיטירט און געטריבען די פּויערים אין שטעדטעל אריין, זאָגענדיג, אַז די אידען קוילען דאָרט אוים די פּויערים, און אַז אויב מען וועט ניט קומען צו הילף, וועלען די אידען קומען אין דאָרף צו דער׳הרג׳ענען די איינוואָהנער. די, וועלכע האָבען אוספּעעט אַוועקצופֿאָהרען מיט׳ן צוג, האָט מען אָבגעשטעלט אויף דער סטאַנציע איוואַנאָוקע, און עס זיינען דאָרט אויסגעקוילעט געוואָרען 65 מאַן. דער קאָמאַנדאַנט פֿון סטאַנציע, וועלכער איז אַוועקגעפֿאָהרען אין סלאָבאָדע נאָך הילף, איז צוריקגעקומען מיט אַ פּאַנצער־צוג און ער וואָלט נאָך געהאַט געגוג צייט צו העלפֿען, אָבער דער שעף פֿון דער סטאַנציע קדימה האָט אוועקגעלאָזען אַ צוג אויף דער ליניע, אויף וועלכער ס׳איז געפֿאָהרען דער פּאַנצער־צוג. מען האָט זיך געמוזט אָבשטעלען, און דער פּאַנצער־צוג איז געקומען אין קדימה ערשט אויפֿ׳ן צווייטען טאָג אין דער פֿריה און האָט פֿונאַנדערגעיאָגט די באַנדע. אַלע אָנטיילנעהמער און פֿיהרער פֿון פּאָגראָם געפֿינען זיך נאָך איצט אויף זייערע ערטער. נאָך דעם פּאָגראָם, ווען עס איז אָנגעקומען דער 2־טער עסקאַ־דראָן פֿון 1־טען קאַוואַלעריע־פּאָלק, כדי צו שאַפֿען אָרדנונג, האָט ער אויסגעראַבירט די לעצטע איבערגעבליבענע.

(לויט אַ צווייטען בעריכט זיינען די קאַוואַלעריסטען, וועלכע האָבען, אָנשטאָט צו מאַכען אָרדנונג, אַליין ראַבירט, פֿריהער געווען אין פּעטליוראַ׳ס חיל, אין פּאָלק אויפֿ׳ן נאָמען פֿון סאַמאָקיש. די מערדער פֿון די ענטלאָפֿענע, פֿון וועלכע ס׳רעדט זיך אין אויבערשטען בעריכט, האָבען געהערט צו גריגאָריעוו׳ס באַנדען. די צאָהל פּויערים, וואָס האָבען גענומען אָנטייל אין פּאָגראָם, ווערט אָנגעגעבען אויף 600.)

## בראַצלאַוו.

(לויט׳ן בעריכט פֿון חבר ליבערבערג.)

ווי טרויעריג עס איז ניט די לאַגע פֿון דער שטאָדט אויפֿ׳ן געביט פֿון סאָציאַלער הילף בכלל און די לאַגע פֿון די פּאָגראָם־געליטענע בפרט, האָב איך דאָך ניט גע־פֿונען קיין מעגליכקייט צו צוטרעטען צו דער אַרבעט. דאָס פֿעהלען פֿון וועלכע עס איז ארבעטסקראַפֿט האָט זעהר שווער געמאַכט די אָרגאַניזירונג פֿון אַ קאָלעגיום. אויב מען זאָל נאָך דערצו צוגעבען די מאָדנע רוהיגקייט, מיט וועלכער עס בעציהט זיך דער בראָצלאַווער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט (איספּאָלקאָם) צו דער געשאַפֿענער לאַגע, וועט דעמאָלט ווערען קלאָר, אַז אָרגאַניזירען די ארבעט אין בראַצלאַוו איז קיין מעגליכקייט ניטאָ, סיידען מען זאָל דעלעגירען אַהין צוויי מאַן פֿון צענטער, וועלכע זאָלען די גאַנצע צייט אָנגעהמען אַנ׳אַקטיווען אָנטייל אין דער אָרגאַניזירונג פֿון דער הילף. עס איז געגוג אָנצואווייזען אויף דעם, אַז די צאָהל דער׳הרג׳עטע אַליין איז דאָרט מעהר ווי 100 מאַן. ניט קוקענדיג אויף דער שווערער לאַגע, האָב איך ניט געפֿונען קיין איין מענש, וועלכער זאָל קענען העלפֿען.

# סטאַטיסטישע ידיעות.

לויט די בעקומענע ידיעות פֿון די אינסטרוקטאָרען איז די צאָהל קרבנות אין די איינצעלנע פונקטען פֿאָלגענדע:

| די פונקטען | ביז דער לעצטער אָפּענ־זיווע פון פעטליוראַ | דערנאָך | אינאיינעם |
|---|---|---|---|
| בראַצלאַוו | 88 | 300 | 388 |
| ליטין | 200 | 12 | 212 |
| טולטשין | 19 | 500 | 519 |
| פעטשאָרע | די גאַנצע בעפֿעלקערונג אויסגעקוילעט | | |
| יאַנאָוו | | | 300 |
| קאַלינאָווקע | | 8 | 8 |
| סטריזשעווקע | | 8 | 8 |
| גייסין | אייניגע הונדערט | | |
| טראָסטיאַנעץ | | | בערך 500 |
| אָבאָדאָווקע | 150 | ניט בעוואוסט | |
| באַלטע | 500 | | 500 |
| קדימה | | 115 | 115 |
| בערשאַד | | 300 | 300 |
| וואַפניאַרקע | | 60 | 60 |
| באַר | | 20 | 20 |
| יאַלטושקאָווע | | 20 | 20 |
| זשמערינקע | | 35 (אידען 7) | |
| בראַאילאָוו | | 26 | 26 |
| פּראָסקוראָוו (?) | | 35 | 35 |
| קיטיי־גאָראָד | | 85 | 85 |
| קאַמענעץ | | | בערך 100 |
| פיקאָוו | | | 68 |

# די לאַגע אין וויניצע.

דערווייל איז וויניצע געוואָרען די זיכערע עיר מקלט פֿאַר די פֿליכטלינגע פֿון דער גאַנצער גובערניע. דאָ געפֿינען זיך איצט פֿליכטלינגע פֿון די שטעדט ליטין, קאַלענאָווקע, יאַנאָוו און פֿון אַנדערע ערטער. לויט דער רעגיסטראַציע, וועלכע איז נאָך ניט געענדיגט, קען מען רעכענען, אַז די צאָהל פֿון די פֿליכטלינגע איז 3459 מאַן. אַזוי ווי אויף די ערטער איז קיין רויטער קרייץ ניטאָ, איז דער גובער־ניאַלער סעקציע אויסגעקומען פֿון אָנפֿאַנג אָן צו נעהמען אויף זיך צו געבען גיכע הילף. צו דעם דאָזיגען צוועק בעדינען די 1־טע און 3־טע סאָוויעט־קיכען אויס־שליסליך די פֿליכטלינגע. טעגליך ווערען אַרויסגעגעבען 1500—2000 מיטאָגען, אין דער פֿריה און פֿאַרנאַכט טיי. עס זיינען אָנגענומען מאַסנאַהמען צו עפֿענען אַ קינדער־גאָרטען, אין וועלכען עס פֿיהלט זיך אַ גרויסע נויט, נאָר אַ דאַנק דער

קאַלטער בעציהונג פֿון וואַהנונגסאַמט איז נאָך די פֿראַגע וועגען אַ דירה פֿאַר'ן קינדער־גאָרטען נאָך עד היום ניט אויפֿגעקלערט. אונז איז אפֿילו אויסגעקומען ווענדען זיך צום פֿערטיידיגונגס־ראַט. איך האָף, אַז אין אַ טאָג אָדער צוויי וועט דער אַנשטאַלט זיין געעפֿענט.

פֿאַר פֿערטיילען מעדיצינישע הילף איז ביי דער סעקציע דאָ איין איינציגער פֿעלדשער און דאָקטאָר פֿון סאַניטאַרער אָבטיילונג. די קראַנקע ברענגען מיר אין יודישען און פיראָגאָווער קראַנקענהייזער. צווישען די פֿליכטלינגע זיינען פֿאָרגעקומען פֿאַלען פֿון פלעק־טיפֿוס. בסך־הכל זיינען געבראַכט געוואָרען אין די קראַנקענ־הייזער 28 פערזאָנען.

אונזערע אינסטרוקטאָרען געפֿינען זיך אין די פֿאָלגענדע געגענדען פֿון דער גוברניע: אין באַלטער געגענד פראָסקוראָווער, אושיצקער, לעטיטשעווער און באַרסקער. אין שטעדטעל גאָלאָוואַנעווסק איז אַרויסגעשיקט געוואָרען אַ אינסטרוק־טאָר מיט געלד. אין דער שטעדטעל טראָסטיאַנעץ איז געווען אַרויסגעשיקט אַ אינסטרוקטאָר, נאָר ער איז היינט צוריקגעקומען, ווייל די געגענד איז ווידער פֿער־נומען דורך אַ באַנדע.

צום סוף קומט אַ פֿינאַנץ־בעריכט.

די קאַסע פֿון דער סעקציע:

| | |
|---|---|
| הוצאות ביז 21־טען יולי זיינען געווען | 1.400.250 רובל |
| אין דער קאַסע זיינען געבליבען | 3.709.750 רובל |

דער סעקציע־פֿערוואַלטער (חתימה)

רעד בעפֿולמעכטיגטער פֿון דער צענטראַלער סעקציע (חתימה)

20. 7. 19.

## אויסצוג

### פֿונ'ם בעריכט פֿון פאָדאָלער גובערניאַלער הילף־סעקציע פֿאַר פאָגראָם געליטענע צו דער צענטראַלער סעקציע.

אין דער גוברניע איז ניטאָ כמעט איין שטאָדט און שטעדטעל, וועלכע האָט ניט איבערגעלעבט דעם גאַנצען פאָגראָם־שרעק פֿון דער לעצטער צייט. דערביי איז געוועזען דייטליך צו ערקענען, אַז די פאָגראָמען, וועלכע עס האָבען פֿעראַנ־שטאַלטעט די בונטעווענדע באַנדען און פעטליוראָווצעס, האָבען געגעבען זעהר אַ גרויסע צאָהל קרבנות. אין היפך דערצו פֿלעגען די צעשטערונגען, וועלכע זיינען פֿעראורזאַכט געוואָרען פֿון אייניגע דעמאָראַליזירטע סאָוועטישע אָבטיילונגען ס'רוב אָנגעהמען די פֿאָרם פֿון ראַבירונגען. אייניגע פונקטען האָבען איבערגעלעבט צוויי אָדער דריי פאָגראָמען ווי למשל ליטין, באַלטע, גייסין א. אַ. וו. דער גרעסערער טייל פֿון דער אויסראַבירטער אידישער בעפֿעלקערונג, וועלכע איז נאָך געבליבען לעבען, האָט ניט קיין לעבענסמיטעל, קיין וועש, קיין שיך. מען האָט בוכשטעבליך אויסגעראַבירט אַלץ, וואָס די אידישע בעפֿעלקערונג האָט פֿערמאָגט. די אָנגע־שראָקענע מענשען לעבען אין קעלערס; אויסערליך זעהען אויס די שטעדט און שטעדטלעך ווי אַ מדבר. מען קען דורכפֿאָהרען אַ צעשטערטע שטאָדט אָדער שטעדטעל און ניט בעגעגענען אַ לעבעדיגען נפֿש. כמעט יעדע משפחה האָט פֿון צוויי ביז דריי הרוגים. עס איז געבליבען לעבען ס'רוב צו איין מענש אויף אַ

פאַמיליע. די פערוואונדעטע זיינען קאַליקעס. ביי דעם איז אָבגעהאַקט אַ האַנד, ביי יענעם זיינען דאָ דריי, פיער וואונדען פון קוילען. די געליטענע זיינען געבליבען אין די זעלבע קליידער, וועלכע זיי האָבען געטראָגען בשעת דעם פאָגראָם. אַלע, וואָס זיינען געבליבען לעבען, זיינען פול שרעק, דערווייטערען זיך פון מענשען און מאַכען אַ זעהר שווערען איינדרוק. עס בעמערקט זיך אַ באָיקאָט־טענדענץ פון די דערפער צו די חרוב געמאַכטע שטעדט און שטעדטלעך, און עס ווערען אַהין קיין לעבענס־מיטעל ניט צוגעפיהרט. מחמת דעם ליידען די צעשטערטע פונקטען אויסער די אַלע צרות נאָך פון דוחק אין פראָדוקטען. אומעטום הערט מען נאָך שטימען: „גיט אונז ניט קיין געלד, נאָר גיט אונז ברויט און קליידער“.

דער פערוואַלטער מיט דער סעקציע (חתימה)

מיטגליעד פון סעקציע (חתימה)

סעקרעטער (חתימה)

ס'שטימט מיט'ן אָריגינאַל (חתימה).

## זלאַטאָפּאָל

אין דער הילפס־קאָמיסיע פאַר געליטענע פון קאָנטער־רעוואָליוציע.
(דער צענטראַלער הילפס־סעקציע פאַר געליטענע פון פאָגראָמען.)
פון די מיטגליעדער פון זלאַטאָפּאָלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט (איספּאָלקאָם).

דער פאָגראָם אין זלאַטאָפּאָל האָט זיך אָנגעהויבען דעם 2־טען מאַי און האָט געדויערט כמעט אָהן אַ הפסק 4 וואָכען נאָכאַנאַנד. דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט נאָך פאַר צוויי חדשים געוואוסט, אַז אויב עס וועלען ניט אָנגענומען ווערען קיין בעזונדערע מאַסנאַהמען, איז אַ פאָגראָם אונפערמיידלעך. אַלע פּאַרטיזאַנישע אָבטיילונגען פון טשיגירינער אויעזד פלעגען ביי זייער קומען קיין זלאַטאָפּאָל מיט־ברענגען אַ בעזונדערע אַנטיסעמיטישע אַטמאָספער. בעזונדערס האָט זיך אין דער דאָזינער הינזיכט אויסגעצייכענט די אָבטיילונג אונטער דער הנהגה פון לאָפּאַטאַ'ן, וועלכער האָט אויף אַלע דאָרפס־פערזאַמלונגען אין אַלע דערפער אָפען אַגיטירט און גערופען די פויערים צו אַ פאָגראָם. דאָס איז געוועזן אָנהויב אַפּריל 1919. לאָפּאַטאַ איז אַוועק מיט זיין אָבטיילונג פון טשיגירין קיין לעבעדין און פון דאָרט דורך די דערפער לעפּיאַנקע, טורלאָ און אַנדערע קיין זלאַטאָפּאָל. נאָך פאַר זיין אָנקומען פלעגען צו אונז אין עקזעקוטיווען קאָמיטעט קומען פויערים און דערצעהלען, אַז לאָפּאַטאַ רופט די פויערים אויף דאָרפס־פערזאַמלונגען צו פאָגראָמען. דעם 5־טען אַפּריל, אָדער מיט אַ פּאָר טעג פריהער נאָך לאָפּאַטעס קומען, האָט אָנ־געהויבען שמעקען אין שטעדטעל מיט אַ פאָגראָם. לאָפּאַטאַ האָט זיינע מיינונגען ניט געהאַלטען בסוד אַפילו פאַר'ן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט. ער האָט אָפען ער־קלערט, אַז די אידען דאַרף מען אויסקוילען. כדי צו פערמיידען אַ שחיטה איז דעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט אויסגעקומען דעמאָלט אַרויסצורופען פון יעליסאַוועטגראַד אַ בעוואָפענטע אָבטיילונג, און לאָפּאַטאַ'ס חיל איז ענטוואָפענט געוואָרען. דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט אָנגעווענדעט דעם דאָזיגען עקסטרעמען מיטעל נאָך דעם ווי איינינע מיטגליעדער פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט זיינען געוואָרען אַרעסטירט און נאָך דעם ווי לאָפּאַטאַ האָט ערקלערט אין שטעדטעל בעלאַגערונגס־צושטאַנד און האָט אויפגעפאָדערט די בעפעלקערונג אָבצוצאָהלען אין אַ משך פון 24 שעה

די געבליבענע חובות פֿון די זעמסקע שטייערן. אין בעפֿעהל וועגען דעם איז געשטאַנען, אַז אויב מען וועט ניט איינצאָהלען די חובות וועט דאָס פֿיהרען צו רעפּרעסיעס ביז צו דער בעשיסונג פֿון שטעדטעל. נאָך דעם דאָזיגען אינצידענט איז קיין קיעוו אָבגעפֿאָהרען אַ קאָמיסיע מיט אַ בעריכט. פֿון קיעוו איז אַרויסגעשיקט געוואָרען אַנ'אויסעראָרדענטליכער בעפֿולמעכטיגטער, וועלכער האָט אָנגעזאַמעלט זעהר פֿיעל דאָקומענטאַלע פֿאַקטען. זיי האָבען דייטליך בעוויזען די שרעקליכע מעשים און די פֿערברעכענס פֿון לאָפּאַטאַ און פֿון מיטגליעדער פֿון דער טשיגירינער אויסעראָרדענטליכער קאָמיטיע. דער בעפֿולמעכטיגטער האָט די רעזולטאַטען פֿון זיינע אונטערזוכונגען טעלעגראַפֿיש מיטגעטיילט דעם פֿאָלקס־קאָמיסאַריאַט פֿון יוסטיץ און האָט מודיע געווען, אַז ס'איז נויטווענדיג צו אַרעסטירען לאָפּאַטאַ'ן די מיטגליעדער פֿון דער טשיגירינער אויסעראָרדענטליכער קאָמיסיע און אַנדערע. פֿון זלאַטאָפּאָל איז דער בעפֿולמעכטיגטער אָבגעפֿאָהרען דעם 23־טען אַפּריל, ערקלערענדיג, אַז ער פֿאָהרט אין קיעוו נאָך אַ מיליטער־אָבטיילונג און אַז ער וועט צוזאַמען מיט דער דאָזיגער אָבטיילונג קומען צוריק קיין טשיגירין און וועט אָננעהמען מיטלען, אַז די פֿערברעכענס פֿון די טשיגירינער טהוער זאָלען אויפֿהערען און אַז דער גאַנצער טשיגירינער אויעזד זאָל אָבגערייניגט ווערען פֿון די באַנדיטען. פֿון יענער צייט אָן האָט ניט דער עקזעקוטיווער קאָמיטעט קיינע ידיעות וועגען די רעזולטאַטען פֿון דער אויספֿאָרשונג, נאָר עס איז גאַנץ גענוי בעוואוסט, אַז לאָפּאַטאַ און אַנדערע געפֿינען זיך נאָך עד היום אין טשיגירין פֿאָלשטענדיג פֿריי. אין צוויי טעג אַרום נאָך דעם ווי דער פּאָגראָם אין זלאַטאָפּאָל האָט זיך דעם 4־טען מאַי אָנגעהויבען, איז אַהין געקומען צו פֿאָהרען פֿון טשיגירין אַ מיליטער־אָבטיילונג אונטער דער הנהגה פֿון קאָצוראַ דעם אינגערען, נאָר עס האָט נאָך מעהר געהאָלפֿען צו פֿערשטאַרקען דעם פּאָגראָם, ווייל די באַנדיטען האָבען דערפֿיהלט, אַז זיי וועלען בלייבען פֿאָלשטענדיג ניט בעשטראָפֿט און האָבען געפֿונען אַפילו ביי די סאָלדאַטען און ביי זייערע אָנפֿיהרער אונטערשטיצונג. די טעטיגקייט פֿון די דאָזיגע הערען איז גענוי געשילדערט געוואָרען אין בעריכט פֿון אַ. כראָמטשענקאָ. איצט איז די לאַגע אין שטעדטעל אַ טראַגישע. די אידישע בעפֿעלקערונג שטאַרבט בוכשטעבליך פֿון הונגער. די גאַנצע בעפֿעלקערונג איז געבליבען אָהן מיטלען, סיי די הענדלער, וועלכע זיינען ביז דעם פּאָגראָם געווען זעלבשטענדיג, סיי די בעלי־מלאכות, ביי וועלכע מען האָט אָבגענומען די ווערקצייג און מאַטעריאַל. אין שטעדטעל הערשט הונגער־טיפֿוס. דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט רעכענט, אַז די 300.000 רובעל, וואָס די גובערניאַלע סעקציע האָט אַרויסגעגעבען אויף צו העלפֿען די זלאַטאָפּאָלער, איז אַבסאָלוט ניט גענוג, ביי דעם איצטיגען יקרות קען אַזאַ סומע דינען אַלס מאָמענטאַלע הילף פֿאַר די הונגעריגע, אָבער בשום אופֿן קען מען ניט מיט די דאָזיגע מיטלען העלפֿען די בעלי־מלאכות, זיי צו פֿערשאַפֿען ווערקצייג אויף איינצואָרדענען קאָלעקטיווע ווערקשטאַטען. מען מוז אויך נעהמען אין בעטראַכט, אַז די אידישע שפּאָר־ און ליי־קאַסע און דער קאָאָפּעראַטיוו „זעלבסט־הילף“, וועלכע האָבען צוגעשטעלט פֿאַר דער אָרימער אידישער בעפֿעלקערונג לעבענסמיטלען, זיינען געבליבען אָהן געלד און האָבען נאָך ביז איצט ניט אָנגעהויבען צו פֿונקציאָנירען. אָהן די דאָזיגע אונטערנעהמונגען, וועלכע האָבען בעדינט אַ 8000־קעפּיגע אידישע בעפֿעלקערונג, קען די דאָזיגע בעפֿעלקערונג ניט אויסקומען און דערפֿאַר מוז מען זיי אונטערשטיצען זיי זאָלען קענען ווידער אָנהויבען זייער טעטיגקייט. מען מוז אויך אָרגאַניזירען די אויסגאַבע פֿון הלוואות אָהן פּראָצענטען

אויף לאַנגע טערמינען, כדי צו געבען דער בעפעלקערונג די מעגליכקייט זיך ווידער פֿערנעהמען מיט אַרבעט, כדי זי זאָל זיך ניט פּערוואַנדלען אין שטענדיגע פּאַנסיאָנערען (פֿון דער מלוכה). צום סוף בעטען מיר, אַז מען זאָל פֿאַר זלאַטאָפּאָל אַרויסגעבען אַ סומע פֿון אַ פּאָר מיליאָן רובעל, נאָר דעמאָלט וועלען מיר קענען רעכענען, אַז די בעפעלקערונג וועט מיט דער צייט קענען ארויסגעהען פֿון איהר טראַגישער לאַגע.

פֿאָרזיצענדער פֿון עקועק. קאָמיטעט (חתימה)

געהילפֿס-פֿאָרזיצער פֿון עקועק. קאָמיטעט (חתימה)

ס'שטימט מיט'ן אָריגינאַל (חתימה).

## קריוואָיע-אָזעראָ.

לויט'ן בעריכט פֿון דעם אינסטרוקטאָר פֿון פֿאָדאָלער אונטער-אָבטיילונג פֿאַר סאָציאַלער פֿערזאָרגונג.

דער פּאָגראָם איז פֿאָרגעקומען דעם 10-טען מאַי, ער איז אָרגאַניזירט געוואָרען דורך באַנדיטען, וועלכע זיינען געקומען צו פֿאָהרען פֿון אָדעס מיט דער הילף פֿון פויערים פֿון די ארומיגע דערפֿער. עס זיינען דער'הרג'עט געוואָרען איבער 250 מענשען, פֿערוואונדעט איבער 150, צעראַבירט ארום 400 פֿאַמיליעס. פּאָלי-טישע פּאַרטייען זיינען אין שטעדטעל ניט געווען. אַ הילפֿס-קאָמיטעט איז צענויפֿ-געשטעלט געוואָרען פֿון פערזאָנען, וואָס אַרבעטען אין פֿערשיידענע אינסטיטוציעס.

## קליין-גאָלאָסקאָוו.

לויט'ן בעריכט פֿון אַ אינסטרוקטאָר.

דער פּאָגראָם איז פֿאָרגעקומען אין די ערשטע טעג פֿון יוני. הרוגים זיינען געווען 95, אויסגערויבט איז געוואָרען דאָס גאַנצע שטעדטעל. ניטאָ קיין איין פֿאַמיליע, וואָס זאָל זיך ניט נויטיגען אין הילף. ברויט מוז מען פֿערטיילען צווישען 210 פֿאַמיליעס, אינאיינעם 883 נפֿשות. באָלשעוויקעס זיינען דאָרט ניטאָ און דער אינסטרוקטאָר האָט געמוזט צענויפֿשטעלען דעם הילפֿס-קאָמיטעט פֿון איין פועלי-ציון, איין צעירי-ציון און איין פֿאָרשטעהער פון פּראָפֿעסיאָנעלען פֿעראיין. די הילפֿס-אַרבעט ווערט געשטערט דורך די אָנפֿאַלען פֿון באַנדען. די קינדער פֿון שטעדטעל געפֿינען זיך אין שרעקליכע אונגעזונדע בעדינגונגען. דער טיפֿוס איז שטאַרק פֿערשפּרייט.

## וואָלאָטשיסק.

אין אַ ביטשריפֿט צו דעם וואָלאָטשיסקער רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט קלאָגען זיך די איינוואָהנער פֿון שטעדטעל איבער די ווילקיר-טאַטען פֿון די רויטע-אַרמייצעס, וועלכע רייסען זיך אַריין אין די הייזער פֿון די אָרימע איינוואָהנער (די רייכע זיינען שוין לאַנג אַוועק), פֿון די אָרימע קליינע קרעמער און בעלי-מלאכות און מיט רעוואָלווערען אין די הענד נעהמען זיי צו ביי זיי די לעצטע. די בעפֿעלקערונג ווערט שרעקליך מיסהאַנדעלט. עס ווערט געבעטען אָבצושטעלען די מעשים תעתועים און צו שטיצען די אויסגערויבטע בעפֿעלקערונג.

# באַלטע.

## בעריכט צו די פּעראייניגטע צענטראַלע הילפס־קאָמיסיעס פאַר די קרבנות פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע און אידישע פּאָגראָמען.

פון דעם מיטגליעד פון באַלטער שטאָדטישען עקזעקוטיוו־קאָמיטעט ז. פּיטערמאַן.

די שטאָדט באַלטע, פּאָדאָלער גובערניע, האָט אין אַ משך פון מעהר ווי צוויי חדשים, זייט פּעברואַר פון דעם יאָהר און ביז דעם 6־טען אַפּריל, שטענדיג געליטען פון צעשטערונג און טעראָר דורך פעטליוראַ'ס אָבטיילונג „יאַניוווסקי זאטשיאַ“ אונטער דער אָנפיהרונג פון אַטאַמאַן סטאָפּקעוויטש און פון „קאַלטען היידאַמאַקישען יאַר“ פון אַטאַמאַן קאָשטשיק, און אנדערע. אין דער צייט זיינען אין שטאָדט פּאָרגעקומען צוזאַמענשטויסען צווישען דער פּאַרטיזאַנישער באָלשעוויסטישער אָבטיילונג פון חבר דיאַטשישנין און די אוקריינישע אָבטיילונגען. און איטליך מאָל, ווען ס'פלעגען מנצח זיין די היידאַמאַקעס, פלעגט זיך דאָס ענדיגען מיט אַ אידישען פּאָגראָם. אַזוינע פּאָגראָמען זיינען פּאָרגעקומען 3 מיט דעם אַלגעמיינער צאָהל פון בערך 200 קרבנות (אויסשליסליך אידען). אָבגעברענט זיינען דורך אונטער־צינדונגס־באָמבען ארום 35 הייזער, עס זיינען פערגעוואַלדיגט געוואָרען 12 פרויען, צווישען זיי אַ 70־יעהריגע זקנה, איין מיידעל איז אויפ'ן צווייטען טאָג געשטאָרבען פון די איבערגעלעבטע שרעק און אייניגע פרויען ליידען נאָך ביז איצט פון ווענערישע קראַנקהייטען. כמעט אַלע אידישע הייזער און דירות זיינען צעשטערט געוואָרען ביז'ן יסוד און אויסשליסליך אַלע אידישע געוועלבען זיינען צעראַבירט. דער פּאָגראָם האָט אַפילו ניט געשאַנעוועט די אָרימסטע אידישע שטאָדט־טייל און די קלענסטע אידישע ווערקשטאַטען. עס זיינען דורך די היידאַמאַקעס ארויסגעפיהרט געוואָרען פון שטאָדט די גאַנצע דרוקעריי פון ש. דאָרף און אַ גרויסער מעכאַנישער ווערקשטאַט פון ק. שאַץ און י. אוסאַקאָווסקי. מעהר ווי אַלע האָט געליטען, ווי געוועהנליך, דער אַרבעטענדער און די אָרימסטע טייל פון דער אידישער בעפעלקערונג. צווישען די קרבנות געפינען זיך נאָך 3—4 פּאָרשטעהער פון דער אידישער בורזשואַזיע, די איבעריגע זיינען די אינטעליגענץ, אָרימע לייט, אַרבעטער, אַלץ עלעמענטען, וואָס האָבען אין מאָמענט פון סכנה ניט געוואָלט און פּאַקטיש ניט געקענט פערלאָזען די שטאָדט.

(אין אַ בעמערקונג ווערט מיטגעטיילט, אַז אויפ'ן סמך פון דעם דאָזיגען בעריכט האָט די צענטראַלע הילפס־קאָמיסיע פאַר די קרבנות פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע אויף דער זיצונג פון 9־טען מאַי 1919 בעשטימט אַ דערוויילינע אונטערשטיצונג פון אַ מיליאָן רובעל פאַר באַלטער קאָמיסיע, וואָס איז אויך אויס־געפיהרט געוואָרען.)

## אין צענטראַלער הילפס־סעקציע פאַר פּאָגראָם געליטענע.

פון פערוואַלטער פון פּאָדאָלער גובערניאַלער סעקציע
ע. קרוקער.

## ערקלערונג.

אין איינינע ערטער פון גובערניע, וואו עס זיינען פּאָרגעקומען פּאָגראָמען, שפּאַצירען זיך די אָנפיהרער פון די באַנדען גאַנץ פריי ארום איבער די גאַסען, געפינען זיך אויף מלוכה־שטעלעס, ווי למשל אין קדימה, טראָסטיאַנעץ, גייסין א. א. וו. ווי מען קען דאָס זעהן פון מיינע פּאָרגעלעגטע בעריכטען.

רעכענענדיג, אַז אזאַ צושטאַנד טאָר ניט דערלאָזען ווערען, בעט איך אָנצונעהמען מיטלען צו ליקווידירען דעם דאָזיגען בייז, און ווענד זיך צו קאָמפּעטענטע מאַכט־אָרגאַנען פון דער ראַטען־מאַכט מיט דער בקשה צו בעשטימען אַ אויסעראָרדענטליכע קאָמיסיע אויף אויסצופאָרשען און איבערצוגעבען די שולדיגע צום געריכט.

6־טער אויגוסט 1919.

דער פּאָרזיצענדער פון פּאָדאָליער גובערניאַלער סעקציע
(חתימה).

## מאַקאַראָוו (קיעווער אויעזד).

דער פּאָגראָם האָט זיך אָנגעהויבען דעם 6. יולי און האָט געדויערט אַכט טעג. דער מאַטעריעלער היזק בעטרעפט 3 מיליאָן רובעל. איין מאַן איז צופעליג דער'הרג'עט געוואָרען. אין דער באַנדע, וואָס האָט געמאַכט דעם פּאָגראָם, האָבען זיך געפונען מעהרערע געפאַנגענע רויטע ארמעער, וועלכע האָבען זיך גע־האַט צעלאָפען, ווען זיי האָבען דערזעהן די סכנה פאַר דער סאָוויעט־מאַכט און זיינען אַריינגעפאַלען אין געפאַנגענשאַפט. דער אָנפיהרער איז געווען אַ אוקריי־נישער „סאַמאָסטיניק", וועלכער האָט ערקלערט, אז פּאָגראָמען זיינען אַ מיטעל צו פערפעסטיגען די מאַכט.

[לויט אַ בעריכט פון אַ מיטגליעד פון דעם מאַקאַ־ראָווער געגענד־עקזעקוטיוו־קאָמיטעט (איספּאָלקאָם)]

## סאַמאָגאָראָדעק (בערדיטשעווער אויעזד).

דער פּאָגראָם איז פּאָרגעקומען דעם 13־טען מערץ 1919. אנ'אָבטיילונג פון פעטליוראָווצעס, וועלכע האָבען זיך געפונען 8 וויאָרסט פון שטעדטעל, איז אהין אַריין מיט'ן צוועק צו ראַבעווען און מאָרדען. די אידישע בעפעלקערונג איז אין פּאַניק פונאנדערגעלאָפען. די אַרומיגע און אָרטיגע פויערים, וועלכע האָבען זיך גראָד אין דעם טאָג פערקליבען צום יאָהרמאַרק, האָבען מיט דער הילף פון די פעטלוראָווצעס צעראַבירט די פערלאָזענע קראָמען און הייזער. וואָס מען האָט ניט געקענט מיטנעהמען, האָט מען צעשטערט. דאָס האָט געדויערט אַ גאַנצען טאָג, ביז די באָלשעוויקעס זיינען געקומען און דער פּאָגראָם האָט זיך אָב־

געשטעלט. דער היזק בעטרעפֿט 30 מיליאָן רובעל. אַ סך גבירים זיינען געוואָרען אָרימע לייט. עס ווערט דרינגענד פֿערלאַנגט הילף.

(לויט אַ בעריכט פון 7־טען אַפּריל פון די בעפּאָלמעכטיגטע פון דער אידישער בעפּעלקערונג פון סאַמאָגאָראָדעק צום אידישען הילפס־קאָמיטעט אין קיעוו)

## באָגוסלאַוו (קאַנעווער אויעזד).

דאָס שטעדטעל, וואָס געפֿינט זיך אינ׳ם ראַיאָן פון דער אויפֿשטאַנדס־בעוועגונג, איז אין פֿערלויף פֿון אַפּריל און מאַי 1917 אַ סך מאָל אַריבערגעגאַנגען פֿון איינע הענד אין די אַנדערע און האָט אָהן אַנ׳אויפֿהער געהאַט צו ליידען פֿון פּאָגראָמען און ראַבירונגען. צום סוף איז דאָס שטעדטעל נאָכ׳ן אוועקגעהן פֿון דעם ראַטען־חיל אונטערגעצונדען געוואָרען פֿון די פּאָוסטאַנצעס. עס זיינען פֿערברענט געוואָרען 2 שורות קראָמען און 15—20 הייזער.

עס זיינען איבערגעבליבען ארבעטסלאָזע וועבער, בעלי־מלאכות, פּראָסטע אַרבעטער. 200—300 משפחות נויטיגען זיך אין הילף. עס ווערט רעקאָמענדירט צו געבען שטיצע אויך די קליין־בירגער, וועלכע האָבען דורך דער שרפה אַלץ פֿערלאָרען.

(לויט אַ ביטשריפט פון דעם אָרטיגען עקזעקוטיוו־קאָמיטעט צו דער צענטראַלער הילפס־סעקציע פאַר די קרבנות פון דער קאָנטר־רעוואָלוציע)

## וואָלאָדאַרקע (סקווירער אויעזד).

אַ דעלעגאַציע פֿון דער אָרימסטער אידישער בעפֿעלקערונג פֿון שטעדטעל וואָלאָדאַרקע האָט זיך געווענדעט צו פֿערשיידענע צענטראַלע אינסטיטוציעס פֿון דער סאָוויעט־רעגירונג אין אוקריינע מיט אַ בקשה וועגען שאַפֿען אָרדנונג אין שטעדטעל און געבען הילף דער נויט־ליידענדער בעפֿעלקערונג. אין דער ביטשריפֿט ווערט בעריכטעט: אַנ׳אָבטיילונג פֿון 1200 באַנדיטען אונטער דער הנהגה פֿון זשעלעזניאַק, סאָקאָלאָוו און אַנדערע האָט זיך סוף יוני 1919 פֿון טאַראַשטשע און סטאַווישטשע אַריינגעריסען אין וואָלאָדאַרקע, האָבען דער׳הרג׳עט 10 פּערזאָנען, אַ סך מענשען פֿערוואונדעט און האָבען אויסגערויבט די גאַנצע האָראָפּאַשנע בעפֿעלקערונג. מיט דעם סטראַשונאָק אַלעמען אויסצוקוילען האָבען זיי אַוועקגענומען 300000 רובעל במזומנים. ביי אַ צווייטען אָנפֿאַל זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרען 15 מאַן און ביי אַ 60 פֿערוואונדעט. אָרטיגע טונקעלע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע עלעמענטען האָבען גענומען אַנ׳אָנטייל אין די אָנפֿאַלען, בעת די אָרטיגע קריסטליכע בעפֿעלקערונג האָט זיך געהאַלטען „פֿריינדליך נייטראַל“. עס איז אויך פֿאָרגעקומען אַ דריטער אָנפֿאַל, וועלכער האָט זיך אויסגעלאָזט מיט פֿיעל קרבנות, צווישען זיי זקנים, פרויען און קינדער. אין דער נאַכט נאָך דעם אָנפֿאַל האָט זיך די גאַנצע אידישע בעפֿעלקערונג, מיט דער אויסנאַהמע פֿון הילפֿסלאָזע זקנים, קראַנקע און פֿערוואונדעטע, וועלכע האָבען ניט געהאַט קיין כח מיטצוגעהן, אויפֿגעהויבען און אַוועק צו פֿוס אויף דער סטאַנציע בעלאַיאַ

צערקאָוו, איבערלאָזענדיג אַלץ אויף הפקר. אָנקומענדיג אָהן אַ גראָשען געלד, אָבגעריסען און הונגעריג, וואַלגערען זיך די אונגליקליכע אין די גאַסען.

דעם 8. יולי האָבען די באַנדיטען ווידער געמאַכט אַ שחיטה צווישען זקנים און פּרויען, וועלכע זיינען איבערגעבליבען אין וואָלאדאַרקע. זיי האָבען דער־הרג'עט אויך פּערוואונדעטע פון די פריהעריגע פּאָגראָמען. אין שטעדטעל איז ניטאָ קיין מיליץ און קיין שום אנדערע מאַכט־אָרגאַנען אויף אויפצוהאַלטען די אָרדנונג.

## באָרשטשאַגאָווקע (סקווירער אויעזד).

אַ דעלעגאַציע פון באָרשטשאַגאָווקע האָט זיך געווענדעט צו דער קיעווער גובערניאַלער אָבטיילונג פאַר סאָציאַלער פערזאָרגונג (גובסאָבעז) מיט דער בקשה וועגען דרינגענדער הילף פאַר די פּאָגראָם־קרבנות. אין איהר ביטשריפט בע־ריכטעט זי: דאָס שטעדטעל וואָס געפינט זיך 30 וויאָרסט פון דער סטאַנציע ראָס, איז אָבגעריסען פון די שכנה'שע ערטער. זייט דעם 1־טען מאַי איז קיין מיליטער־מאַכט דאָרט ניט געווען, בעת די ציוויל־מאַכט איז געווען זעהר שוואַך. דער פאַקט, וואָס די שכנה'שע ערטער זיינען געווען פערנומען דורך באַנדען, איז זעהר צונוץ געקומען די באַנדיטען, וואָס האָבען זיך גענומען בעווייזען אין שטעדטעל. לכתחילה האָבען די דאָזיגע באַנדיטען געמאַכט איינצעלנע אָנפאַלען, מיט דער צייט זיינען זיי געוואָרען אַלץ חוצפה'דיגער און חוצפה'דיגער. דעם 4־טען יולי 1919 איז אַ באַנדע, וואָרס האָט זיך אָנגערופען אויף סאָקאָלאָווסקי'ס נאָמען, אָנגעפאַלען אויף באָרשטשאַגאָווקע. דאָס ערשטע האָט זי צענויפגערופען אין בית־מדרש אַלע מענליכע איינוואָהנער פון שטעדטעל און געפאָדערט פון זיי אַ קאָנטריבוציע פון 400 טויזענד רובעל. אָבער אַזוי ווי דאָס שטעדטעל איז שוין פריהער אויס־געראַבירט געוואָרען, האָט זיך נאָר איינגעגעבען צענויפצוקלייבען 108 טויזענד רובעל. בעקומענדיג די קאָנטריבוציע, האָט די באַנדע גענומען שיסען אויפ'ן עולם, וואָס איז געווען פערזאַמעלט אין בית מדרש; 7 מאַן זיינען געבליבען טויט אויפ'ן אָרט, אַסך זיינען פערוואונדעט געוואָרען. דערנאָך האָט זיך די באַנדע אַלאָז געטהאָן איבער די הייזער, וואו זי האָט געראַבירט, גע'הרג'עט און מאַנס געווען פרויען. דעם 6־טען יולי אין דער פריה האָט זיך בעוויזען קאָזאַקאָוו'ס באַנדע, וועלכע האָט מיטגענומען אַ קאָנטריבוציע פון 59 טויזענד רובעל און זיך אָבגעטראָגען. אין דעם זעלבען טאָג, 2 אַזייגער איז ווידער געווען סאָקאָלאָווסקי'ס באַנדע, האָט אונטערגעצונדען דאָס שטעדטעל פון איינינע עקען מיט'ן צוועק זי חרוב צו מאַכען, אַלע קראַנקע און אַסך הייזער זיינען פאַלשטענדיג פערברענט געוואָרען. די אידען, וועלכע האָבען געפּרובט אַרויסראַטעווען זייער האָב און גוטס פון די פלאַמען, האָבען דערפאַר טייער בעצאָהלט: 13 זיינען דער'הרג'עט געוואָרען און אַ סך פערוואונדעט. פון די, וועלכע האָבען געזוכט אַ מקום מקלט ביי די פויערים פון די שכנה'שע דערפער, זיינען 10 פערזאָנען דער'הרג'עט געוואָרען. נאָכדעם, ווי די באַנדע האָט אָבגעטהאָן איהר בלוטיגע אַרבעט, איז זי פער־שוואונדען. פון דער בעפעלקערונג, וואָס האָט איבערגעלעבט די דאָזיגע פּרעוויות'ן, זיינען אַ סך געבליבען אָהן אַ דאַך איבער'ן קאָפּ און אַזוי גוט ווי אַלע אָהן ברויט. אַלע לעבען נאָך אין שטענדיגען פאַנישען שרעק פאַר נייע אָנפאַלען. גע'חתמ'עט אויף דער ביטשריפט זיינען יעקב מעלסקי, חיים לעווענבערג און יוסף צאַפּ.

## קאָרנין (סקווירער אויעזד).

אין קאָרנין, אַ שטעדטעל 12 וויאָרסט פֿון פֿאַסטאָוו, האָט זיך דעם 2־טען יולי אריינגעריסען אַ באַנדע, וואָס האָט צעראַבירט דאָס שטעדטעל און דער׳הרג׳עט 12 אידען.

(לויט אַן׳אָפֿיציעלען בעריכט פֿון דער סאָוויעט־מאַכט.)

## יאַנאָווע.

300 אידען דער׳הרג׳עט אין פּאָגראָם.

(לויט סאָוויעט־קוועלען.)

## נאָווא־פֿאַסטאָוו.

דער׳הרג׳עט און פֿערוואונדעט 60 פּערזאָנען.

אין ראיאָן פּאָגרעבישטשע אָפּערירען קליינע באַנדען, וועלכע קוילען אויס די גאַנצע אידישע בעפֿעלקערונג.

(לויט סאָוויעט־קוועלען.)

## לעבעדין (טשיגירינער אויעזד).

אין אַ ביטשריפֿט צו דעם צענטראַלען הילפֿס־קאָמיטעט פֿאַר די פּאָגראָם־קרבנות אין נאָמען פֿון 70 פֿאַמיליעס פֿליכטלינגע ווערט בעריכטעט איבער דעם פּאָגראָם, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען דעם 5־טען מאַי 1919 אין לעבעדין, קיעווער גובערניע, טשיגירינער אויעזד. די אָרטיגע באַנדען האָבען אויסגעקוילעט אַ העלפֿט פֿון דער אידישער בעפֿעלקערונג. אַלץ איז אויסגעראַבירט געוואָרען, וואָס די באַנדיטען האָבען ניט געקענט מיטנעהמען, האָבען זיי פֿערברענט. אַריינגערעכענט די אָבגעברענטע הייזער בעטרעפֿט דער היזק פֿיער מיליאָן רובעל.

אין אַ ביטשריפֿט פֿון די אידישע אָנגעשטעלטע פֿון דער צוקער־ראַפֿינעריע פֿון לעבעדין צו דער קיעווער געגענד־פֿערוואַלטונג פֿון דער צוקער־פּראָדוקציע ווערט בעריכטעט:

דעם 5. מאַי האָט מען טעלעפֿאָניש מודיע געווען די אידישע אָנגעשטעלטע, אַז אין פֿערלויף פֿון 24 מינוט טאָר קיין איינציגער „זשיד" ניט פערבלייבען אויף דער פֿאַבריק. אַ סך אָנגעשטעלטע האָבען זיך געלאָזט לויפֿען אין די נאָהענטסטע שטעדטלעך מאַטוסאָווע און שפּאָלע, אבער נאָך איידער זיי האָבען אוספעעט צו פֿערלאָזען די פֿאַבריק־טעריטאָריע, זיינען זיי בעשאָסען געוואָרען פֿון באַנדיטען, וועלכע האָבען זיך געהאַט בעהאַלטען און אויפֿ׳ן אָרט זיינען פֿיער אָנגעשטעלטע געבליבען טויט. פֿון יענעם מאָמענט אָן האָט דאָרט אָפּערירט אַ קליינע גרופּע פֿון אָרטיגע באַנדיטען, וועלכע האָט מיט איהרע ראַבירונגען און הריגות אָנגעוואָרפֿען אַ פּחד אויף דער אידישער בעפֿעלקערונג. די אַדמיניסטראַציע פֿון פֿאַבריק און די אָרטיגע מאַכט האָבען אַנטקעגען דעם ניט אָנגענומען קיין שום מיטלען. וואָס די באַנדיטען האָבען ניט געקענט מיטנעהמען, האָבען זיי חרוב געמאַכט און פֿערברענט. אַ שיכור׳ע בלוטיגע וואַקכאַנאַליע האָט זיך אָבגעשפּילט אין און אַרום

דער פֿאַבריק, וואו אידישע אָנגעשטעלטע האָבען אין פֿערלויף פֿון פֿיעלע יאָהרען פערדינט זייער ברויט דורך זייער שווערע, עהרליכע האַרעוואַניע. די אָנגעשטעלטע, וועמען עס האָט זיך איינגעגעבען צו ראַטעווען דאָס נאַקעטע לעבען, זיינען אַוועק אין דאָס שכנה'שע שטעדטעל שפּאָלע, אַ טייל אויך קיין קיעוו. אַלע לעבען אין די שרעקליכסטע אומשטענדען; די פֿאַבריק־אַדמיניסטראַציע זאָגט זיך אָב זיי צו־געבען די מינימאַלסטע הילף.

## זלאַטאָפּאָל (טשיגערינער אויעזד).

(לויט אַ בעריכט פון דעם אינסטרוקטאָר רויזין צו דער הילפס־סעקציע פאַר די פּאָגראָם־קרבנות.)

ביז דער באָלשעוויסטישער איבערקעהרעניש האָט זלאַטאָפּאָל פֿון פּאָגראָמען ניט געוואוסט, אַפֿילו ניט אין יאָהר 1905, ווען אין די ארומיגע ערטער האָט זיך פֿונאַנדערגעגאָסען די פּאָגראָם־כוואַליע. די פויערים האָבען זיך בעצויגען צו די אידען מיט פֿערטרויען און די אינטעליגענץ איז געווען צו איהר צוגעבונדען דורך די פֿעדים פֿון קולטור און אויפֿקלערונג. שפּעטער האָט זיך דאָס געענדערט. די אינטעליגענץ האָט דערזעהן אין די פּלייסיגע, ריהרעוודיגע אידען געפֿעהרליכע קאָנקורענטען. נאָך דער איבערקעהרעניש האָבען די פריצים און די אינטעליגענטען געמאַכט יד אחת אויפֿצוהעצען די בעפֿעלקערונג געגען די אידען און אויף זיי ארויפֿצולעגען די שולד פֿאַר דער רעוואָלוציע, שפּעקולאַציע און יקרות. פעטליוראַ'ס פֿעריאָדע האָט פֿער'שיכור'ט די מאַסע מיט שאָוויניסטישע געפֿיהלען און מיט'ן דורשט נאָך אידיש בלוט און אונטער דעם פֿלאַג פֿון קאַמף געגען באָלשעוויזם האָבען באַנדען, וועלכע זיינען אָנגעקומען פֿון טשיגירין מיט'ן אויסרעד פֿון אָביסקעס, טעראָריזירט די אידישע בעפֿעלקערונג. די אָרטיגע אַרבעטס־ליגע, אין וועלכע ס'האָבען זיך קאָנצענטרירט די פֿערטרעטער פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיינען, האָט זיך ערקלערט פֿאַר אַנ'עקזעקוטיוון קאָמיטעט, אָבער גאָרנישט ניט געקענט מאַכען, ניט האָבענדיג די פֿערבינדונג מיט'ן צענטער. אין פֿעברואַר, ווען די ראַטען־מאַכט האָט זיך פֿערפעסטיגט, האָט מען אויסגעקליבען אַנ'אָרטיגען אַרבעטער־ראַט. דעם 2־טען אַפּריל זיינען אָנגעקומען אַ מאַן 80 אונטער דער הנהגה פֿון לאָפּאַטין, האָבען פֿערנומען דעם אַרבעטער־ראַט און האָבען געפּרובט מאַכען אַ פּאָגראָם. עס איז ענטשטאַנען אַ קאַמף, אין וועלכען ס'זיינען דער'הרג'עט געוואָרען 4 באַנ־דיטען, לאָפּאַטין איז ענטלאָפֿען, אָבער ער האָט צוגעזאָגט זיך נוקם צו זיין פֿון „זשידאָווסקען סאָוויעט". לאָפּאַטין און קאָציוראַ האָבען מיט דער הילף פֿון דער אינטעליגענץ פֿונאַנדערגעשיקט אַגיטאַטאָרען אין די דערפֿער און האָבען גערופֿען צו אַנ'אָפֿענעם אויפֿשטאַנד געגען די אידען. לויט אַנ'אָבגעמאַכטען סיגנאַל האָבען 15 דערפֿער געדאַרפֿט אַרויסטרעטען מיט אַ קרייץ־צוג. דעם ערשטען מאַי בעת דעם אינטערנאַציאָנאַלען יום־טוב, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבען אַ דעמאָנסטראַציע מיט רויטע פֿאָהנען, האָט זיך פלוצלונג אין דער דעמאָנסטראַציע בעוויזען די נאַציאָנאַלע אוקריינישע פאָהן און דוקאָ אין די ערשטע שורות. די סאָוויעט־פֿערטרעטער האָבען ערקלערט, אַז מחמת דעם אינטערנאַציאָנאַלען יום־טוב דאַרפֿען די אינטערנאַציאָנאַלע פֿאָהנען געטראָגען ווערען אויף דעם ערשטען פּלאַץ. די אוקריינישע פֿאָהן איז אַוועקגענומען געוואָרען. אויפֿ'ן צווייטען טאָג האָט מען געקלונגען מיט'ן שטורם־גלאָק און געשאָסען פֿון ביקסען. דערמיט האָט זיך אָנ־

געהויבען די בלוטיגע וואָקכאַנאַליע. אין די ערשטע דריי פּאָגראָם־טעג זיינען געפֿאַלען איינצעלנע קרבנות און זיינען אויסגערויבט געוואָרען די אידישע הייזער. נאָך דעם, ווי דער צעבושעוועטער המון האָט דערשמעקט דעם טעם פֿון בלוט, האָט ער אויפֿ'ן פערטען טאָג קיינעם ניט געשאַנעוועט. פיצעלעך קינדער און זקנים, אַרבעטער און פֿאַבריקאַנטען — אַלעמען האָט מען בעשולדיגט אין באָלשעוויזם, מען האָט אכזריות'דיג דער'הרג'עט 69 מענשען און 200 פֿערוואונדעט. אַרום צוויי וואָכען האָבען געדויערט די רויבערייען און שרפֿות. מען האָט אָנגעמאַכט אַ שרעקליכע שרפה, ספעציעל צווישען די קראָמען, די אַנדערע הייזער האָט מען כמעט צעשטערט און דעם מאַטעריאַל פֿונאַנדערגעטראָגען. פֿון 285 קראָמען זיינען 275 פֿערברענט געוואָרען, פֿון 1100 הייזער זיינען 15 פֿערברענט און 1065 צעשטערט געוואָרען. אינגאַנצען זיינען אין שטאָדט געבליבען 20 הייזער מיט 10 קראָמען. די סחורה און אייגענטום איז פֿונאַנדערגעפֿיהרט געוואָרען אויף טויזענד פֿוהרען, פֿון דער שפּאָר־ און לייה־קאַסע אַליין האָט מען אַוועקגעפֿיהרט 130 פוד פוטער, 9 טויזענד פוד צוקער. כאַראַקטעריסטיש איז דער פֿאַקט, אַז אַ טייל פֿון די דאָזיגע סחורות איז אריינגעפאַלען אין „רוסישע קאָאָפעראַטיוען" און ווערט נאָך עד היום פֿערקויפֿט און מען גיט ניט אָב די בעלי־הביתים. ס'איז אויך פֿאָרגעקומען, אַז אַ „רוסישער קאָאָפעראַטיוו" האָט פֿערכאַפּט דעם לאָקאַל, פֿון דעם אידישען קאָאָפעראַטיוו און האַלט איהם נאָך איצט. דער זעמסקער שפיטאָל האָט צוגענומען די מעדיקאַמענטען פֿון דער אידישער אַפטייק און טראַכט גאָר ניט וועגען דעם דאָס צוריק אָבצוגעבען. לויט אַנ'אנקעטע, וואָס מען האָט געמאַכט בנוגע די מאַטעריעלע שאָדענס, וועלכע נעהמט אַרום נאָר אַ פֿערטעל פֿון דער איבערגעבליבענער בעפֿעלקערונג, בעטרעפֿען די דאָזיגע שאָדענס ביי 31 מיליאָן רובעל.

## אַלעקסאַנדראָווקע־פֿונדוקלעעווקע (טשיגערינער אויעזד).

דער פּאָגראָם און די הריגות האָבען זיך אָנגעהויבען דעם 8־טען מאַי 1919, ווען אַנ'אָבטיילונג אונטער אַטאַמאַן גריגאָריעוו, „דעם פֿערטיידיגער פֿון ראַטען־מאַכט אָהן קאָמונע", האָט זיך אָבגעשטעלט אויף דער סטאַנציע פֿונדוקלעעווקע און אַ מאַן 15—20 בעוואַפֿענטע זיינען אַוועק אין שטעדטעל „זוכען קאָמוניסטען". זיי זיינען געגאַנגען כסדר פֿון הויז צו הויז און געראַבירט. צו זיי זיינען צוגעשטאַנען אָרטיגע רויבער. די איינוואָהנער זיינען זיך צעלאָפֿען פֿון די הייזער אין צענטער פֿון שטאָדט. די וואָס מען האָט אָנגעטראָפֿען, על פי רוב קראַנקע, זיינען דער־הרג'עט געוואָרען. שרעקליכע טעג זיינען געווען דער 19. און 20. מאַי, ווען אַ געהילף פֿון גריגאָריעוו'ן האָט געשיקט אַ אָבטיילונג קאַוואַלעריע, כדי עוקר מן השרש זיין די „קאָמוניסטען". 11 אַזייגער, נאָך אַ בעשיסונג דורך מאַשינען־געוועהר און האַרמאַטען, האָבען זיך די רייטער אריינגעלאָזען אין שטאָדט און האָבען מיט דער גרעסטער אכזרות געמאָרדעט. אין די צוויי טעג זיינען דער'הרג'עט געוואָרען 150 מענשען. די מערדער האָבען ביי אַלעמען פֿערלאַנגט געלד. דער צעלאָזענער המון האָט אינגאַנצען אויסגעראַבירט די אידישע דירות.

אַ דריטער אָנפֿאַל איז פֿאָרגעקומען אין יולי, ווען די ראַטען־חיל איז צייטווייליג אָבגעטראָטען. אויף דער אידישער בעפֿעלקערונג האָט מען אַרויפֿגעלעגט אַ קאָנטריבוציע פֿון 75 טויזענד רובעל און די פֿערפייניגטע, טעראָריזירטע, אויס־

גערויבטע אידישע בעפעלקערונג האָט געמוזט נעהמען קרעדיט ביי דער רוסישער קרעדיט־געזעלשאַפט, כדי צו קענען אויסקויפען דאָס לעבען. ס׳זיינען צעראַבירט מעהר ווי 500 דירות, וואו ס׳האָט געוואָהנט אַ בעפעלקערונג פון 3300—3200 נפשות.

(לויט אַ בעריכט פון הערר׳ן עליסאוועטסקי זיינען פון 15—22. מאַי דער׳הרג׳עט געוואָרען 211 פערזאָנען און 30 פערוואונדעט. עס זיינען אויסגעקוילעט געוואָרען גאַנצע משפחות, צווישען זיי אַ פאַמיליע פון 17 מיטגליעדער.)

## גאָראָדישטש (טשערקאַסער אויעזד).

(לויט אַ בעריכט פון סאָוויעט־מאַכט־בעפאָלמעכטיגטען לעשטשינסקי.)

די שטאָט האָט 25 טויזענד איינוואָהנער, דערפון אַרום 3500 אידען (800 משפחות). שוין צום ערשטען טאָג פסח האָט דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט דורך זיינע אַגענטען זיך דערוואוסט, אַז עס ווערט צוגעגרייט אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער אַרויסטריט מיט׳ן צוועק צו פערכאַפען די מאַכט און אָרגאַניזירען אַ אידישען פאָגראָם. אויף אַ פערזאַמלונג, וואָס איז אָבגעהאַלטען געוואָרען צוליעב דעם הינטער דער שטאָדט, איז בעשלאָסען געוואָרען: 1) די אידען צו פאָגראָמירען, אָבער ניט הרג׳ענען, 2) דעם פאָגראָם אָנצוהויבען לויט אַן׳אָבגערעדטען סיגנאַל, דהינו: שטאַרק קלינגען מיט׳ן קירכען־גלאָק אָדער פייער־צייכען חאלט. דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט פון דעם אַלעמען געוואוסט און האָט געקענט אַפילו די אָרגאַניזאַטאָרען פון דעם אַרויסטריט, אָבער ער האָט זיי ניט אַרעסטירט, נאָר האָט פערשטאַרקט די שמירה. די פסח־טעג האָט די אידישע בעפעלקערונג איבערגעלעבט אין שרעק, אָבער די טעג זיינען אַריבער רוהיג. דעם 8־טען מאַי האָט מען זיך אין שטאָדט דערוואוסט, אַז גריגאָריעוו׳ס באַנדען דערנעהנטערען זיך. דעם 10־טען איז די לאַגע געוואָרען נאָך ערנסטער. דעם 11־טען האָט דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט אַרעסטירט אויסשליסליך די אידישע בורזשואַזיע און האָט אויף איהר ארופ־געלעגט אַ קאָנטריבוציע פון 90 טויזענד רובעל, דערביי האָט מען זיך זעהר ברוטאַל בענאָמען מיט די אַרעסטירטע, דער פינאַנץ־קאָמיסאַר האָט אַליין געשאָסען אויף איינעם פון די אַרעסטירטע. די פערלאַנגטע קאָנטריבוציע איז אַריינגעטראָגען געוואָרען. דאָס איז געווען די צווייטע קאָנטריבוציע. די ערשטע, 250 טויזענד רובעל, איז כמעט פאָלשטענדיג גענומען געוואָרען פון די אידען. אין אייגענעם טאָג האָט דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, מיטנעהמענדיג די פאַפירען און די מיליטער אָבטיילונג, וואָס האָט זיך ביי איהם געפונען, פערלאָזען די שטאָדט, איבערגעבענדיג דעם שוץ פון דער בעפעלקערונג דער מיליץ. דעם 11־טען אין אָווענד האָבען די מיליציאַנטען אָנגעהויבען אַ שיסעריי, וואָס האָט דעם אידען קאָגאַן געקאָסט דאָס לעבען. אין דער ווייטערער צייט האָט מען שטאַרק גענומען קלינגען מיט׳ן גלאָק און די פאָגראָמשטשיקעס האָבען זיך צענויפגעקליבען. פייער־ווערק־ראַקעטע האָט מען געלאָזט אויפשטייגען. נאָכדעם ווי אַלע קראָמען זיינען אויסגעראַבירט געוואָרען, האָבען די פאָגראָמשטשיקעס בעזעצט די רייכע אידישע הייזער. אַ גאַנצע נאַכט האָבען זיי געבושעוועט. דערביי האָבען זיי דער׳הרג׳עט ל. טרעגוב׳ען, פרוי ר. סאָסנאָווסקע, ע. דינערשטיין. דעם 12־טען האָט מען זיך דערוואוסט, אַז די מאַכט איז פערכאַפט געוואָרען דורך די אָרטיגע אָנהענגער פון גריגאָריעוו׳ן. בראש זיינען געשטאַנען גריציי און אָנישטשענקאָ, דער ערשטער אַ געוועזענער אַטאַמאַן

אונטער דער צענטראַלער ראַדע, דער לעצטער אַ געוועזענער דעלעגאַט צום אַרבעטס־קאָנגרעס אין דער צייט פֿון דער דירעקטאָריע. דעם זעלבען טאָג האָבען די אידען אַריינגעטראָגען צו גריציי 95 טויזענד און צום קאָמענדאַנט פֿון דער מיליץ 15 טויזענד רובעל, וועלכע האָבען איבערגענומען אָבצושטעלען דעם פּאָגראָם. אָבער דער פּאָגראָם איז נאָך ווילדער געוואָרען. די לעהרער און תלמידים פֿון גימנאַזיום און פֿון די שכנה'שע דאָרף־שולען האָבען אָנגעפֿיהרט מיט'ן פּאָגראָם. אַזוי איז עס נעגאַנגען ביז צום 15־טען מאַי, ווען עס איז ווידער אָנגעקומען סאָוויעט־חיל.

דער רעזולטאַט פֿון פּאָגראָם: 7 געהרג'עטע, 3 פֿערוואונדעטע, דערפֿון איינער אויף טויט, און 135 פּאָגראָמירטע הייזער. דער היזק בעטרעפֿט 3 מיליאָן. דעם 31־טען זיינען פֿאָרגעקומען ראַבירונגען דורך דעם 7־טען סומסקער פּאָלק (באָל־שעוויקעס). אין דעם האָבען זיך בעטייליגט אידישע רויטע־אַרמעעצעס, מען האָט דערביי אויך בעפֿאַלען די שול.

### I. דאָקומענטען.

„איך בעפֿעהל דער זשידאָווסקער בעפֿעלקערונג צו ברענגען אַלע וואָפֿען ביז 8 אַזייגער אין אָוועגד. די ניט־אויספֿיהרונג פֿון דעם דאָזיגען בעפֿעהל וועט גע'משפּט ווערען לויט די געזעצען פֿון מלחמה־צייט.

12־טען מאַי 1919. קאָמיסאַר אָנישטשענקאָ.“

### II.

„איך בעפֿעהל אָהן שהיות עפֿענען די זשידאָווסקע קראָמען.

15־טען מאַי 1919. קאָמיסאַר אָנישטשענקאָ.“

(דער אָריגינאַל פֿון ביידע דאָקומענטען איז אין דער אוקריינישער שפּראַך.)

## די שטאָדט און אויעזד ראַדאָמיסל.

די פּאָגראָם־כוואַליע אין ראַדאָמיסלער אויעזד, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבען אין חודש פֿעברואַר, האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר פֿערשפּרייט. עס איז ניט געבליבען קיין איינציגער ווינקעל אין גאַנצען ראַיאָן, וואו די אידישע בעפֿעלקערונג איז פֿערשאַנעוועט געוואָרען פֿון די טיפֿסטע דערשיטערונגען. דער ערשטער פּאָגראָם אין ראַדאָמיסל איז פֿאָרגעקומען אין מערץ. עס זיינען דעמאָלט אויסגעראַבירט געוואָרען אַלע קראָמען און הייזער, און 33 פּערזאָנען זיינען דער'הרג'עט געוואָרען. זייט דעמאָלט האָט די בעפֿעלקערונג געלעבט אין אַ שטענדיגער פּאַניק. אין אַפּריל האָט זיך סאָקאָלאָווסקי'ס אָנגריף איבערגע'חזר'ט, אָבער די בעפֿעלקערונג האָט זיך דערפֿון בעצייטען דערוואוסט דורכ'ן אָבטרעטען פֿון דעם ראַטען־חיל, און אַ העלפֿט פֿון איהר איז פֿונאַנדערגעלאָפֿען זיך אין די אַרומיגע שטעדטלעך — ברוסילאָוו, קאָראָסטישעוו, מאַלין, מאַקאַראָוו און טיילווייז אין קיעוו. אַלע האָבען ביים ענטלויפֿען געהאַט בדעה צוריקצוקומען, ווי נאָר עס וועט ווערען רוהיג. און באמת'ן, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די באַנדע האָט זיך נוקם געוועזען אָהן די אידען אויפֿ'ן אכזריות'דיגסטען אופֿן — ביים צווייטען פּאָגראָם זיינען אינגאַנצען צעפּאָגראָמירט געוואָרען די פֿון ערשטען פּאָגראָם נאָך גאַנץ געבליבענע הייזער און 9 אידען זיינען דער'הרג'עט געוואָרען — קומען דאָך אַלע צוריק און הויבען אָהן זיך צו־

צופאַסען צו די נייע לעבענס־בעדינגונגען. אַנדערש איז דאָס אָבער געווען אין חודש מאַי. סאָקאָלאָווסקי׳ס באַנדע האָט זיך אַריינגעריסען 3 אַזייגער ביינאַכט און זיך גלייך גענומען צו איהר בלוטיגער מלאכה. קיין הויז ווערט ניט דורכגעלאָזט און אָהן קיין שום פֿונאַנדערקלייבען ווערען אַלע אויפֿ׳ן אכזריות׳דיגסטען אופֿן דער׳הרג׳עט, יונגע און זקנים, פֿרויען און מענער. די צאָהל דער׳הרג׳עטע אידען ביים לעצטען פּאָגראָם בעטרעפֿט 400. די איבערגעבליבענע בעפֿעלקערונג איז פֿאָלשטענדיג רואינירט און אָהן אַ מקור פֿאַר דער עקזיסטענץ, ניט זיכער, אַז מאָרגען וועט זיך די בלוט־באָד ניט איבער׳חזר׳ן, בעשליסט אויף שטענדיג צו פֿערלאָזען די שטאָדט. פֿון 12 טויזענד אידען זיינען דאָרט געבליבען נאָר 2 טויזענד, די איבעריגע זיינען צעוואָרפֿען איבער דער גאַנצע סביבה. די וואָס געפֿינען זיך נאָר אין דער שטאָדט נעכטיגען אויך ניט ביי זיך אין דער היים, נאָר בעהאַלטען זיך איטליכער וואו ער קען. די שטאָדט איז פֿערוואַנדעלט אין אַ בית־עולם. די הויפּט־גאַסען ווערען פֿערוואַקסען מיט גראָז, די קראָמען פוסטעווען מיט ווייט גע־עפֿענטע טירען.

אַלע שטעדטלעך און דערפֿער פֿונ׳ם ראַדאָמיסלער אויעזד האָבען געליטען פֿונ׳ם פּאָגראָם. ברוסילאָוו — צוויי מאָל, דעם ערשטען מאָל אין יוני, האָט מען צעפּאָגראָמירט אַ סך קראָמען און ארויפֿגעלעגט אַ קאָנטריבוציע פֿון 500 טויזענד רובעל און 9 מענשען דער׳הרג׳עט, דעם צווייטען מאָל אין יולי זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרען 21 פערזאָן און אַסך געשעפֿטען צעראַבירט. מאַלין און קאָראָסטישעוו האָבען איבערגעלעבט צוויי פּאָגראָמען. אין אַלע דערפֿער, וואו ס׳לעבען אידען, זיינען דאָ צו עטליכע אויסגעקווילעטע.

# דער שוואַרצער סך הכל.

(בעריכט פֿונ'ם הילפֿס־קאָמיטעט פֿאַר די פּאָגראָם־קרבנות ביים רוסישען רויטען קרייץ אין קיעוו.)

## I. די ענטשטעהונג פֿון די פּאָגראָמען.

די אַנטיסעמיטישע פּאָגראָם־כוואַלע, וועלכע שטייגט איבער אין היכף און אַכזריות אַלץ, וואָס איז ביז אַהער געזעהן געוואָרען און וועלכע האָט פֿערפֿלייצט די פֿעלדער און די שטעדט פֿון אוקריינע מיט'ן בלוט פֿון דער פֿרידליכער אידישער בעפֿעלקערונג, האָט זיך אָנגעהויבען דעם 31־טען דעצעמבער 1918 און איז ענטשטאַנען דורך דעם בירגער־קריג, נאָך דער מַפּלה פֿון דער דייטשער אימפּעריע און פֿון העטמאַן סקאָראָפּאַדסקי'ס רעזשים, וועלכע זיינען געווען פֿעסט פֿערבונדען איינע מיט'ן אַנדערען. דער דאָזיגער בירגער־קריג האָט זיך אָנגעהויבען מיט דעם נצחון'דיגען אויפֿשטאַנד פֿון דער דירעקטאָריע, וואָס איז אויף ס'ניי פֿאָרמירט געוואָרען, געגען דעם גענעראַל סקאָראָפּאַדסקי און באַלד דערנאָך מיט דער שטורמדיגער בעוועגונג פֿון די באָלשעוויקעס געגען דער דירעקטאָריע. פֿון פּעטליוראַ'ס טרופּען, וועלכע זיינען אַלץ מעהר אָבגעשטויסען געוואָרען אין מערב, צו דער גאַליצישער גרענעץ, האָבען זיך אָבגעריסען צעלאָזענע באַנדעס און גרופּען, וועלכע האָבען געפֿיהרט די מלחמה אויפֿ'ן איינענעם חשבון. זיי האָבען זיך פֿערפֿעסטיגט אין ערטער, וועלכע זיינען שוין געווען פֿערנומען דורך די באָלשעוויקעס. אויף אַזאַ אופֿן איז ענטשטאַנען דער שרעקליכער „אינערער פֿראָנט“. דער דאָזיגער פֿראָנט האָט זיך שטאַרק פֿערגרעסערט זייט עס האָבען זיך אָבגעטיילט פֿון דער סאָוויעטמאַכט גריגאָריעוו, טאַטיונין, זעליאָני, סטרוק, סאָקאָלאָווסקי און אַ סך אַנדערע „אַטאַמאַנען“, וועלכע זיינען אַ צייט לאַנג געשטאַנען אונטער דעם באָלשעוויסטישען פֿלאַג.

אין די ערשטע צוויי רעוואָלוציאָנס־יאָהרען, אָנגעהויבען פֿון דעם 27־טען פֿעברואַר 1917, זיינען פּאָגראָמען כמעט ניט פֿאָרגעקומען. עס האָבען יאָ פּאַסירט עקסצעסען מצד געוויסע דעמאָביליזירטע סאָלדאַטען־גרופּען, בעזונדערס בעת דער דעמאָביליזאַציע. אָבער די דאָזיג עקסצעסען, וועלכע זיינען בעיקר, אויב ניט אויסשליסליך, געווען געווענדעט געגען די אידען, זיינען דאָך געווען איינצעלנע פֿאַלען און האָבען פֿאָרגעשטעלט נאָר אַטאַקעס אויפֿ'ן אייגענטום.

בעת דער דייטשער אָקופּאַציע זיינען אין אוקריינע קיין פּאָגראָמען ניט פֿאָרגעקומען. דאָס גלייכען אויך ניט אין די חדשים נאָוועמבער און דעצעמבער, ווען די דירעקטאָריע האָט צעשלאָגען דעם העטמאַנ'ס ממשלה.

די פּאָגראָמען האָבען זיך אָנגעהויבען בעת די ערשטע קלעפּ, וועלכע די

דירעקטאָריע האָט געכאַפּט דורך די אויפֿגעשטאַנענע באָלשעוויקעס. וואָס גרעסער עס זיינען געווען די מפּלות, וואָס ווייטער פּעטליוראַ'ס טרופּען האָבען געמוזט אָבטרעטען, האָבען זיי זיך אַלץ אַכזריות'דיגער נוקם געווען אן דער אומשולדיגער אידישער בעפֿעלקערונג, וועלכע מען האָט צוגערעכענט צו די באָלשעוויקעס. מען האָט אויפֿגעהויבען אין אוקריינע דעם געשריי: „נידער מיט די אידען און די באָלשעוויקעס!" אָדער גאָר: „אַלע אידען זיינען באָלשעוויקעס!" און אומעטום האָט דער דאָזיגער געשריי אַרויסגערופֿען פּאָגראָמען.

דער ערשטער פּאָגראָם איז אויסגעבראָכען אין אָווראַטש און איהר סביבה. די שוצלאָזע אידישע בעפֿעלקערונג איז געווען אינגאַנצען איבערגעגעבען דעם ווילקיר פֿון פּעטליוראַ'ס אַטאַמאַן. פֿון 30־טען דעצעמבער ביז דעם 16־טען יאַנואַר האָבען ניט אויפֿגעהערט די הריגות און ראַבירונגען. דעמאָלט איז אויך פֿאָרגעקומען דער ערשטער פּאָגראָם אין זשיטאָמיר (7־טען ביז 10־טען יאַנואַר). דאַן זיינען געווען די פּאָגראָמען אין בערדיטשעוו, טשערניגאָוו און אַ גאַנצע רייהע שטעדטלעך אין דער סביבה פֿון אָווראַטש: פּאָטאַפּאָוויטש, גאָשעוואָ און אַנדערע. אויף אַזאַ שטייגער האָבען זיך אין חודש יאַנואַר די פּאָגראָמען אויסגעשפּרייט כמעט אויסשליסליך אויף דעם מערב־טייל פֿון וואָלינער גובערניע, וואו פּעטליוראַ'ס חיל איז בעדרענגט געוואָרען דורך די באָלשעוויקעס.

## II. מיליטערישע מפּלות און נצחונות און אַ נייער אויסברוך פֿון די פּאָגראָמען.

זייט דעם חודש פֿעברואַר האָבען זיך די פּאָגראָמען זעהר אויסגעשפּרייט. אין דער צייט איז קיעוו געווען בעזעצט דורך די באָלשעוויקעס (זייט דעם 2־טען פֿעברואַר). פּעטליוראַ'ס טרופּען זיינען אין איילעניש אַוועק פֿון פּאָלטאַווע, כערסאָן און קיעוו. פּאָגראָמען זיינען פֿאָרגעקומען אין יעליסאַוועטגראַד (2־טען—4־טען פֿעברואַר), נאָוואָ־מירגאָראָד, פּיריאַטין און אַנדערע פּונקטען פֿון פּאָלטאַווער גובערניע. אויף אַ סך סטאַנציעס, למשל, אין ראַמאַנדאַן, באָברינסקאַיאַ האָט מען אידען אַרויסגעוואָרפֿען פֿון די אייזענבאַהן־וואַגאָנעס און דערשאָסען. אין לובנאַ איז אַ פּאָגראָם פֿערהיט געוואָרען נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס צווישען פּעטליוראַ'ס חיל האָט זיך געפֿונען אַ סאָטניע, וועלכע איז מיט די וואַפֿען אין די הענד ענטגעגען געגאַנגען די רויבער, 15 פֿון די פֿערטיידיגער זיינען געפֿאַלען, אָבער די שטאָדט איז נצול געוואָרען. קרעמענטשוג האָט זיך אויסגעקויפֿט פֿון אַ פּאָגראָם מיט אָנדערהאַלבען מיליאָן רובעל. אין יענער צייט זיינען פֿאָרגעקומען פּאָגראָמען אין קיעווער גובערניע. אין וואַסילקאָוו (7־טען—8־טען פֿעברואַר), אין ראָסאַוואַ (11־טען—15־טען פֿעברואַר), וואו די מייסטע קרבנות זיינען געפֿאַלען פֿון באָלשעוויסטישע הענד, אין סטעפּאַנצי (14־טען פֿעברואַר), אין ראַדאָמיסעל (18־טען—20־טען פֿעברואַר), אין סקוויר־אָנהויב און סוף פֿעברואַר, אויפֿ'ן קיעווער וועג און טשערניגאָווער גובערניע, אין איטשניאַ און בראָווארי. דער שרעקליכסטער פּאָגראָם פֿונ'ם חודש פֿעברואַר איז פֿאָרגעקומען גאַנץ אין הינטערשטען טייל פֿון פּעטליוראַ'ס חיל, דעם 15־טען פֿעברואַר אין פּראָסקוראָוו און דעם 16־טען אין פֿעלשטין. די סיבה פֿון דעם פּאָגראָם איז געווען דער פּרוב פֿון די באָלשעוויקעס אַרויסצורופֿען אַנ'אויפֿשטאַנד אין פּראָסקוראָוו.

די פּאָגראָמען פֿון חודש מערץ האָבען כמעט געהאַט אַ שייכות צום דורכ־

ברעכען דעם פראָנט פון פעטליורא׳ם חיל, פון סאַרני האָבען זיך די דאָזיגע טרופען אין דער ריכטונג פון קאָראָסטען דערנעהענטערט 50 ווערסט צו קיעוו. דעמאָלט זיינען פּאָגראָמען פאָרגעקומען אין קאָראָסטען, אושאָמיר (31-טען מערץ), בעלאַשוץ (צווישען דעם 7-טען און 12-טען מערץ), סאַמאַגאָראָדעק (13-טען מערץ), טשערניגאָוו (18-טען מערץ), צום צווייטען מאָל אין זשיטאָמיר (22-טען מערץ), יאַנושפּאָל (25-טען—29-טען מערץ), ראַדאָמיסעל (12-טען—13-טען מערץ און 23-טען—31-טען מערץ). אין ראַדאָמיסעל האָבען די פּאָגראָמען פון דעמאָלט אָן אָנגענומען אַ כראָנישען כאַראַקטער, מחמת סאָקאָלאָווסקי׳ם באַנדע האָט זיך בעוויזען אויף דער סצענע. אין קאָראָסטען איז דעם 13-טען מערץ פאָרגעקומען אַ נייער פּאָגראָם, אָרגאַניזירט דורך רויטע אַרמעער און אָבגעשטעלט מחמת דעם אָנפאַל פון פעטליורא׳ם אַרמעע. אַ חוץ דעם זיינען פאָרגעקומען פּאָגראָמען אין דער פּאָדאָלער גובערניע: אין קאַלינאָווקאַ, קובליש, זיאַטקאָווצי און אַנדערע פּונקטען.

## III. די פּאָגראָמען פון די באַנדעס-פיהרער.

אין אַפּריל זיינען די פּאָגראָמען געווען פערהעלטנמעסיג שוואַכער אין צאָהל און האָבען ניט געהאַט קיין אַלגעמיינעם כאַראַקטער. אין דעם חודש איז געוואָרען אַקטיוו סטרוק׳ם באַנדע, וואָס איהר אָפּעראַציאָנס-געביעט איז געווען דער טשערנאָבלער אויעזד. פון 7-טען ביז צום 12-טען האָט די באַנדע געבושעוועט אין טשערנאָבל גופא, די ערשטע טעג פונ׳ם פאָלגענדען חודש האָט זי אויסגעראַבירט גאָרנאָסטאַיפּאָל (3-טען מאַי) איוואַנקאָוו (2-טען מאַי), און אין דער צייט צווישען דעם טשערנאָבלער און די לעצטע פּאָגראָמען האָט מען געהרג׳עט און געראַבעוועט אין אַ שורה שטעדטלעך פון דער סביבה, בעזונדערס אין דער לענג פון דניעפּער, וואו מען האָט אָבגעהאַלטען שיפען און אַריינגעוואָרפען די אידישע פּאַסאַזשירען אין טייך. מיר האָבען פערצייכענט אין דעם גאַנצען ראַיאָן ביז דעם 24-טען אויגוסט (6-טען סעפּטעמבער) פון דעם יאָהר 41 געליטענע פּונקטען. אַ חוץ דעם האָט סאָקאָלאָווסקי פאָרגעזעצט זיינע גבורות אין דער געגענד וואָס ער האָט פערנומען. עס האָבען געליטען קאָראָלעווקאַ (22-טען אַפּריל) מאַלין, ראַקיטנאַ, קאָרין; דעם 10-טען אַפּריל איז עמוטשינאָ אויסגעריבט געוואָרען דורך אַ גרופּע פעטליורא׳ס אָנהענגער, וועלכע זיינען געווען געצוואונגען אָבצוטרעטען פון אָלעווסק קיין נאָווגאָראָד-וואָלינסק. זעליאָני׳ם באַנדעס האָבען אָנגעהויבען זייער מלחמה הינטער קיעוו גופא, אין וואַסילקאָוו (7-טען—15-טען אַפּריל) ריעטשעוו, פּליסעק, אָלשאַנקאַ און אַנדערע ערטער. וואָס איז שייך צו וואַסילקאָוו, מוז מען בעמערקען, אַז דער 6-ער באָלשעוויסטישער רעגימענט, וועלכער האָט ביים אריינקומען אין דער שטאָדט אינגאַנצען אויסגעריבט די אידען, האָט זיך אויך געקרוינט מיט אַ טרויעריגען כבוד.

באַנדעס האָבען זיך בעוויזען אין דער געגענד פון טאַראַשטשאַ, וואו זיי האָבען אָפּערירט דעם 4-טען—25-טען אַפּריל, אין באַגוסלאַוו, אין פּאָדאָלער גובערניע זיינען פּאָגראָמען אויסגעבראָכען אין אַ סך ערטער, צווישען אַנדערע אין באַלטאַ און בראַצלאַוו.

אין חודש מאַי זיינען פאָרגעקומען אַ סך פּאָגראָמען און כמעט אַלע זיינע געווען די מלאכה פון גריגאָריעוו׳ם באַנדעס. ס׳רוב זיינען זיי אַראַנזשירט געוואָרען פון דעם אַטאַמאַן גופא און זיינע געהילפען אוואַראָוו, טאַטאַנין, נעטשאַי און

אַנדערע. דריי פֿערטעל פֿון די דאָזיגע אומגליקען האָבן געטראָפֿן דעם דרום־מזרח'דיגען טייל פֿון דער קיעווער גובערניע, די געגענד פֿון טשערקאַס־טשיגירין. די אַנדערע זיינען אויסגעבראָכען אין די שכנה'שע טיילען פֿון פּאָלטאַווער און כערסאָנער גובערניע. אַ קלענערער טייל פֿון די פּאָגראָמען זיינען געמאַכט געוואָרען ניט פֿון גריגאָריעוו'ס באַנדעס גופֿאָ, נאָר פֿון פּויערים, אָבער אונטער דער השפּעה פֿון זיין „אוניווערסאַל“ (מאַניפֿעסט). אין כראָנאָלאָגישען סדר זיינען די דאָזיגע פּאָגראָמען פֿאָרגעקומען: זלאַטאָפּאָל (2־טען—8־טען מאַי), זנאַמענקאַ (3־טען מאַי), לעבעדין (5־טען מאַי), נאָראָדישטשע (11־טען—12־טען מאַי), אָרלאָוועץ (12־טען מאַי), ראָטמיסטראָווקאַ (13־טען—14־טען מאַי), מאַטוסאָוו (13־טען—14־טען מאַי), בעלאָזיאָריע (14־טען—15־טען מאַי) אַדיאַמקאַ און ב. ביסק (18־טען מאַי), נאָוואָ־בוג (19־טען מאַי), טשערקאַס (16־טען—21־טען מאַי), ראַיגאָראָד (20־טען מאַי), די ראַפֿינעריע־פֿאַבריק אין זאַבלינאַ־זנאַמענסק (20־טען מאַי), אַלעקסאַנדריע (22־טען מאַי), טשיגירין (25־טען מאַי), אַלעקסאַנדראָווקאַ (15־טען—18־טען מאַי), סטאַפּאַנאָווסקי (18־טען מאַי), סעמיאָנאָווקאַ (18־טען—19־טען מאַי), גראָסלאַוו (20־טען מאַי).

אין דער אייגענער צייט זיינען פֿאָרגעקומען פּאָגראָמען אין פֿונדוקלעיעווקאַ מעדוועדעווקאַ, קאַנעוואָ, טעלעפּין, אויף די סטאַנציעס באָברינסקאַיאַ און צוועטקאָוואָ, מאַשנאַ, זשלאָבין, קאַסעל, טאַמאָשאָוואָ, ווערסטשאַק, וועסיאָלי־קוט, וועלסיאָליפּאָדאָל א. א. וו. 62 פּערזאָנען, וועלכע זיינען אַנטלאָפֿען פֿון קדימה, זיינען דערהרג'עט געוואָרען אויפֿ'ן וועג קיין אָדעס דורך גריגאָריעוו'ס חברה־לייט.

די מאַי־פּאָגראָמען אין דער אומאַנער געגענד, וועלכע ליגט ווייט הינטער גריגאָריעוו'ס אָפּעראַציאָנס־געביעט, שטעהען אין אַ נאָהענטער שייכות צו דער השפּעה פֿון זיין „אוניווערסאַל“. אַם בלוטיגסטען זיינען געווען די שחיטות אין אומאַן (13־טען מאַי), דובנאָ (13־טען—14־טען מאַי), טאַלני (13־טען מאַי), קריסטינאָווקאַ, לאָדיזשענקאַ 12־טען—14־טען מאַי), אין די דערפֿער וויאַסאָוואָק, מאַנקאָווקאַ, זשוואַנקאַ, בוג א. אַ. וו.

אָט אזוי האָבן געבושעוועט גריגאָריעוו'ס פּאָגראָמען אָהן אויפֿהער אין פֿערלויף פֿון חודש מאַי. די דאָזיגע מאַסע בלוט־בעדער האָט אויפֿ'ן צווייטען פּלאַן אָבגעשטויסען די פֿערברעכערישע ארבעט פֿון די אַנדערע באַנדעס אויף פּעטליוראַ'ס פֿראָנט אין דער וואָלינער און פּאָדאָלער גובערניעס: אין וואָראָנאָוועץ (9־טען מאַי), ראָוונאָ (14־טען—29־טען מאַי) קרעמענעץ (22־טען מאַי) ליטין (14־טען—28־טען מאַי), קדים און אנדערע פּונקטען — די גענויע צייט פֿון די לעצטע פּאָגראָמען איז נאָך ניט פֿעסטגעשטעלט. מחמת זייער אכזריות ציהען בעזונדערס אויף זיך די אויפֿמערקזאַמקייט די שחיטות אין טראָסטיאַנעץ און האַיסין, אין קדים איז דער פּאָגראָם געווען די מלאכה פֿון אַ גרופּע גריגאָריעוו'ס אָנהענגער, וועלכע זיינען געקומען פֿון אָדעס; די פּויערים פֿון דער סביבה האָבן זיך אינ'ם פּאָגראָם בעטייליגט. דער פּאָגראָם אין זאָלאָטאָנאָשאָ, פּאָלטאַווער גובערניע, (12־טען מאַי) איז אויך געשטאַנען אין א נאָהענטער שייכות צו גריגאָריעוו'ס אויפֿשטאַנד, אָבער איז דורכגעפֿיהרט געוואָרען דורך דעם באָלשעוויסטישען רעגימענט פֿון באָגון. דאָסגלייכען האָט דער באָלשעוויסטישער חיל אויסגערויבט אָבוקאָוואָ (6־טען מאַי, 6 רעגימענט) און פּאָגרעבישטשע (18־טען מאַי, 8־טער רעגימענט).

אין חודש יוני זיינען פֿאָרגעקומען פּאָגראָמען אין דריי גובערניעס, פּאָדאָליער, קיעווער און וואָלינער, איינצעלנע פֿאַלען האָבען אויך פּאַסירט אין כערסאָנער און פּאָלטאַווער געבורניע.

## IV. די געאָגראַפֿישע פֿערטיילונג פֿון די פּאָגראָמען.

אין קיעווער גובערניע זיינען געבליבען אַקטיוו די אַלטע באַנדעס, צווישען זיי אויך די ישר הפלטה פֿון גריגאָריעוו׳ס באַנדעס. די לעצטע האָבען פֿונאַנדער־געפֿלאַקערט פּאָגראָמען אין סטאַווישטשע (15. יוני), טאַראַשטשאַ (16. יוני), וואָלאָדאַרקאַ און ריאַנאָווקאַ (20. יוני), סקוויר (23. יוני) אַלעקסאַנ־דריאַ, כערסאָנער גובערניע, צום צווייטען מאָל (27. יוני), אין סאָקאָלאָווסקי׳ס אָפּעראַציאַנסגעביעט האָט ראָדאָמיסל ווידער געליטען דעם 13־טען יוני, ברוסי־לאָוו דעם 15־טען, כאַראַדאָוו דעם 20־סטען און 24־סטען, טשערניגאָוו און דערנאָך קאָרנין. דעם 17־טען יוני איז דובנאָוו צום צווייטען מאָל אויס־ראַבירט געוואָרען. זעליאָני האָט אויסראַבירט אַבוקאָוואָ דעם 25־טען יוני, ריעטשאָוו דעם 30־סטען.

אין דער פּאָדאָלער גובערניע זיינען מחמת דעם, וואָס דער אויסערער פראָנט איז פֿערגליווערט געוואָרען, פֿאָרגעקומען פּאָגראָמען און הריגות אין בעראָזשנאָ (7־טען—17־טען יוני) כמעלניק, גאָלאָסקאָוו, מאַידאַן, סטריזשאָנקאַ, סטאַראַיאַ—סיניאַוואַ א. א. וו. אין פּאָלטאַווער גובערניע האָט סעמי־אָנאָווקאַ געהאַט צו ליידען.

די יולי־פּאָגראָמען, וועלכע האָבען אָנגענומען אַסך גרעסערע פּראָפּאָרציעס ווי די יוני־פּאָגראָמען, זיינען פֿאָרגעקומען אין די זעלבע דריי גובערניעס אַלץ מיט קיעוו בראש. פֿון אַלע פּאָגראָמען, וואָס זיינען פֿאָרגעקומען אין געגוי פֿעסט־געשטעלטע טעג און אין מעהר אָדער ווייניגער וויכטיגע פונקטען געהערען 27 צו קיעווער גובערניע, 12 צו וואָלינער און 14 צו פּאָדאָלער. אין קיעווער גובערניע האָבען אָפּערירט באַנדעס. אין די אַנדערע צוויי גובערניעס זיינען עס געווען באַנדעס און פּעטליוראַ׳ס רעגולערע טרופּען.

צווישען די נייע געביעטען געפֿינט זיך דער געביעט פֿון פּאָגרעבישטשע, וואו עס זיינען אויסגערויבט געוואָרען: באָרשטשאַגאָווקאַ (3. יולי), דזשונ־קאָוו (5. יולי), נאָוואָ־פּאַסטאָוו (11. יולי), וואָלאָדאַרקאַ (2., 9. און 11. יולי), דאָסגלייכען אויך אַ שורה דערפֿער אין דער סביבה, עפּעס ווייטער מערב־צו, ביי דער וואָלינער גרענעץ פּרילוקי (4. יולי), וואַכנאָווקאַ (7. יולי), טוראָוו (9. יולי) און קאַלינאָוו (14. יולי). אין סאָקאָלאָווסקי׳ס ראַיאָן: ראָ־זשעוואָ (3. יולי), מאַקאַראָוו (6. יולי), ברוסילאָוו (5 יולי), קאָרין (9. יולי), יאַסני־נאָראַדאָק (15. יולי), חאַבנאָ (30. יולי). אין זעליאָני׳ס געביעט: ריעטשאָון (1. און 13. יולי), טאַגאַנטשא (8. יולי), קאָדין (17.), אין פעריאַסלאַוו (פּאָל־טאַווער געביעט) דעם 15.—19. יולי. אין דעם טאַגאַנטשאייער ראַיאָן: באָיאַרקאַ (2. יולי), קאַסעוואַטאַע (17., 24. יולי) אנייע שחיטה אין אומאַן, דעם 31. יולי אויף דער סטאַנציע פּאָטאָש, און אנדערע פונקטען.

אין דער וואָלינער גובערניע האָבען פּאָלגענדע פונקטען געליטען פֿון פּאָ־גראָמען: קאָברי (6. און 15. יולי), כאַמאָווקאַ (9.—11. יולי), קאָמעני־בראָד, קאָטעלניאַ און זאַרובינצי (10. יולי), דאָמבראָוויץ (10. יולי), קסאַווראָוו (20. יולי),

בעת דעם פאָגראָם אין סלאָוועטשנאָ, וואָס האָט געדויערט פֿון 16־טען ביז 19־טען יולי, זיינען געפֿאַלען אַ מאַסע קרבנות, אַסך אידען זיינען אומגעקומען אין די פונקטען פֿון דער סביבה: דאווידקאַ, גאָרסטשיק, באָבריק, פֿאַסאָוואַ א. אַ. וו.

אין פאָדאָלער גובערניע: זשמערינקאַ (דעם 3. יולי), בראַאילאָוו, פיקאָוו, שענעדאָרף, וואָראָנאָוויץ, אָבידנאָ (דעם 10. יולי), יאַנאָוו (11.—15. יולי), טולטשין (14. יולי), ליטין (18. יולי), נאָוואָ־קאָנסטאַנטינאָוו, טעפליק, האַיסין, פעטשעראַ (20.—25. יולי).

אין אויגוסט האָט זיך די צאָהל פֿון די פאָגראָמען בעדייטענד פֿערקלענערט, אָבער מען מוז דערביי בעמערקען, אז קיין שום ידיעות זיינען פֿאַר דער צייט ניט אָנגעקומען פֿון דער פאָדאָלער און וואָלינער גובערניע. מחמת דער פֿראָנט האָט זיך דערנעהענטערט צו קיעוו. פעריאַסלאָוו (פאָלטאַווער גובערניע) האָט געמוזט אַ צווייטען מאָל ליידען דורך לאָפאַטקינ׳ס באַנדעס. אין וויניצע איז פֿאָרגעקומען אַ פאָגראָם דער 3־טען אויגוסט, אין גאָלאָוואַנעווסק דעם 4־טען ביז דעם 5־טען סעפטעמבער.

דער סך הכל פֿון די בעטראָפֿענע ערטער איז 330. אָבער אין דער אמת׳ן שטייגט די צאָהל פֿון די פאָגראָמען ווייט אַריבער די דאָזיגע ציפֿער. אַסך ערטער, ווי ראַדאָמיסל, טשערניגאָוו, קאָרנין, וואָלאָדאַרקאַ, עליזאַוועטגראַד און נאָך אנדערע האָבען דורכגעמאַכט 4—5 און אַסך 10 פאָגראָמען; געוויסע פונקטען האָבען כסדר געלעבט אין אַ פאָגראָם־צושטאַנד, ביז עס איז ניט געבליבען קיין זכר פֿון דער גאַנצער אידישער בעפֿעלקערונג.

## קיעווער גובערניע:

| | צאָהל פון ערטער |
|---|---|
| אויעזד: טשערנאָבל (סטרוק) | 43 |
| „ טריפאָליע (זעליאָני) | 9 |
| „ טשערקאַס־טשיגירינסק (גריגאָריעוו) | 23 |
| „ בערדיטשעוו | 5 |
| „ טאַראַשטשאַנסק | 20 |
| אומאַן | 12 |
| סקוויר און פאָגרעבישטשע | 30 |
| קיעוו | 16 |
| ראַדאָמיסל—זשיטאָמיר (סאָקאָלאָווסקי) | 52 |
| סך הכל | 210 |

## וואָלינער גובערניע:

| | |
|---|---|
| אויעזד: אָוורוטש | 26 |
| „ זשיטאָמיר | 20 |
| „ ראָוונאָ | 10 |
| סך הכל | 56 |

### פאדאָלער גובערניע:

| | |
|---|---|
| אויעזד: האַיסין | 29 |
| „ באַלטע | 8 |
| „ וויניצאַ | 16 |
| „ פּראָסקוראָוו | 8 |
| „ קאַמענעץ־פּאדאָלסק | 1 |
| סך הכל | 62 |

| | |
|---|---|
| כערסאָנער גובערניע | 23 |
| פּאָלטאַווער גובערניע | 15 |
| טשערניגאָווער גובערניע | 7 |
| יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע | 1 |
| סך הכל | 46 |

די אַלגעמיינע צאָהל פון די רעגיסטרירטע פּאָגראָם־פונקטען איז 372.

ווען מען פערגלייכט די צייטען, ווען די פּאָגראָמען זיינען פּאָרגעקומען, זעהט מען, אַז די שרעקליכסטע צייט זיינען געווען די זומער־חדשים מאַי, יוני און יולי.

ווען מיר גרופּירען די פּאָגראָמען לויט די עלעמענטען, וואָס זיינען אין זיי שולדיג, בעקומען מיר בערך אַזאַ טאַבעלע:

### פּעטליוראַ׳ס רעגולערע טרופּען.

| | די צאהל פון געליטענע פונקטען | בערך׳דיגע קרבנות־צאהל |
|---|---|---|
| זשיטאָמיר, פּראסקוראָוו, אָוורוטש, פּעלשטין קאַראָ־סטען, באַלטא, ראָוונאַ, ליטין, קרעמענעץ, קדים, טראָ־סטיאַנעץ, קריוואיע־אָזוראָ, טעאָפּיל, קאָטעלנאָיע, זשמערינקאַ, פּיקאָוו, יאַנאָוו, האיסין, טולטשין, ראַדאָ־מיסל, וואַסילקאָוו, ראסאוואַ, סקוויר, באָגוסלאַוו, יעלי־סאוועטגראד, נאָוואָמירגאָרדאָ, פּאָלטאַוואָ, קאָבוליאַקי, ראָמאדאַן, פּיריאטין, בערדיטשעוו, זנאַמענקאַ א. א. וו. | 120 | 15000 |

### סאָקאָלאָווסקי׳ס באַנדעס.
(ראדאָמיסל־זשיטאָמירער געגענד)

| | | |
|---|---|---|
| ראַדאָמיסל, מאַקאַראָוו, ברוסילאָוו, קאָרנין, קאָראסטי־שעוו, יאַסנאָגאָראָדקאַ. | 70 | 3000 |

### זעליאָני׳ס באַנדעס.
(טריפּאָליער געגענד)

| | | |
|---|---|---|
| טריפּאָליע, ריעטשעוו, וואסילאוו, אבוגאָוו, פּערעיאס־לאוו א. א. וו. | 15 | 2000 |

### סטרוק׳ס באַנדעס.
(טשערנאָבלער געגענד)

| | | |
|---|---|---|
| טשערנאבל, גאָרנאָסטאַיפּאָל, איוואַנקאָוו, מעזשי־גאָריע, ווישגאָראָד א. א. וו. | 41 | 1000 |

## סאָקאָלאָווסקי׳ס און אנדערע באַנדעס.

(אומאַנער, סקווירער און פּאָגרעבישטשער געגענד)

| | | |
|---|---|---|
| אומאַן, דובאָוו, טאַלנאַ, קרעסטינאַווקאַ, ליודיענקאַ, סקוויר, וואָלאָדאַרקאַ, נאָוואָ־פּאַסטאָוו, פּאָגרעבישטשע, דזאַנקאָוו, באָרשטשאַגאָווקאַ פרילוקי, טוראָוו, וואַבּ־נאָווקאַ, ליפּאָוועץ, גאָלאָוואַנעווסק א. א. וו. | 38 | 2000 |

## גריגאָריעוו׳ס באַנדעס.

(טשערקאַסער געגענד)

| | | |
|---|---|---|
| יעליסאַוועטגראַד, , סמעלאַ, ראָטמיס־טראָווקאַ, זלאַטאָפּאָל, טשוגירין, גאָראָדישטשע, מאַטור־סאָוו, יעליסאַוועטגראַד, נאָוואָ־מירגאָראָדיזנאַמענקאַ, אַלעקסאַנדריאַ(?) א. א. וו. | 40 | 6000 |

## לאַשטשענקאָ׳ס, גאָלוב׳ס און אנדערע באַנדעס.

(טאַראַשטשער געגענד)

| | | |
|---|---|---|
| טאַראַשטשאַ, באָגוסלאַוו, מיכאַנאָווקאַ, ראַסאַוואַ, סטעפּאַנצי, סטאַווישטשו א. א. וו. | 16 | 1000 |

## באָלשעוויסטישע אָבטיילונגען.

| | | |
|---|---|---|
| וואַסילקאָוו, זאָלאָטאָנאָשאַ, אָבוכאָוו, ראַסאַוואַ, פּאָ־גרעבישטשע, וואָלאַטשאַנסק, קאָראָסטען, בראַווילאָוו, קאַרסון, קלעוואַן, ראָוונאַ, האַיסין א. א. וו. | 13 | 500 |
| סך הכל | 353 | 30500 |

די דאָזיגע ציפערען, (אין וועלכע ס׳געהען ניט אריין די קרבנות פון די שפּעטער־דיגע דעניקין־פּאָגראָמען), זיינען אבער ניט פּאָלשטענדיג, ווייל אין זיי זיינען נאָך ניט ענטהאַלטען אַסך קרבנות, וואָס מען האָט ניט געקענט רעגיסטרירען מחמת דעם, וואָס מען האָט זיך ניט געקענט פּערבינדען מיט געוויסע געגענדען, למשל: מיט דעם מערב־טייל פון דער וואָלינער און פּאָדאָלער גובערניע, מיט׳ן דרום׳דיגען טייל פון דער כערסאָנער גובערניע א. א. וו. וויטערגעהען אין דער ציפער ניט אריין אַסך אונבעקאַנטע אידישע משפחות וועלכע זיינען אין אַ מאַסע דערפער אויסגעקוילעט געוואָרען ביז אויף איינעם; דאַסגלייכען די קרבנות, וועלכע זיינען אומגעקומען אויפ׳ן וועג, בעת די דאָזיגע אומגליקליכע האָבען, ער־לאָזענדיג אין איילעניש זייער היים, ארומגעבלאָנזשעט, זוכענדיג אַ דאַך איבער׳ן קאָפּ. און וויפיעל זיינען אוועקגעהרג׳עט געוואָרען אין די וועלדער, אריינגעשליי־דערט געוואָרען אין וואַסער, ארויסגעוואָרפען געוואָרען פון צוג און דערשאָסען, שוין ניט רעדענדיג פון די אַלע אומגליקליכע, וועלכע זיינען געשטאָרבען פון זייערע וואונדען און פון קראַנקהייטען, וועלכע זיי האָבען זיך אָנגענומען אין זייערע בעהעלטעניש־לעכער, וואו זיי זיינען געווען פּערשפּאַרט געוואָרען לאַנג אָהן לופט, אָהן וואַסער, אָהן נאַהרונג און אָהן קליידער!

## V. דער כאַראַקטער פֿון דער נייער פּאָגראָם־עפּידעמיע.

ביז צו דער לעצטער פּאָגראָם־כוואַליע איז דער געוועהנדליכער סדר ביי די פּאָגראָמען געווען דאָס צעשטערען דאָס אידישע אייגענטום: הייזער, מעבעל, געשיר, קליידער — אַלץ פֿלעגט מען צעשטערען, צעברעכען, צערייסען. (על פּי רוב פֿלעגט מען אויפֿטרענען די קישענס און אַוועקלאָזען די פֿעדערען אויפֿ׳ן ווינד). אינאיינעם דערמיט פֿלעגען פֿאָרקומען ראַבירונגען, געוואַלד־מעשים, שענדונגען, מאַנכמאָל הריגות און — אויסנאַהמוויז — מוטשען.

דער חילוק צווישען דער איצטיגער פּאָגראָם־עפּידעמיע און דער פֿריהערדיגער איז ערשטענס דאָס, וואָס זי דויערט אַזוי לאַנג (ניין, חדשים כסדר) און נעהמט גאָרניט קיין סוף, צווייטענס איהר גאַנץ אונגעוועהנליכע אויסגערעכענטע אכזריות, שוין ניט רעדענדיג פֿון די ראַבירונגען, וואָס נעהמען אַוועק ביי די קרבנות ממש דאָס לעצטע. דער חילוק שטאַמט דערפֿון, וואָס פֿריהער, האָט די מלוכה־מאַכט געדולדעט פּאָגראָמען און היינט זיינען די פּאָגראָמשטשיקעס גופֿא געוואָרען אַ מלוכה־מאַכט.

צו דאָס פֿונאַנדערפֿלאַקערען פונ׳ם פּאָגראָם איז די ארבעט פֿון פעטלאַראַ׳ס טרופּען־קאָמענדאַנטען (למשל: קאָזיר־זירקאָ אין אָוורוטש, סעמאָסענקאָ אין פּראָסקוראָוו), צו פֿון אַטאַמאַנען פֿון פֿערשיידענע באַנדעס, אָדער פֿון פֿיהרער פֿון פּאָווסטאַנצעס־אַבטיילונגען, צו פֿון דעמאָראַליזירטע באָלשעוויסטישע טרופּען, די יעניגע, וועלכע האָבען די פּאָגראָמען ארויסגערופֿען, זיינען געווען די אַבסאָלוטע בעלי־בתים פֿון דער שטאָדט אָדער שטעדטעל, וואָס זיי האָבען פֿערנומען. די אומגליקליכע אידישע בעפֿעלקערונג איז געווען איבערגעגעבען אין זייערע הענד אָהן שוץ, אָהן אַ האָפֿנונג אויף זייער רחמנות, אויף וועלכע ס׳איז הילף, און דאָס האָט אַזוי געדויערט לאַנגע טעג, אָפֿט וואָכען, מאַנכמאָל חדשים. געוועהנליך שטעלען פֿאָר די פּאָגראָמען אַזאַ אין בילד: אַ באַנדע רייסט זיך אַריין אין אַ שטאָדט, פֿערטיילט זיך איבער די גאַסען, וואַרפֿט זיך גרופּענוויז איבער די אידישע הייזער, אָהן אַ חילוק פֿון עלטער און מען, פֿערגעוואַלדיגט פֿרויען, כדי זיי דערנאָך צו קוילען. ארויספּרעסענדיג געלד מיט׳ן סטראַשונעק פֿון דער׳הרג׳ענען, האַלט דאָס געגעבענע געלד אויך ניט אָב די קרבנות פונ׳ם טויט. די באַנדעס פֿערכאַפּען אלץ, וואָס זיי קענען מיטנעהמען, מאַכען חרוב די אויוועגס, די ווענד, רייסען אויף די פּאָדלאָגע, זוכען צירונג און געלד. איז איין באַנדע אַוועק, קומט אַ צווייטע אין דעם שוין צעשטערטען הויז, דאַן ווידער אַ דריטע און אַזוי כסדר, ביז עס בלייבט שוין אַבסאָלוט גאָרנישט וואָס אַוועקצוטראָגען. נעהמט מען זיך דעמאָלט צו די שויבען, צו די ציגעל און די באַלקענס.

די גע׳הרג׳עטע און די ניצול געוואָרענע זיינען אָפֿט אויסגעטהאָן ביז פֿאָלשטענדיגער נאַקעטקייט, אַ דעפּוטאַציע פֿון אידען אָדער באַרמהערציגע קריסטען שטעלט זיך פֿאָר ביי דער מאַכט, כדי צו פועל׳ן צו מאַכען אַ סוף צו דער שחיטה. די מאַכט וויליגט איין פֿאַר דעם פּרייז פֿון אַ קאָנטריבוציע, וואָס די לעבענגעבליבענע אידישע בעפֿעלקערונג דאַרף צאָהלען. ווי נאָר די מיט גרויס מאַטערניש צענויפֿגעקליבענע קאָנטריבוציע איז אַריינגעטראָגען, שטעלט מען נייע פֿאָדערונגען, למשל: צושטעלען אַזוי פֿיעל און אַזוי פֿיעל פּאָר שטיוועל, אַזוי פֿיעל פֿלייש א. א. וו. . . אין דער איינענער צייט טעראָריזירען נאָך אַלץ ראַבירענדע גרופּען די אידישע בעפֿעלקערונג, פֿערלאַנגען געלד, הרג׳ענען און פֿערגוואַלדיגען. דאַן

ווערט דער אָרט פֿערנומען דורך באַלשעוויסטישע טרופּען, וועלכע זעצן אָפּטמאָל פֿאָרט די מעשים פֿון די, וועלכע זיינען געווען פֿאַר זיי. די באַנדע פֿערשווינדעט, כדי זיך צו בעווייזען עטליכע טעג שפּעטער. באַגוסלאַוו, למשל, איז אין איין וואָך אַריבער צוואַנציג מאָל פֿון האַנד צו האַנד. ביי יעדער נייער אָקופּאַציע הויבען זיך אָן אויף ס'ניי די הריגות און ראַבירונגען. סוף כל סוף הויבט זיך אויף די אונגליקליכע בעפֿעלקערונג, וועלכע האָט איבערגעלעבט אַזוי פֿיעל שודערליכע מעשים, לאָזט זיך לויפֿען פֿון די דאָזיגע געשטראָפּטע ערטער, וואָהין די אויגען טראָגען, משוגע פֿאַר שרעק, אַהן אַ בגד אויפֿ'ן לייב, אָהן אַ גראָשען, אין אונ־בעשרייבליכער נויט. די דאָזיגע אונגליקליכע קומען צענויף טויזענדערווייז אין דער שכנה'שער שטאָדט, אָדער שטעדטעל. דאָס איז דאָס טיפּישע בילד. פֿערשיידען איז נאָר דער סדר, לויט וועלכען עס פֿערלויפֿען די אויבען דערמאָנטע אַקטען, דער אופן פֿון דער שחיטה, די צאָהל פֿון די קרבנות.

מאַנכמאָל ווערט פֿריהער גענומען די קאָנטריבוציע און דערנאָך קומט די שחיטה, אָבער די אידישע בעפֿעלקערונג ענטלויפֿט ווידער די באַנדע איז געקומען, און היט זיך אויף אַזאַ שטייגער אוים פֿון טויט, אויב זי געפֿינט איהם ניט אויפֿ'ן וועג. דאָס האָב און גוטס אָבער פֿאַלט שטענדיג אַריין אין די הענד פֿון די רויבער. עס טרעפֿט זיך (בעזונדערס אין די קליינע פונקט'ן), אַז די גאַנצע אידישע בעפֿעלקערונג, אָהן חילוק פֿון עלטער און מין איז אויסגעקוילעט. אנ'אַנדער וואַריאַציע: אַלע פֿאַמיליע־פֿאָטערס ווערען צענויפֿגעטריבען אין איין אָרט און ווערען דער'הרג'עט, אַזוי ווי דאָס האָט פּאַסירט אין בעלאַמיץ (וואָלינער גובערניע). אָדער אויך פֿאַלען, ווי אין טראָסטיאַנעץ, וואו די גאַנצע מענליכע בעפֿעלקערונג פֿון קינדער ביז זקנים זיינען אויסגעה'הרג'עט געוואָרען (370 קרבנות). אין וואָלאָדאַרקאַ זיינען להיפך זקנים, פרויען און קינדער געווען די קרבנות (73), דאָס הייסט אַלע, וועלכע האָבען זיך ניט געקענט ראַטעווען דורכ'ן ענטלויפֿען. אינ'ם אופֿן פֿון הרג'ענען בעווייזען די באַנדיטען אַ איבערראַשענדען ערפֿינדונגס־טאַלענט. אַם פֿערשפּרייטסטען איז דאָס שטעלען צו דער וואַנד און דערשיסען. צו דעם דאָזיגען צוועק טרייבט מען צענויף די אידען אויף דער סטאַנציע, אין „הויפּט־קוואַרטיר", אויפֿ'ן בית עולם, קורץ, אין אַ פּאַסיגען פּלאַץ. מאַנכמאָל, ווען עס איז דאָ אַ דוחק אין קוילען, הייסט די מאַכט טויטען די אידען אויף אנ'אַנדער שטייגער. אין פּראָסקוראָוו, למשל, האָט סעמאָסענקאָ דעם 15־טען פֿעברואַר אָנגעזאָגט זיך צו בענוצען נאָר מיט קאַלטע וואַפֿען, און 1600 אידען זיינען אין פֿערלויף פֿון פֿיער שעה דער'הרג'עט געוואָרען מיט'ן זעבעל אָדער באַיאָנעט.

אין דובאָוואָ האָט מען די אידען געטריבען צו אַ קעלער, צוויי רוצחים האָבען זיי געהאַקט איבער'ן קאָפּ און אַריינגעוואָרפֿען אין קעלער טויטערהייט אָדער פֿערוואונדעטערהייט. אין אָבאָבין (בראַצלאַווער אויעזד) האָט מען דעם 10־טען יולי נאָר גע'הרג'עט מיט קאַלטע געוועהר, ווייל די קוילען האָבען געקאָסט ביז 50 רובעל אַ שטיק. אין דער קאַלאָניע גאַרשטשאַק, האָבען די אויפֿגעשטאַנענע פּויערים בעשלאָסען צו דער'הרג'ענען די אידען מיט קאַלטע וואַפֿען — מחמת „סטראַטעג־גישע טעמים", ווייל זיי האָבען מורא געהאַט, אַז דאָס שיסען קען אַרויסרופֿען אַ פּאַניק צווישען די פּאָווסטאַנצעס, וועלכע האָבען זיך ניט ווייט פֿון דאָרט פֿערנומען מיט'ן צעשטערען די אייזענבאַהן.

אין דער טשערנאָבילער געגענד האָט מען איינגעפֿיהרט דעם מנהג צו דער־טרינקען די אידען. די אונגליקליכע פֿלעגט מען טרייבען צום טייך און צווינגען

זיך אריינצואווארפֿען אין וואַסער, ווען דער אָדער יענער פֿון די קרבנות האָט געפּרובט אַרויסצושווימען, האָט מען איהם פֿערענדיגט מיט אַ שאָס פֿון געוועהר. מען פֿלעגט אָנהאַלטען די שיפֿען אויפֿ'ן דניעפּער, די קריסטען פֿלעגט מען אָב־טיילען פֿון די אידען און די לעצטע אריינשליידערען אין וואַסער. מען האָט אויך אָבגעשטעלט די צוגען אין פּאָדאָלער, כערסאָנער און וואָלינער גובערניע און די אידען ארויסוואַרפֿען כדי זיי צו דער'הרג'ענען; מאַנכמאָל האָט מען אויך גע'הרג'עט בעת דער צוג האָט געהאַלטען אין געהן. אין יעליסאַוועטגראַד (1526 דער'הרג'עטע) האָט מען געוועהנליך מיט גראַנאַטען דער'הרג'עט די אידען, וועלכע האָבען זיך בעהאַלטען אין די קעלערס.

עס זיינען פֿאָרגעקומען פֿאַלען, דהיינו אין ראָטמיסטראַווקאַ, ווען מען האָט קרבנות, וועלכע האָבען נאָך געאָטעמט אויפֿגעהאַנגען אָדער פֿערברענט אין זייערע אונטערגעצונדענע הייזער. אין קלעוואַן, ראָוונער אויעזד, פֿלעגען די רויטע־ארמעער אריינשטעכען אין די בערד אַ מין צוואַנגען פֿון אייזענדראָהט, מיט וועלכע זיי האָבען אַרויסגעריסען די האָהר און אָנגעטהאָן די מאוים'דיגע יסורים. אַנדערשוואו (זיאַדקאָוויץ, פּאָדאָלער גובערניע.) פֿלעגט מען שטעכען מיט אָנ־געברענטע שפּילקעס. בעת'ן צווייטען פּאָגראָם אין וואָלינעץ האָט מען 15 מענשען אַריינגעוואָרפֿען לעבעדיגערהייט אין ברונימס.

פֿאָלגענדע שטעדט צייכענען זיך אויס מיט דער צאָהל קרבנות און דער־'הרג'עטע:

| | |
|---|---|
| פּראָסקוראָוו, 15־טען פֿעברואַר | 1650 |
| יעליסאַוועטגראַד, 17־טען מערץ | 1526 |
| פֿאַסטאָוו, 25־טען און 27־טען סעפּטעמבער | 600 |
| טשערקאַס, 16־טען און 20־טען מאַי | 700 |
| פֿעלשטין, 16־טען פֿעברואַר | 485 |
| טולטשין, 14־טען ילוי | 519 |
| אומאַן, 13־טען מאַי | 400 |
| האַיסין, 13־טען מאַי | 390 |
| טראָסטיאַנעץ, 10־טען מאַי | 370 |
| נאָוואָראָד־וואָלינסק, 10־טען מאַי | 350 |
| זשיטאָמיר, 23־טען און 26־טען מערץ | 317 |
| יאַנאָוו, 11־טען און 15־טען יולי | 300 |
| טהעאָפּיל, 21־טען יולי | 300 |
| בעלאַיאַ־צערקאָוו, 25־טען אויגוסט | 300 |
| קריוואָיע־אָזעראָ | 280 |
| קאַמעני־בראָד | 250 |
| בראַצלאַוו | 269 |
| פֿונדוקלעעווקאַ | 206 |
| קאַמענעץ־פּאָדאָלסק | 200 |
| גאָלאָוואַנעווסק, 4־טען אויגוסט | 200 |
| אומאַן, 26־טען יולי | 150 |
| פרילוק, (קיעווער גובערניע) 4־טען יולי | 150 |
| ליטין, 14־טען מאַי | 100 |
| וואַסילקאָוו, 7־טען און 16־טען אפּריל | 110 |

| | |
|---|---|
| לאַדיענקאַ, 14־טען מאַי . . . . . . . . . . | 100 |
| נאָוואָמירגאָראָד, 17־טען מאַי . . . . . . . . . | 105 |
| מעדזשיגאָריע (דערטרונקענע) . . . . . . . . | 104 |

די וואונדען זיינען שטענדיג ערנסט; די פערוואונדעטע לעבען זיי ניט איבער, געוועהנליך פערענדיגען די באַנדיטען אַליין זייערע קרבנות. מחמת דעם טעם איז די צאָהל געפאַלענע אין פערגלייך מיט דער צאָהל פערוואונדעטע אַסך גרעסער ווי אין דער מלחמה. די פאַלען פון פרויען־שענדונגען האָבען זיך אין די חדשים יוני און יולי בעדייטענד פערגרעסערט. אָפט וואַרפען זיך די באַנדעס אויף די שטעדט הויפטזעכליך מיט דעם דאָזיגען צוועק, וואָס עס האַלט זיי נאַטירליך ניט אָב פון אָבטהאָן אויך אַנדערע נבלות.

די צאָהל פון געהרג'עטע אין וואָסער עס איז פונקט, בעזונדערס ווען די ציפער איז ניט פעסטגעשטעלט, גיט ניט קיין שום השגה ווי מאוים'דיג די דאָזיגע פאָגראָמען זיינען, וואָס פאַר נאָמענלאָזען עלענד זיי האָבען געבראַכט און ברענגען איבער'ן אונגליקליכען אידישען פאָלק. נאָכדעם ווי די קרבנות האָבען פאַר'ן שטאַרבען דורכגעמאַכט אַלע פיזישע און מאָראַלישע עינויים, זיינען זיי טויט און נויטיגען זיך אין קיין זאַך ניט; אָבער אויף צעהנדליגער טויזענדער טויטע זיינען דאָ הונדערט טויזענדער, וועלכע זיינען געבליבען לעבען נאָכדעם, ווי זיי זיינען געשטאַנען מעהר ווי איין מאָל פנים אל פנים צום טויט. די דאָזיגע אונגליקליכע, בערויבט פון אַלץ, וואָס מאַכט דעם לעבען ווערט געלעבט צו ווערען, פון זייערע קרובים, פון זייערע היימען, פון זייער האָב און גוטס, פון אַלע עקזיסטענץ־מיטלען, צעקאַלעטשעטע אין גוף און נשמה — ווי קענען זיי פערענטפערען זייער לעבענס־פראָבלעם? וואו זאָלען זיי געפינען אַ מקום מקלט? ווי אַזוי זאָלען זיי ראַטעווען זייערע קינדער פון הונגער און קעלט און פון גאַנצען עלענד אַרום זיי?

אָט וואָס עס שרייבט אונז למשל, אונזער בעפאָלמעכטיגטער בנוגע די אידען פון לאַדיענקאַ, וועלכע האָט דורכגעמאַכט דעם „געוועהנליכסטען פאָגראָם מיט אַרום 83 קרבנות, אָהן אַ שפור פון פראָוואָקאַציע פון זייער זייט".

„דעם 9־טען יולי האָט אַ פויער געבראַכט אין אידישען שפיטאַל אין אומאַן די איינציגע צוויי פרויען, וועלכע זיינען פון דער אידישער בעפעלקערונג געבליבען אין לאַדיענקאַ, וואו עס האָבען געלעבט פאַר'ן פאָגראָם 1600 אידישע נפשות. ביידע פרויען זיינען יונגע מיידלעך, ביידע זיינען אויפ'ן שרעקליכסטען אופן צע'מזיק'ט; ביי איינער איז דער נאָז אָבגעהאַקט, ביי דער אנדערער איבער־געבראָכען די אָרימס. זיי געפינען זיך איצט אין קיעוו. אַחוץ זייערע וואונדען זיינען זיי נאָך אָנגעשטעקט מיט ווענערישע קראַנקהייטען, ווענגן וואָס זיי ווערען פון די דאָקטוירים בעהאַנדעלט."

„איבער טויזענד איינוואָהנער פון לאַדיענקאַ געפינען זיך אין דער רגע אין נאָלאָוואַנעווסק, איינגעוויקעלט אין שמאַטעס, מיט נאַקעטע פיס, מיט העמדער וואָס צעפוילען אויף זייער לייב, אַסך אויך גאָר אָהן העמדער."

„מענער און פרויען, געזונדע אָדער מיט אַנשטעקענדע קראַנקהייטען שפאַרען זיך צענויף אין די געבעט־הייזער און פוסטע שטאַלען, אָדער שלעפען זיך אַרום אין די גאַסען."

„איין גאָט, אָדער זייערע בלייבע ליפען, אויף וועלכע עס ליגט אויסגעגאָסען דער צער, וואָלט געקענט דערצעהלען ווי עס לעבען די דאָזיגע אונגליקליכע, און ווי עס פערגעהען זייערע טעג. אָפט, זעהר אָפט קען מען זעהן אַ לויה אין די

קרומע געסלעך פֿון גאָלאָוואַנעווסק, און אָפּט זעהט מען ווי מענשען קלייבען נדבות אויף תכריכים פאַר די פּאָגראָם־קרבנות פֿון לאַדיענקאַ."

אַנדערע ערטער שטעלען פֿאָר נאָך פֿינסטערערע בילדער, אַ שרעקליכען עלענד, זיי וואַרפֿען זיך אין די אויגען, וואָהין מען זאָל ניט קומען, אין איטליכען געליטענעם אָרט, אומעטום, וואו עס פֿערקלייבען זיך די פֿליכטלינגע. באַלד נאָכ־דעם, ווי די אונגליקליכע זיינען אָנגעקומען, ווערט דער אָרט, וואָס האָט זיי געדינט אַלס מקום מקלט, אַליין דער טהעאַטער פֿון די שרעקליכסטע סצענעס, וואו עס פאַלען הונדערטער קרבנות. דעמאָלט ענטלויפֿען די פֿליכטלינגע אויף ס'ניי אין פּאַנישען שרעק, און אונגליק פֿערמישט מיט די איינוואָהנער פֿון שטעדטעל, וואָס האָט זיי אויף אַ ווײַלע געגעבען וואו די קאָפּ אָנצושפּאַרען.

דעם מאַטעריעלען היזק, וואָס די אידישע בעפֿעלקערונג האָט געליטען דורך די פּאָגראָמען, איז אונמעגליך אָבצושאַצען. גערעכענט אין ציפֿערען ביי די היינטיגע פרייזען געהען די היזקות אין מיליאַרדען. אין די מייסטע שטעדטלעך און אין אַ סך שטערט עקזיסטירט היינט גאַרנישט מעהר, וואָס האָט פֿריהער געהערט די אידען. געוויסע ערטער זיינען פֿערברענט און אין גאַנצען חרוב דורכ'ן פייער, למשל:

| | |
|---|---|
| באָגוסלאַוו, | 25־טען אַפּריל, |
| וואָלאָדאַרקאַ, | 3־טען מאַי, |
| באָרשטשאַגאָווקאַ, | 9־טען יולי, |
| זנאַמענקאַ, | 3־טען מאַי, |
| | 11־טען יולי, |
| קוטוואָווקאַ, | 20־טען יולי א. א. וו. |

אין אַ זעלכע ערטער האָבען די הייזער אויסגעקוקט, ווי רויכענדיגע רואינען. אָבער אויך דאָרט, וואו עס זיינען ניט געווען קיין שרפות, זיינען די אידישע הייזער פֿערוואַנדעלט אין חורבות. די פֿענסטער זיינען צעשמעטערט, די ראַמען זיינען אַרויסגעריסען און אַלץ פֿון אינעווייניג צעבראָכען אָדער אוועקגעשלעפּט.

דירעקטאָר פֿון דער אָבטיילונג פֿאַר
אינפֿאָרמאַציע און סטאַטיסטיק.

קיעוו, 19־טען סעפּטעמבער — 2־טען אָקטאָבער 1919.

# פאָגראָם־פּראָקלאַמאַציעס

## חברים „רויטע קאָזאַקען“.

צי געדענקט איהר, אז איהר זייט די ערשטע מורדים געגען דעם העטמאַנ׳ס ממשלה, אז איהר האט פאַרגאָסען אייער בלוט אין קאַמף געגען איהם פאַר אַ פרייען לעבען פון דעם אוקריינער האָראָפאַשנעם פאָלק. אין דער צייט, ווען מיר קעמפען פאַר אונזערע רעכט, זיצט ביי אונז אויפ׳ן האַלז אַ אונפּראָדוקטיווער עלעמענט, וועלכער באַדריקט אונז. מיר קענען ניט רוהיג עסען אונזער ברויט אין שטוב און איינאָרדנען ווי עס באַדאַרף צו זיין אונזער אַרבעטער־לעבען.

טאָ וואָס זשע שווייגען מיר, פאַרוואָס פערטרייבען מיר ניט די זשידעס פון די דערפער און נעהמען ניט אליין אין אונזערע הענד די מאַכט, וועלכע איז אַזוי טייער דעם אַרבעטס־פאָלק?

חברים! מיר האָבען זיך געשלאָגען געגען דעם העטמאַן, מיר האָבען געזעהן די פאַלשקייט פון דער דירעקטאָריע, „מיר האָבען געקעמפט“ און מיר קעמפען געגען דעם גענעראַל דעניקין און די שווארצמאה״ניקעס־אָפיצירען, נאָר מיר האָבען קיין מאָל ניט דערלעבט קיין יושר מצד די זשידעס קאָמוניסטען און עהנליכע צו זיי. בכן מוזען מיר זיי זאָגען: „אַוועק פון אונזער לאַנד, ווייל איהר האָט אונז געטאָן נאָר עולות“. לאמיר, חברים, מאַכען אַסוף צו דעם אונפּראָדוקטיווען עלעמענט פון די זשידעס און אַנדערע קאָמוניסטען.

זאָלען לעבען די ראַטען פון האָראָפאַשנע פויערים און אַרבעטער!
זאָל לעבען די אוקריינער סאָציאַליסט. אונאַבהענגיגע ראָטען־רעפובליק!
אַ טויט דעם גענעראַל דעניקין!
נידער מיט דער פאַלשער קאָמונע!

דער ראַט פון די פאָוסטאַנצעס־חילות פון אוקריינע, וואָס ליגט אויפ׳ן לינקען זייט דניעפער:

אַטאַמאַן לאַפאטין
דער שעף פון שטאַב:
זאַנגאָראָדסקי
(איבערזעצט פון אוקראַינישען אָריגינאַל.)

## צו אַלע רוסישע סאָלדאַטען, באָלשעוויקעס און רויטע־אַרמעער.

חברים! וועמען פון אונז איז ניט טייער אונזער פאָטערלאַנד, וועמען זיינען ניט טייער די געבאָטען פון אונזערע אבות, ביי וועמען פון אונז קלאַפּט ניט דאָס האַרץ, קוקענדיג אויף אַלץ, וואָס עס טוט זיך אָב פאַר אונזערע אויגען. אומעטום

דינען חורבות, טייכען בלוט פֿאַרפֿלייצען אונזער ערד. איהר וועטניט געפֿינען קיין איין אָרט, וואו עס זאָלען ניט זיצען בראָנשטיינ׳ס, בראָדסקי׳ס, און צימערמאַנ׳ס לייט. עס איז ניטאָ קיין איין ווינקעלע, וואו עס זיינען ניט דורכגעגאַנגען די מחנות לעטען און כינעזער, פֿרעמד פֿון אונז דורך זייער אָבשטאַמונג און גייסט. דאָס איז דער כח, אויף וועלכען עס בויען די דעספּאָטען לענין און טראָצקי מיט זייערע טשרעזוויטשיקעס און זשידאָווסקע קאָמיסאַרען. דאָס זיינען מחנות, וואָס קאָסטען אָב דעם פֿאָלק אוצרות, בעת אונזער רוסישער סאָלדאַט ליידט די גרעסטע נויט, און זיין משפּחה געהט אוים פֿון הונגער אונטער דעם יאָך פֿון דער באָלשעוויסטישער קאָמונע, וואָס נעהמט אָב די לעבענס־מיטלען, כדי צו דערנעהרען די דאָזיגע ווילדע מחנות. מען נאַרט אייך אָב. מען פֿאַרדרעהט אייך דעם קאָפּ מיט אידעען פֿון קאָמוניזם, מען באַהאַלט פֿון אייך אַלץ, וואָס עס קומט פֿאָר אין לאַנד. מען שיקט אייך קעמפֿען מיט די אוקריינער, כדי אָנצופּאַקען זיך די קעשענעס אין דעם טומעל, און איבערגעבען אין אייער אָבוועזענהייט די מאַכט אין די הענד פֿון די זשידעס. דאָס גאַנצע רוסישע פֿאָלק האָט זיך אויפֿגעהויבען געגען דער באָלשעוויסטישער מאַכט. איטליכען טאָג איז מען אונז מודיע, אַז עס הויבען זיך אויף ניט נאָר איינציגע דערפֿער, נאָר אויך גאַנצע גובערניעס, ווי, למשל: טולער, מאהילעווער, קאָסטראָמער, מינסקער און אַנדערע. טראָצקי האָט אוועקגעשיקט טרופּען כינעזער און לעטען, כדי צו דערשטיקען דאָס פֿאָלק. זיי הרג׳ענען אַוועק אָהן רחמנות אַלע מען פֿון קליין ביז גרוים און פֿערברענען די שטעדט און דערפֿער. ניט שוין זשע וועלען מיר שווייגען, ניט שוין זשע וועט זיך ווייטער דאָס רוסישע פֿאָלק באָדען אין בלוט, וואָס עס פֿערגיסען די דאָזיגע באַרבאַרען. ניט שוין זשע וועלען מיר געהן געגען דעם ווילען פֿון פֿאָלק. ניין, דאָס קען ניט זיין. מיר די 1־טע ראַטען־ארמעע, זעהענדיג דעם חורבן פֿון אונזער לאַנד, האָבען די ערשטע אויפֿגעהויבען די פֿאָהן פֿון קאַמף קעגען די באַדריקער. מיר האָבען די ערשטע אַראָבגעוואָרפֿען דעם יאָך פֿון די זשידעס־קאָמוניסטען. גלויבט ניט, חברים, ווען מען זאָגט אייך, אַז די אוקריינער אַרמעע איז אַ בורזשואַזע, ניין, דאָס זיינען די זעלביגע ארימע פּויערים, ווי מיר, דאָס אוקריינישע פֿאָלק, וואָס האָט אַראָבגעוואָרפֿען דעם יאָך פֿון די פּריצים און וויל באַשאַפֿען זיין זעלבשטענדיגען לעבען און אויף דערויף האָט ער היסטאָרישע און עקאָנאָמישע רעכט. טאָ געהט זשע ניט געגען איהם און געגען אונז, נאָר קערט זיך אום און קוילעט אוים די גערונגענע זעלנער מיט די קאָסאָקע אויגען, בעפֿרייט דאָס אייגענע לאַנד פֿון דער קאָמונע, פֿון דער זשידאָווסקער מאַכט. דורך דעם וועלען מיר ראַטעווען אונזער לאַנד פֿון אונטערגעהן. מיט אונז. שטעהט צו. צו אונז צו. זאָל לעבען די רוסלענדישע גרינדונגס־פֿערזאַמלונג.

די סאָלדאַטען פֿון דער 1־טער ראַטען־אַרמעע פֿון פּאָווסטיינצעס.

# 2. טייל

## דעניקינישע פּאָגראָמען

# מעמאָראַנדום פֿון אידישע קהלות צו דעניקין.

די אידישע קהלות פֿון יעקאַטערינאָסלאַוו, כאַרקאָוו, ראָסטאָוו און טאַווריס האָבען זיך געווענדעט צום גענעראַל דעניקין מיט אַ מעמאָראַנדום, אין וועלכען זיי שילדערען דעם קרייץ־צוג, וואָס זיין „פֿרייוויליגע־אַרמעע“ פֿיהרט געגען דער אידישער בעפֿעלקערונג און אַפּעלירען פֿאַר יושר. דער מעמאָראַנדום הויבט זיך אָן מיט אַנ׳אָנווייז, אַז די אידען געהערענדיג עקאָנאָמיש צום קליינבירגערליכען קלאַס . . . האָבען מיט אַ שטילער אונגעדולד ערוואַרט די פֿרייוויליגע־אַרמעע, וועלכע האָט זיי געזאָלט בעפֿרייען פֿון דער דיקטאַטור פֿונ׳ם פּראָלעטאַריאַט“, האָבען מיט ענטוזיאַזם מקבל פנים געווען די פֿרייוויליגע און זיינען געווען גרייט צו העלפֿען מיט געלד און מענשען, אָבער זייער האָפֿנונג איז אָבגענאַרט געוואָרען.

„אַנשטאָט שלום און גלייכבערעכטיגונג“, הייסט עס ווייטער, „וואָס אייער עקסצעלענץ האָט צוגעזאָגט, האָט די אַרמעע געבראַכט פֿאַר אידען ראַבירונגען, געוואַלד־טהאַטען מצד די סאָלדאַטען און, אין געוויסע פאַלען, אַ בייזווילינגע בעציהונג מצד די קאָמאַנדאַס . . . מיר פֿערשטעהען, אַז מען קען ניט פֿערמיידען קיין איינצעלנע פֿאַלען פֿון געוואַלד און ניט־געזעצליכקייט, בעת׳ן פֿערנעהמען געוויסע ערטער, אָבער מיט אַ טיעפֿען צער קאָנסטאַטירען מיר, אַז אין אַלע ערטער, וואָהין עס קומט די פֿרייוויליגע אַרמעע, איז פֿאָרגעקומען און עס קומט נאָך איצט פֿאָר אַ סיסטעמאַטישע, מעהר אָדער ווייניגער, פֿאָלשטענדיגע פֿערניכטונג פֿון דער אידישער בעפֿעלקערונג. די אַנטי־אידישע עקסצעסען האָבען אָנגענומען אַ בעזונדערס ווילדען כאַראַקטער אין דער שטאָדט יעקאַטערינאָסלאַוו, וואו עס זיינען צעשטערט געוואָרען אַלע אידישע הייזער פֿון פֿיער גאַסען, וואו עס זיינען געשענדעט געוואָרען הונדערטער אידישע פֿרויען און דערהרג׳ט אַ סך אידען. דער פּאָגראָם דויערט דאָרט נאָך.“

„אין כאַרקאָוו קומען פֿאָר טעגליך צעהנדליגער שווערע פֿאַלען פֿון ראַבירונגען און געוואַלד־טהאַטען, וועלכע שטעלען מיט זיך פֿאָר איין שאַרפֿען פּאָגראָם. אין אַ גאַנצע שורה פֿון קליינע פונקטען, ווי גרישונאָ, סינעלניקאָוו, לאָגאָזאַיאַ, אַבדיעווקאַ, יענאַקיאָווא, וואַלקי, באָגאָדוקאָוו און אַנדערע, זיינען פֿאָרגעקומען עהנליכע פּאַסירונגען.“

עס ווערט ווייטער אָנגעוויזען אויף דער שאַרפֿער אָפֿיציעלער אַנטיסעמיטישער העץ־פּראָפּאַגאַנדאַ, וואָס ווערט אָנגעפֿיהרט פֿון „אָסוואַג“, דער אינפֿאָרמאַציאָנס־ביוראָ ביי דעניקינ׳ס גענעראַל־שטאַב. אומעטום, וואוהין עס קומט דעניקינ׳ס חיל, בעווייזען זיך אויף די וועגד נעבען די אָפֿיציעלע בעפֿעהלען, פּראָקלאַמאַציעס געגען אידען, ווי די אויפֿרופֿען מיט׳ן טיטעל „די אַרבעטער פֿון דער רויטער גוואַרדיע . . .

אַלעמען" און אַנדערע. אידען דערלאָזט מען ניט אַלס אָפּיצירען און די, וועלכע
אָבען פערנומען אָפּיציר־שטעלען פון פריהער, האָט מען בעזייטיגט.
די מחברים פונ'ם מעמאָראַנדום פערלאַנגען „ניט קיין גנאָד, נאָר גערעכטיג־
יט". זיי פאָדערען מען זאָל אויפהערען מיט די פאָגראָמען „מחמת דעם איינ־
גען טעם, וואָס צווישען די אידען געפינען זיך באָלשעוויקעס". „זאָל די גערעכטע
טראָף דערגרייכען אונזערע באָלשעוויקעס, אָבער קיינער זאָל ניט האָבען דאָס
עכט צו מיסהאַנדלען די פרידליכע אידישע בעפעלקערונג, וועלכע איז ניט מעהר
עראַנטוואָרטליך פאַר טראָצקי'ן און סטעקלאָוו'ן, ווי דאָס רוסישע פאָלק פאַר לענינ'
ון גאָרקי'".

(דער מעמאָראַנדום איז געווען אין אַ ווערטליכער איבערזעצונג איבער־
געדרוקט אין דעם פראַנצויזישען ביולעטען פון דעם קאָמיטעט פון די
אידישע דעלעגאַציעס אין פאַריז, נומער 9).

## די פאָגראָמען אונטער גענעראַל מאַמאָנטאָוו.

אויף מאָרגען נאָך ראש השנה, דעם 27־טען סעפטעמבער, האָט דער בעקאַנטער
ב מאַזע אין דער גרויסער שול אין מאָסקווע פאַר אַ שטאַרק דערשיטערטען עולם
ספיד געווען די הרוגים פון די לעצטע פאָגראָמען. אין זיין רעדע האָט ער
ערצעהלט בעזונדערס וועגען די פאָגראָמען אונטער גענעראַל מאַמאָנטאָוו. סוף
ויגוסט 1919, איידער די שטאָדט קורסק איז פערנומען געוואָרען דורך דעניקין,
אָט זיך אַ טייל פון דעניקינ'ס חיל מיט'ן גענעראַל מאַמאָנטאָוו בראש איינגעגעבען
ורכצוברעכען דעם באָלשעוויסטישען פראָנט און צו פערנעהמען אַ שורה שטעדט.
אַמאָנטאָוו'ס אויפגאַבע איז בעשטאַנען אין דעם צו צעשטערן די זאַפּאַסען פון
וניציע און נאַהרונג פון דער רויטער אַרמעע, אַריינצוטראָגען אַ דעזאָרגאַניזאַציע
ווישען די באָלשעוויקעס און אויף אַזאַ אופן צו דערלייכטערען דעניקינ'ס מאַרש
ויף טולאַ. צו מאַמאָנטאָוו האָט אויסגעפיהרט זיין אויפגאַבע אָבער ניט, וועגען
עם זיינען דאָ חלוקי דעות, איין זאַך איז אָבער זיכער: ער האָט גלענצענד און
עטהאָדיש אויסגעפיהרט אַ טייל פון זיין פלאַן, נעמליך, דעם טייל וואָס איז שייך
ו דער פערניכטונג פון די אידען, וועלכע וואָהנען צווישען קורסק און טולאַ.
אָגראָמען זיינען פאָרגעקומען אין אַלע שטעדט אָהן אַן אויסנאַהם.
ון ווי עס פיהרט זיך ביי אידישע פאָגראָמען, האָט מען ניט געשאַנעוועט ניט קיין
רויען, ניט קיין זקנים, ניט אָרים און ניט רייך. דער גאַנצער וועג פון מאַמאָנ־
אָוו'ס סאָלדאַטען איז בעדעקט מיט אידישע קברים. די אַכזריות'ן, וואָס זיינען
עגאַנגען געוואָרען דורך די סאָלדאַטען, זיינען אַזוי מאוימ'דיג, אַז מען געפינט ניט
ו זיי גלייכע אין דער אידישער מאַרטיראָלאָגיע. אין זיינע אויפרופען האָט
אַמאָנטאָוו די פויערים אָפען אויפגעפאָדערט אויסצוקוילען די „זשידעס". דער
ענעראַל האָט געהאַלטען פאַר זיין חוב אַליין צו נעהמען אַנ'אַקטיווען אָנטייל אין
ער דאָזיגער הייליגער זאַך.
שרעקליכע פאָגראָמען זיינען פאָרגעקומען אין קורסק, טאַראַסאָוו, קאָזלאָוו
און אין אַ גרויסע צאָהל אַנדערע פונקטען, אָבער דער פאָגראָם אין יעלעץ איז
עווען אַם בלוטיגסטען. מאַמאָנטאָוו'ס אָבטיילונגען זיינען אריין אין דער דאָזיגער
שטאָדט דעם 21־טען אויגוסט און דער פאָגראָם האָט געדויערט 8 טאָג אָהן אַ

הפסקה. הונדערטער אידען זיינען דערביי דער׳הרג׳עט געוואָרען, צווישען זיי אַ מאַסע זקנים און קינדער. די קאָזאַקען האָבען זיך אַריינגעריסען אין הויז פֿון שניידער שאַקער און נאָכדעם ווי זיי האָבען אַלץ אויסגעראַבירט, האָבען זיי אַוועק־געפֿיהרט די גאַנצע משפחה אויפֿ׳ן אידישען בית־עלמון און זי דאָרט אויסגעקוילעט. די סאָלדאַטען האָבען אַוועקגעשלעפּט פֿרוי זאַקהיים און איהר טאָכטער אין וואַלד, וואו זיי האָבען זיי געשענדעט און דערנאָך דער׳הרג׳עט אינאיינעם מיט אַנדערע 16 אידען. אין דער אָרלאָוועגאַס האָט מען 10 אידישע מיידלעך מאַנס געוועז און גע׳הרג׳עט אינאיינעם מיט אַנדערע 20 פערזאָנען, צווישען זיי צוויי פֿיער־יאָהריגע קינדער. אין זאַרכין׳ס הויז האָבען די קאָזאַקען פֿאַר זיינע אייגענע אויגען גע־שענדעט זיין 16־יאָהריגע מיידעל און דער׳הרג׳עט דעם פֿאָטער מיט דער טאָכטער. עהנליכע סצענעס האָבען זיך אָבגעשפּיעלט אין די דירות פֿון די אידען פֿעלדמאַן, ראַפּאָפּאָרט און צייטלין. אין בונאַק ביי יעלעץ האָבען די סאָלדאַטען געשענדעט אַ 65־יאָהריגע פֿרוי, וואָס איז גלייך נאָכדעם געשטאָרבען. בסך הכל זיינען אַרום 150 אידישע פֿרויען געשענדעט און איבער 200 אידען אויפֿ׳ן ווילדסטען אופֿן דער־הרג׳עט געוואָרען. צווישען די לעצטע האָט זיך אויך געפֿינען אַ זקן פֿון 70 יאָהר, ווערמען מען האָט אַזוי צעקאַליעטשעט, אַז מען האָט איהם ניט געקענט דערקענען; מען האָט נאָר דורך אַ צופֿאַל פֿעסטגעשטעלט, אַז דאָס איז ער: ער האָט גע־האַלטען אין דער רעכטער האַנד אַ תהילים בעגאָסען מיט פֿערטריקענטע טרערען. דורך דעם האָט איהם דערקענט זיין פֿרוי... זיין גאַנצען לעבען האָט ער ניט אויפֿגעהערט צו זאָגען תהילים, ער האָט דורכגענעצט דאָס קליינע בוך מיט טרערען, וויינענדיג איבער׳ן גורל פֿונ׳ם אידישען פֿאָלק... מערדער האָבען איהם געטראָפֿען מיט׳ן ספר אין דער האַנד, האָבען איהם פֿערמוטשעט און דער׳הרג׳עט.

דאָס, וואָס איז איבערגעבליבען פֿון מאַמאָנטאָוו, האָט דעניקין פֿערענדיגט בעת זיין מאַרש פֿון קורסק אויף אָריאָל. פֿון די אידישע קהלות איז ניט געבליבען קיין זכר. מאָסקווע איז פֿערפֿלייצט מיט אידען אָהן אַ דאַך איבער׳ן קאָפּ. טעגליך קומען אָן טויזענדער אידען, וועלכע ענטלויפֿען פֿאַר דעניקינ׳ס אַרמעען. דער צאַריזם האָט זיך דערנעהרט מיט אידישע בלוט און היינט איז עס ווידער אידישע בלוט, אין וועלכע מען רעכענט אויפֿצובויען דאָס חרוב׳ע רוסלאַנד.

(„די אידישע צייטונג“ אין ווילנאַ פֿון 17־טען נאָוועמבער 1919, צוריקאיבערזעצט פֿונ׳ם „בולעטען“ פֿון די אידישע דעלעגאַציעס אין פּאַריז.)

## באַלאַשאָוו.

ווי די פֿרייוויליגע זיינען געקומען אין באַלאַשאָוו, האָבען זיי פֿאַמיליענווייז אַרעסטירט אַלע אידען, 65 אין דער צאָהל, און אריינגעוואָרפֿען אין טורמע. מעהרערע פֿון די אַרעסטירטע, צווישען זיי פֿרויען און שילערינענס, האָט מען אויפֿ׳ן אָרט אָהן קיין שום פּראָצעס דער׳הרג׳עט. אין טורמע האָט מען די אַרעסטירטע שרעקליך געמוטשעט. ביים אַוועקגעהן האָט מען עטליכע אַרעסטירטע, וועלכע זיינען געווען קראַנק אויף טיפֿוס, איבערגעלאָזט אין באַלאַשאָוו און, ווי דער קאָזאַקען־קאָמענדאַנט מאַרקאָוו האָט שפּעטער ערקלערט, זיינען זיי דער׳הרג׳עט געוואָרען. די אַנדערע אַרעסטירטע האָט מען געבראַכט אין שטעדטעל אורופינסק, וואו מען האָט די מענער און פֿרויען געהאַלטען צוזאַמען אין אַ שמוציגער פֿינסטערער טורמע אין

אנטיסאַניטאַרע בעדינגונגען און, לאָזענדיג זיי כמעט פֿערהונגערען, געצוואונגען צו די מיאוס׳טעסטע צוואַנג־אַרבעט, וואָס האָט פֿערשאַפֿט די אָרטיגע אַנטיסעמיטען יִרוים נחת רוח. דער אָפֿיציר מאַקאַראָוו, דער קאָמאַנדאַנט פֿון שטעדטעל, איז געווען דער קאָמאַנדאַנט פֿון הויפּט־קוואַרטיר פֿון צווייטען קאָרפּוס פֿון דער קאָזאַקען־אַרמעע.

(לויט׳ן ביולעטען פֿון די אידישע דעלעגאַציעס אין פּאַריז.)

## ראַוונאָפּאָל.

דעם 3־טען יולי זיינען פּריוווילינע אַריין אין ראַוונאָפּאָל, אַ קליינע אידישע קאָלאָניע אין טאַווריזער גובערניע. זיי האָבען געפֿאָדערט פֿון די אידען זיי צוצו־שטעלען 10 שטיק רינדער פֿאַר די טרופּען. די אידען האָבען גלייך געפֿאָלגט און צוגעשטעלט 12 שטיק. גלייך נאָכדעם האָט מען אַרויפֿגעלעגט אויף די דאָרף־איינוואָהנער אַ קאָנטריבוציע פֿון 10 טויזענד רובעל מיט׳ן סטראַשונעק פֿון אונטער־צוציגדען דעם דאָרף, אויב ביז 4 אַזייגער וועט דאָס געלד ניט געבראַכט ווערען. דער דאָזיגער בעפֿעהל האָט זיי געטראָפֿען ווי אַ דונער. זיי האָבען אַוועקגעשיקט דעלעגאַטען קיין באָגאָסלאָווסקאָיע, אַ קליינער שכנה׳שער דאָרף, וואו דער קאָמאַנ־דאַנט פֿון דער אָבטיילונג איז איינגעשטאַנען, איהם צו בעטען צו פֿערקלענערען די קאָנטריבוציע, וואָס איז אַרויפֿגעלעגט געוואָרען אויף די 70 פֿאַמיליעס פֿונ׳ם דאָרף, וואָס די העלפֿט פֿון זיי האָט געליטען הונגער, מחמת דעם שלעכטען שניט פֿונ׳ם פֿערגאַנגענעם יאָהר. ווי דער קאָמאַנדאַנט האָט דערהערט אַז די דעלע־גאַטען זיינען אידען, האָט ער זיי מיט זלזולים זיך געהייסען גלייך אָבצוטראָגען, אַ ניט וועט ער זיי לאָזען דערשיסען. „מען מוז אייך אַלעמען, שמוציגע אידען, עוקר מן השורש זיין, דאָס איז אייער טראָצקי, אייער לענין, אייערע קאָמיסאַרען, דאָס זייט איהר די אורזאַך פֿון רוסלאַנד׳ס אונטערגאַנג“. אומזיסט האָבען די דעלעגאַטען זיך בעמיהט אויפֿצווייזען, אַז זיי ווייסען לחלוטין גאָרנישט וועגען טראָצקי און די אַנדערע זיינען, אַז קיינער פֿון זיי איז ניט געווען ניט קיין קאָמיסאַר, ניט קיין באָלשעוויק. מען האָט זיי אַרויסגעיאָגט. די קאָנטריבוציע האָט מען ניט אַריינגעטראָגען, ווייל עס איז געווען לחלוטין אונמעגליך צענויפֿצונעהמען אַזאַ פֿער־העלטניסמעסיג גרויסע סומע. אויף מאָרגען אין דער פֿריה האָבען זיך קאָזאַקען באַנדען אַוואָרף געטהאָן אויפֿ׳ן דאָרף און זיי האָבען זיך אַריינגעריסען אין אַלע הייזער און האָבען אַלץ געראַבעוועט און אַוועקגעשיקט אין פֿוהרען קיין באָגאָסלאָווסקאָיע. מען האָט מענשען אין די גאַסען אויסגעטהאָן נאַקעט און צו־גענומען זייערע קליידער און העמדער. פֿון אַלע זייטען האָט מען געהערט די געשרייען פֿון די מענשען, וואָס זיינען געמוטשעט געוואָרען פֿון די קאָזאַקען. אויף איין געהעפֿט האָט אַ קאָזאַק אַ שטויס געטהאָן אַ זקן פֿון 75 יאָהר מיט׳ן פֿוס אין ברוסט, האָט איהם שטאַרק געשלאָגען מיט דער בייטש און געלד געפֿאָדערט. אויף אַנ׳אַנדערען הויף האָבען די קאָזאַקען אויפֿגעהאָנגען אַ זקן פֿון 80 יאָהר, פֿאָדערענדיג פֿון איהם געלד; דעם אומגליקליכען האָט מען בעפֿרייט פֿון דער פּעטליע, ווען ער איז שוין געווען כמעט דערוואָרגען. אין מיט׳ן העלען טאָג האָבען די קאָזאַקען געמאַכט אַ געיעג אויף פֿרויען און מיידלעך, זיי געשענדעט פֿאַר די אויגען פֿון זייערע עלטערען און מענער, ברוטאַל געשלאָגען זיי ביים קלענסטען

פּרוב פֿון די לעצטע צו פֿערטיידיגען די אומגליקליכע קרבנות, מען האָט פֿון די הייזער און הויפֿען אַלץ אַוועקגעשלעפּט, ווען די איינוואָהנער האָבען זיך געבעטען זיי וועניגסטענס איבערצולאָזען די פֿערד צו דער אַרבעט ביים שניט, האָבען די סאָלדאַטען געענטפֿערט: „ניט אייער דאגה, ניט איהר וועט דאַרפֿען אַריינברענגען דעם שניט, דען דאַן וועט איהר שוין אַלע זיין אויסגעקוילעט“.

אַם שוידערליכסטען איז געווען אין דער נאַכט. די סאָלדאַטען זיינען אַריינגעדרונגען אין אַלע הייזער און פֿון אומעטום האָט מען געהערט האַרצרייסענדע יללות, ווי מען וואָלט אויסגעקוילעט דעם גאַנצען דאָרף. ערשט אויף מאָרגען האָט מען זיך דערוואוסט, אַז מען האָט קיינעם ניט געה׳רג׳עט; מען האָט גע־האַט געשענדעט די פֿרויען און געשלאָגען אייניגע מענער זייערע. אַזוי איז דאָס אויך געגאַנגען אין די וויטערדיגע נעכט, ביז די אָבטיילונג איז אַוועק פֿון באָגאָסלאַווסקאָיע.

(לויט׳ן ביולעטין פֿון די אידישע דעלעגאַציעס אין פּאַריז.)

## קיעוו.

איינער פֿון די סעקרעטאַרען פֿון דעם בעלגישען גענעראַל־קאָנסולאַט אין קיעוו, וועלכער האָט פֿערלאָזען די שטאָדט דעם 29־טען אָקטאָבער, האָט מיטגעטיילט דעם קאָמיטעט פֿון די אידישע דעלעגאַציעס ביי דער שלום־קאָנפֿערענץ אין פּאַריז פֿאָלגענדע פּרטים איבער דער מורא׳דיגער אידישער שחיטה, וואָס ער איז געווען איהר אויג־עדות. דעם 19־טען אָקטאָבער איז קיעוו ווידער פֿערנומען געוואָרען דורך די באָלשעוויקעס, אָבער דריי טאָג שפּעטער האָט זיך איינגעגעבען די פֿרייוויליגע (דעניקינ׳ס חיל) זיי צו פֿערטרייבען. שוין בעת דעם קאַמף צווישען די באָלשעוויקעס און דער פֿרייוויליגע־אַרמעע זיינען בעקאַנט געוואָרען עטליכע פֿאַלען פֿון אַנטי־אידישע עקסצעסען, אָבער ווען די שטאָדט איז סוף־כל־סוף פֿערנומען געוואָרען דורך די פֿרייוויליגע, דאָס הייסט, דעם 16־טען אָקטאָבער, איז דער פּאָגראָם גע־וואָרען אַנ׳אַלגעמיינער און האָט אָנגענומען אַ ביז צו דער העכסטער מדרגה ווילדען חאַראַקטער. די שחיטה און די ראַבירונגען האָבען געדויערט 5 טאָג, פֿון 16־טען ביז דעם 20־טען אָקטאָבער. די כוליגאַנישע באַנדען, בעשטעהענדיג על פּי רוב פֿון מיליטערישען עלעמענט, זיינען געלאָפֿען דורך די אידישע קוואַרטאַלען, זיינען אָנגעפאַלען אין מיטען טאָג אויף אידען, האָבען געראַבירט און געווארגען מיט דער גרעסטער אַכזריות. ניט די האַרצרייסענדע יללות פֿון די קרבנות, ניט די געלד־סומען, וואָס זיי האָבען געצאָהלט די צעבושעוועטע סאָלדאַטען, האָבען זיי ניט גע־קענט ראַטעווען. די פּאָגראָמשטשיקעס האָבען זיך געוואָרפֿען אויף די פֿרויען, האָבען זיי געשענדעט און דערנאָך געהרגעט. אַסך פֿרויען האָט מען אַראָבגעוואָרפֿען פֿון 5־טען און ח־טען עטאַזש. אַסך מענשען האָט מען אַריינגעוואָרפֿען אין דניעפּר און דערטרונקען. די ראַבירטע זאַכען האָט מען אָנגעלאַדעוועט אויף וואָגענס און אַוועקגעפֿיהרט.

די גענויע צאָהל פֿון די קרבנות איז נאָך ניט באַשטימט געוואָרען, אָבער בערך 400 טויטע האָט מען שוין פֿערעגיסטרירט. די ערשטע ליסטע מיט די נעמען פֿון 121 הרוגים ברענגען מיר דאָ.

די מאַטעריעלע אידישע שאָדענס, וואָס זיינען אָנגעמאַכט געוואָרען דורך דעם

פּאָגראָם, זיינען מוראדיג גרויס און קענען נאָך ניט אינגאַנצען אָבגעשאַצט ווערען. מען רעדט פֿון עטליכע הונדערט מיליאָן רובעל.

דער פּאָגראָם איז אַרויסגערופֿען געוואָרען דורך דער אנטיסעמיטישער קיעווער פּרעסע, פֿון די ציַיטונגען „קיעווליאַנין“ און „וועטשערניעאָגני“. די דאָזיגע צייטונגען, וועלכע פֿיהרען שטענדיג אַ זעהר שאַרפֿע אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע, האָבען פּובליקירט ידיעות, אין וועלכע זיי האָבען בעשולדיגעט די אידען, אַז זיי האָבען געשאָסען אויף די פֿרייוויליגע־אַרמעע און געהאָלפֿען די באָלשעוויקעס. אָבער די אויספֿאָרשונגען, וואָס זיינען דורכגעפֿיהרט געוואָרען איבער דעם ענין דורך די „קריסטליכע ליגע צום קאַמף געגען דעם אַנטיסעמיטיזם“, האָבען בעוויזען די פֿאַלשקייט פֿון די אַלע בעהויפּטונגען פֿון די דאָזיגע אַנטיסעמיטישע בלעטער...

(דאָ קומט ווייטער די אויבענדערמאנטע ערשטע רשימה מיט די נעמען פֿון 121 הרוגים. צווישען די הרוגים געפֿינען זיך קינדער־עופֿה׳לעך און מעהרערע 70־יאָהריגע זקנים, אויך אַפֿרוי פֿון 90 יאָהר.)

(ביולעטען פֿון די אידישע דעלעגאַציעס אין פּאַריז, פֿראַנצויזיש, נומ. 9).

# דרוק־פעהלערס

| זייט | שורה | געדרוקט | דארף געדרוקט זיין |
|---|---|---|---|
| 82 | 16 | חאלט | דאָס וואָרט איז איבעריג |
| 86 | 18 פֿון אונטען | פּאָלטווער | פּאָלטאווער |
| 90 | 17 | שטייגש | שטייגט |
| 90 | 13 פֿון אונטען | גדיגאָריעוו | גריגאָריעוו |
| 92 | 10 | טשוגירין | טשיגירין |
| 92 | 11 | אַלעקסאנדיראַ | אַלעקסאנדריאַ |
| 92 | 16 | סטאַווישטשו | סטאַווישטשי |
| 92 | 8 פֿון אונטען | ערלאָזענדיג | פֿערלאָזענדיג |
| 93 | 8 | (ניין, חדשים כסדר) | (ניין חדשים כסדר) |
| 93 | 14 | פעטלאראַ׳ס | פעטליוראַ׳ס |
| 94 | 14 | ווידער | איידער |

דרוק פֿון וו. דרוגולין, לייפּציג.